STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04055

A MANTL FUN A PRINTS

Yossel Birstein

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יאָסל בירשטיין / אַ מאַנטל פון אַ פרינץ

דאָס בוך איז דערשינען מיט דער מיטהילף פון
„פאָנד משפחה חיים קערבער אין פּאַריז"

יאָסל בירשטיין

א מאנטל פון א פרינץ

דערציילונגען

פאַרלאַג
י.ל. פרץ
ישראל

תשכ"ט — 1969

A Mantl fun a Printz
by
Josl Birshtein

I. L. Peretz Publishing House
31, Allenby St., Tel-Aviv

יאָסל בירשטיין / אַ מאַנטל פון אַ פּרינץ
פאַרלאַג י. ל. פּרץ, תל־אביב

שער: יאָסל בערגנער

©

נדפס בישראל תשכ״ט
Printed in Israel 1969

דפוס „אורלי", רח׳ יסוד המעלה 27, תל־אביב, טל. 32062

פאַר אורדרי און יאָסל בערגנער

אינהאַלט

אַ מאַנטל פון אַ פּרינץ 9
דער בריוו 35
כ'האָב פאַרלוירן די מוזיק אין מיינע אויגן . . 45
באַגינען 62
צווישן איילבערטן 68
דערוואַרטונג 78
באַגעגעניש 89
ביי טאָג אויפן וועג 96
דובין און זיין ברודער 100
וועגער 126

אַ מאַנטל פון אַ פּרינץ

די קליינע באָבע האָט פאַרביסן אַ פינגער צווישן די ליפּן און מער נישט געקאָנט אויסריידן קיין וואָרט. זי איז געבליבן זיצן אין גרויס ווייטיק און געמאַכט אַ צייכן איך זאָל רופן דעם זיידן. אָבער דער זיידע האָט מער נישט געלעבט. כ׳האָב געדענקט וואָס ער פלעגט טאָן אין אַזעלכע פאַלן: זי נעמען אויף די הענט, אַריינטראָגן אין קלענערן צימער ווו דאָס איבעריקע בעט איז געשטאַנען און דאָרטן, איבערגעבויגן איבער איר, רופן איר נאָמען, שרייען און סטראַשען, אַז אויב זי וועט נישט קומען צו זיך וועט ער אַוועק פון שטוב.

ביים לעבן פלעגט ער יאָ אַוועק. איין מאָל איז ער אַרויס פאַרמאַכן די לאָדנס און אַוועק קיין לאָנדאָן. אַן אַנדערש מאָל — קיין אַמעריקע. פון לאָנדאָן איז ער צוריקגעקומען אָנגעטאָן אין אַ מאַנטל פון אַן ענגלישן פּרינץ. פאָרנדיק אין אויטאָבוס האָט ער געטראָפן דעם פּרינץ און שמועסנ־דיק מיט אים האָט ער זיך איינגעקוקט אין דעם מאַנטל וואָס יענער האָט געטראָגן און אים נאָך דעם נאָכגעמאַכט. און ווען ער איז צוריקגעקומען פון אַמעריקע האָט ער דערציילט וועגן די צוויי רויבער וואָס האָבן אים אָפּגעשטעלט אין מיטן גאַס און געפאָדערט ביי אים דאָס לעבן אָדער דאָס געלט. ער האָט פאַרדרייט זייערע הענט אויף הינטן און געבונדענע זיי אָפּגעפירט אין דער פּאָליציי. די באָבע פלעגט אַרויסגיין אין קיך אַריין, נישט וועלנדיק אויסהערן וואָס ער דערציילט, און דער זיידע האָט אַ לעבן לאַנג געשריגן אַז מען לאָזט אים נישט אויסרעדן קיין וואָרט אין שטוב.

אויף די עלטערע יאָרן האָט ער גענומען די באָבע, אַוועק מיט איר קיין אויסטראַליע און זיך דאָרטן באַזעצט. און ווען ער איז שוין געווען גאָר אַלט האָט ער זיך נאָך אַ מאָל אויפגענייט דעם מאַנטל, וואָס דער

ענגלישער פּרינץ האָט געטראָגן. ווען די באָבע האָט געעפנט דעם אַלמער און געזען דאָרט הענגען דעם מאַנטל — פּאַסקעס, שליפּעס און קנעפּ — האָט זי אויף ס׳ניי אָנגעהויבן חושד זיין דעם זיידן אין אַלע זיינע רייזעס. זי האָט געדענקט וואָס זי האָט געטאָן מיטן ערשטן מאַנטל אַזוי פיל יאָרן צוריק, ווען דער זיידע, הויך און ברייט, די באָרד אונטערגעשוירן, איז געגאַנגען איבער די גאַסן פון ביאַלע־פּאַדלאַסק, וואָס אַלע האָבן זיי זיך געצויגן צום מאַרק און דער מאַרק גופא איז שוין געווען פאַררעכנט הינטערן שטאָט, און ווו ער איז געגאַנגען, האָט מען פון צווישן קרענצל מענטשן אַרום אים. אויסגעשטרעקט אַ האַנט אָנצורירן אַ שליפּע, אַ קנאָפּ. „אַ ווונדער, אַז מען האָט דעם מאַנטל צוגעגנבעט״, פלעגט דער זיידע אַלע יאָרן איבערחזרן און די באָבע אין קיך פלעגט זיך רוגזן: „צוגעגנבעט״, זי האָט זיך דעמאָלט קוים איינגעבעטן ביים פרעמדן גייער איבער די הייזער, ער זאָל צונעמען דאָס פּעקל און זיך אָפּטראָגן פון דער געגנט.

אָן דעם זיידנס וויסן האָט די באָבע נאָך אַ מאָל געמאַכט פונעם מאַנטל אַ פּעקל און אַוועקגעשיקט קיין פוילן, מ׳זאָל האָבן וואָס צו טראָגן. אין בריוו האָט זי צוגעשריבן, אַז מען זאָל וועגן דעם נישט ענטפערן.

באַלד נאָך דעם בין איך געפאָרן קיין אויסטראַליע און מען האָט מיר מיטגעגעבן דעם מאַנטל אויף איבערן וועג מיטן באַדינג, אַז ווי נאָר איך וועל אָנקומען אַהין, זאָל איך אים גלייך צוריקשיקן, כדי ווינטער זאָל זיין אַ מלבוש אין שטוב. ווינטער האָט נישט אויסגעמאַכט וואָס מען האָט אָנגעטאָן.

ווען די באָבע האָט דערזען דעם מאַנטל האָט זי מיך אַוועקגערופן אָן אַ זייט און געהאַט טענות הלמאי מען האָט אים נישט געענדערט. וואָלט מען כאָטש איבערגעשטעלט אַ קנאָפּ. איך אַליין האָב אויך געוואָלט מען זאָל אים ענדערן מחמת ער איז געווען צו גרויס אויף מיר. כ׳בין געווען אַ קליינער און דער זיידע איז געווען הויך און ברייט, און כאָטש אויף דער עלטער איז ער שוין געגאַנגען געבויגן, האָט ער אָבער דעם מאַנטל זיך אויפגענייט לויט דער מאָס ווען ער איז געווען יונג און שטאַרק און נישט מורא געהאַט פאַר סכנות.

אַ מאַנטל פון אַ פּרינץ

פאַר מיין פאַרן האָט מען דעם מאַנטל יאָ אָפּגעגעבן צו אַ שניידער מען זאָל אים ענדערן. דער שניידער האָט געוווינט אין זעלבן הויז, אַ שטאָק נידעריקער פאַר אונדז. ער האָט געהאַט איין צימער, אַ סך קינדער און אַ שיין ווייב. דאָס שיינע ווייב זענען אים אַלע מקנא געווען. יעדן איבערפרי פלעגט דער שניידער עפענען דאָס פענצטער און זינגען שענער פאַר די פייגל. איין מאָל האָט ער אַזוי זינגענדיק אַריינגעגאָסן אַ טשייניק וואַסער אין בעט וווּ דאָס ווייב איז געלעגן, כדי זי זאָל אויפשטיין און מאַכן אים עסן. אָבער פון וואָס צו מאַכן עסן איז נישט געווען. וואָלט ער געענדערט דעם מאַנטל, וואָלט ער עפּעס פאַרדינט און ס׳וואָלט געווען מיט וואָס צו מאַכן עסן. נאָר כאָטש ער האָט מיר עטלעכע מאָל געמאָסטן האָט ער ענדערן נישט געענדערט.

די קליינע באָבע האָט דאָס אַלץ אויסגעהערט און געזאָגט איך זאָל נישט איבערחזרן די זאַך פאַרן זיידן און זי האָט געטראַכט, אַז עס וועט זיין בעסער מען זאָל דעם מאַנטל וואָס שנעלער צוריק שיקן קיין פּוילן, מחמת דאָרט האָט זיך שוין אונטערגערוקט דער ווינטער. אָבער אויך אין אויסטראַליע האָט גערעגנט. ס׳האָט גערעגנט גאַנצע טעג. די הימלען זענען געווען גרוי. די גאַסן זענען געווען נאַס. כ׳האָב געטראָגן דעם מאַנטל נישט פאַרשפּיליעט, כדי ס׳זאָל זיך נישט אָנזען אַז ער איז צו גרויס אויף מיר. אָבער דעמאָלט איז סיי ווי געווען די מאָדע צו גיין מיט אַ צעשפּיליעטן מאַנטל און פאָכען מיט די פאָלעס.

אויך די קליינע באָבע האָט געוואָרט ס׳זאָל אויפהערן רעגענען. צו מאָל פלעגט זי שאָקלען מיטן קאָפּ אויפן נאַסן דרויסן און אויפן שניידער וואָס האָט געזונגען און געהונגערט, אָבער דעם מאַנטל ענדערן האָט ער נישט געענדערט.

— וואָס האָט ער אין אים אַזוינס דערזען? — האָט זי געוואָלט וויסן.

— ס׳האַרץ האָט אים נישט געלאָזט — האָב איך נאָכדערציילט וואָס מען האָט דעמאָלט גערעדט אין הויף. ווייל די שכנים האָבן זיך געהאַט אַריינגעמישט. אויך דער בעל־הבית פון הויז האָט זיך אָנגענומען פאַרן שיינעם ווייב. ער איז כלומרשט אַריינגעקומען מאָנען דירה־געלט, אָבער דער שניידער האָט אים חושד געווען, אַז ער איז געקומען קוקן אויף זיין

שיין ווייב אין נאָסן העמד, האָט ער געוואָרפן דעם טשייניק, וואָס אַ העלפט וואַסער איז נאָך דאָרט געווען, דעם בעל־הבית אין קאָפּ אַריין.

— נטע־גוי? — האָט די באָבע געפרעגט.

אַזוי האָט מען טאַקע דעם בעל־הבית גערופן. אָבער די באָבע האָט נישט געגלייבט אין דער מעשה וואָס מען האָט וועגן אים דערציילט און פאַר וועלכער מען האָט אים גערופן מיט דעם צונאָמען. נטע־גוי איז געווען אַ דאַמען־שניידער און פלעגט נייען מאַנטלען פאַר די הויכראַנגיקע אָפּי־צירישע פרויען. גייענדיק איין מאָל אין גאַס לעבן דער אַפּטייק, איז ער אַנידערגעפאַלן און געחלשט. איז פאַרבייגעגאַנגען אַ פרוי פון אַן אָפּיציר, האָט זי, זעענדיק ווי ער חלשט, באַפוילן מען זאָל אים אַריינטראָגן אין דער אַפּטייק און זי אַליין האָט זיך מיט אים געפּאָרעט ביז ער איז געקומען צו זיך. זינט דעמאָלט פלעגט ער אָפט שפּאַצירן נעבן דער אַפּטייק און וואַרטן אויף אַ געלעגנהייט צו חלשן.

די באָבע האָט זיך אָפּגעשאָקלט פון דער מעשה, אָבער דער זיידע פלעגט אָפּלאַכן פון נטע־גוי. חלשן גאָר. אויך דער זיידע האָט אַ מאָל געהאַט געחלשט, אָבער גאָר אין אַן אַנדערן פאַל. ס'איז געווען אין אַמעריקע. נאָך דעם ווי ער האָט געבונדן די גענגסטער, וועלכע האָבן געפּאָדערט ביי אים דאָס געלט אָדער דאָס לעבן, און זיי אָפּגעפירט אין דער פּאָליציי. ווען ער איז אַהיימגעקומען האָט די הויזווירטין זיך געחידושט פאַרוואָס ער איז אַהיימגעקומען אַזוי שפּעט און פאַר וואָס ער זעט אויס אַזוי בלייך. ערשט דעמאָלט האָט ער, נאָך שטייענדיק אויף דער שוועל ביי דער טיר, אַ פאַל געטאָן צו דער ערד אין זיין גאַנצער לענג און געחלשט.

כ'האָב דער באָבען נישט דערציילט, אַז דער טאַטע האָט דעם מאַנטל נישט געטראָגן. כאָטש דער מאַמען איז ער יאָ געפעלן געוואָרן. פאַר מיין פאָרן האָט זי געוואָלט איך זאָל כאָטש איין מאָל אָנטאָן דעם מאַנטל, אַרויסגיין אין דרויסן און אַדרבא, זיך אונטערהערן וואָס מענטשן וועלן זאָגן. כ'האָב נישט אַזוי לייכט נאָכגעגעבן, מחמת אויך דער טאַטע האָט עס געטאָן און ער איז דורכגעפאַלן.

אין אַ שבת נאָך מיטאָג האָט מען זיך געקליבן גיין צום טאַטנס ברודער, דעם פעטער שמואל, און די מאַמע האָט געוואָלט דער טאַטע זאָל

אָנטאָן דעם מאַנטל וועט מען נישט זען די לאַטעס אויף דעם טאַטנס אַרבעטס־הויזן. קיין אַנדערע האָט ער נישט געהאַט. נאָר דער טאַטע האָט זיך איינגעשפּאַרט. ווען עס וואָלט געווען אַ הייליקער טאָג, וואָלט ער נישט אויסגעמאַכט, קיינער וואָלט זיך אויף אים נישט אומגעקוקט, אָבער אין אַ שיינעם, שבתדיקן טאָג האָט ער נישט געוואָלט מען זאָל אים באַרעדן. ווען מען איז אַרויס אין דרויסן און דער שיינער פרילינג־טאָג האָט אַ שלאָג געטאָן אין די אויגן, האָט די מאַמע, נאָכן אָפּגיין עטלעכע הייזער זיך אָפּגעשטעלט און געזאָגט, אַז ווייטער וועט מען נישט גיין. זאָל מען איר באַרעדן, אַבי מען זאָל נישט פאַרשעמט ווערן פון די פאַרבייגייער. אָדער דער טאַטע וועט אָנטאָן דעם מאַנטל און פאַרשטעלן די אָרעמע הויזן, אָדער מען וועט זיצן אין שטוב. דעמאָלט איז דער טאַטע ווייכער געוואָרן. ער האָט אַ קוק געטאָן אויף דעם שיינעם הימל, געטאָן אַ קרעכץ און ער איז צוריק געגאַנגען אין שטוב אַריין. מיר זענען געבליבן אין דרויסן און געוואַרט. ער האָט אַפילו אַ קוק געטאָן אויף צוריק, אפשר זאָל ער פּאַרט בלייבן ביי זיינס, נאָר די מאַמע האָט נישט נאָכגעגעבן. זי האָט אַ וויז געטאָן מיט דער האַנט ער זאָל גיין ווייטער און מיר האָבן איר צוגעהאָלפן.

בעת מיר האָבן געוואַרט אויפן טאַטן, ער זאָל צוריק אַראָפּקומען, האָט שוין די פאַרזעסענע פייגע, אַקעגן איבער אויפן אונטערשטן שטאָק, אַרויס־געקוקט דורכן פענצטער. אַ גאַנצע וואָך האָט זי געהאָלפן איר טויבער מאַמען מאַנגלעווען גרעט און שבת נאָך מיטאָג פלעגט זי אַרויסקוקן דורכן פענצטער און פון מאָל צו מאָל אַריינשרייען אין שטוב אַריין, כדי איר מאַמע זאָל וויסן וואָס עס קומט פאָר אין דרויסן אויף דער גאַס.

— נח דער שטעפּער אונד זיין פאַמיליע וואָלן שפּאַציר גיין — האָט זי אַריינגערעדט אין צימער אַריין. זי האָט געהאַט איידעלע מוילווינקלען און גערעדט אויף אַ דייטשמעריש לשון.

זי איז נישט געווען די איינציקע וואָס האָט אַרויסגעקוקט אויף דער גאַס. אַ פענצטער ווייטער האָט אַרויסגעקוקט קעמפּע, דער געוועזענער שלעגער. ער איז געווען אַ מענטש פון דער אונטערוועלט און ער האָט אַלעמען געשלאָגן. איין מאָל האָט מען אים אָנגעשלאָגן און טויב געמאַכט. זינט דעמאָלט פלעגט ער קוקן לענגער און שאַרפער. אויפן טאַטן האָט ער

געקוקט מיט אַן איבעריקן ווינק, מחמת ער האָט איין מאָל געראַטעוועט דעם טאַטן פון אַ פויערס רציחה. אַ פויער, וועלכער איז געקומען מען זאָל אים אויפנייען אַ פּאָר שטיול און דערווייל אַוועק אויף אַ חתונה, איז צוריק־געקומען פון דאָרטן אַ שיכורער, אַרויסגעכאַפּט דעם טאַטנס שנייד־מעסער, און שווערנדיק אויף כאַכלאַצקע לשון אַז ער האָט דעם טאַטן ליב, האָט ער אים געוואָלט שטעכן. האָט מען גערופן קעמפּען, וואָס איז שוין דעמאָלט טויב געווען און ער פלעגט זיצן אין די פּאַרנאַכטן אויף זיין שוועל ווי אַן אָפּגעקומענער שמשון הגיבור, און קעמפּע האָט אַראָפּגעטראָגן דעם לאַנגן, שפּיציקן גוי פון אונדזער שטוב און אים איבערגעלאָזט ערגעץ הינטער אַ פּאַרקן.

זינט דעמאָלט פלעגט דער טאַטע יעדן טאָג אַריינשטעקן די האַנט אין קעשענע, מיט עטוואָס פון אַ זיפּץ אַרויסנעמען געגנוג אויסלייזגעלט און שיקן קויפן פאַר קעמפּען צוויי שמעקעדיקע פּאַפּיראָסן. אַז קעמפּען פלעגט ווערן סמוטנע אויף דער נשמה פלעגט ער אַרויפקומען אין שטוב אַריין אַ שמועס טאָן וועגן יענעם פויער און דעמאָלט פלעגט דער טאַטע אויך דערלאַנגען, בלויז פאַר קעמפּען, אַ קעלישעקל בראָנפן.

אַצינד האָט קעמפּע, אַרויסקוקנדיק דורכן פענצטער, געזען וואָס עס קומט פאָר, אָבער געהערט האָט ער גאָרנישט. אויך נישט וואָס די פּאַרזעסענע פייגע האָט אַריינגערעדט צו איר טויבער מאַמען אין קאָמער אַריין. האָט ער געלאָזן דאָס פענצטער ליידיק, אַרויס דורך דער טיר און געבליבן שטיין, אַ פולער פּאַרטרעט, אין דעם אַריינגאַנג פון קאָרידאָר. און דעמאָלט איז אויך דער טאַטע געהאַט אַרויסגעקומען פון טויער אַנטקעגן איבער, אָנגעטאָן אין מאַנטל פון דעם ענגלישן פּרינץ, וואָס דער זיידע האָט זיך אויפגענייט אויף דער עלטער לויט דער מאָס פון זיינע יונגע טעג. אינעם קליינעם שפּיגל אין שטוב, האָט דער טאַטע זיך געזען בלויז טיילווייז, אָבער איצט, קוקנדיק אויף אונדז ווי מיר קוקן אויף אים, האָט דער טאַטע זיך געזען אַ גאַנצער. סך־הכל האָט ער געדאָרפט פּאַרבייגיין עטלעכע הייזער, אָבער וואָס נענטער ער איז צוגעקומען צו אונדז, אַלץ פּאַמעלעכער איז ער געגאַנגען און ווען ער איז צוגעקומען גענוג נאָענט און געזען ווי אַזוי מיר קוקן אויף אים, און גלייך דערזען אַקעגן איבער אין פענצטער דאָס

פּנים פון דער פאַרזעסענער פּיגע און שוין אויף דער גאַס, קעמפּען, זיין רעטער, האָט ער זיך געגעבן אַ דריי אויס, צום ערשט גיך און באַלד האָט ער אָנגעהויבן לויפן צוריק אַרויף אין שטוב אַריין. וואָס ער האָט געזען אין זיי און אין אונדז האָט ער נישט איבערגערעדט, אָבער ס׳איז אויך מער נישט געקומען צו רייד וועגן אָנטאָן דעם מאַנטל אין אַ שיינעם, שבתדיקן טאָג.

מיט מיר איז עס אַנדערש געווען. אַרויסגייענדיק אין דרויסן ווען ס׳איז געוואָרן פאַרנאַכט, בין איך געגאַנגען צו דער פּראָסטער גאַס, דאָרט וווּ די פּאָמפּע איז געשטאַנען, און אַ ביסל ווייטער איז געווען דער בית־עולם, האָבן אַ כאַפּטע יונגען, מיינענדיק אַז איך בין זייער עלטסטער, זיך אַ שטעל געטאָן ווי סאָלדאַטן און מיר סאַלוטירט. איינזעענדיק זייער טעות, זענען זיי אַריבערגעלאָפן די גאַס און מיך געוואָלט שלאָגן. האָט איינער פון זיי, אַ פּייערלעשערס אַ זון, זיך אָנגערופן:

— קוקטס אים אָן אינעם מאַנטל! ער פאָרט דאָך קיין אויסטראַליע! אים טאָר מען נישט שלאָגן, ער איז שוין אָן אַנדערער!

די כאַפּטע יונגען האָבן אים געפאָלגט און אָוועקמאַרשירט. זיי זענען געווען די אַליין־געמאַכטע זעלנער פון דער באָסע־גאַס.

ווי דער זיידע וואָלט דעם מאַנטל נישט דערקאָנט, האָט ער געקוקט אויף מיר ווי דורך אַ נעפּל. שטרענג און פאַרנומען מיט זיך האָט ער בייטאָג געשוויגן און אין אָוונט, ווען לאַנדסלייט זענען געקומען אָפּנעמען גרוסן, האָט ער דערציילט ווי אַזוי ער האָט אַ מאָל געכאַפּט אַ גנב גנבענען ביי אַ בעקער מעל. דער גנב האָט זיך געבעטן ביי אים רחמנות, ער זאָל אים אָפּלאָזן און דער זיידע האָט באַוויליקט נאָר מיטן באַדינג ער זאָל אים ענטפערן אויף איין פראַגע בלויז, און גלייך אין די אויגן: אין דער תורה שטייט געשריבן „לא תגנוב״, צי נישט?

דער זיידע האָט מיך אויסגעלערנט אַריינמאַכן אַ פּאָר קעשענעס אויף דער ניי־מאַשין און געזאָגט איך זאָל גיין אין אַ פאַבריק און זאָגן אַז איך בין אַ שניידער. כ׳האָב אַזוי געטאָן. נאָך אַ האַלבן טאָג האָט מען מיך אַהיימגעשיקט.

דער זיידע האָט געוווּסט, אַז מען וועט מיך אַהיימשיקן, מחמת ער האָט

געהאַלטן, אַז צו זיין אַן אמתער שניידער לערנט מען זיך נישט אויס, אַן אמתער שניידער ווערט מען געבוירן. ער גופא איז געבוירן געוואָרן אַן אמתער שניידער און ער האָט געהאַט אויף דעם סימנים. און ער האָט מיר דערציילט, אַז מיט יאָרן צוריק, זייענדיק אין לאָנדאָן, האָט ער אין אַן אויטאָבוס זיך געטראָפן מיט אַן ענגלישן פּרינץ. דער פּרינץ האָט געטראָגן אַ מאַנטל, און שמועסנדיק מיט אים, איז גענוג געווען איין קוק אויף דעם מאַנטל, ער, דער זיידע, זאָל אים שפּעטער נאָכמאַכן מיט אַלע פּיטשעווקעס. מ׳האָט דעם מאַנטל צוגעגבעט. יאָרן שפּעטער האָט ער זיך אַליין געוואָלט אויספּרובירן צי ער געדענקט נאָך אַלץ דעם שניט פון יענעם מאַנטל און ער האָט אים נאָך אַמאָל אויפגענייט.

כ׳האָב געוואָלט וויסן אויף וועלכער שפּראַך ער האָט גערעדט מיטן ענגלישן פּרינץ, ווייל אַפילו איצט, נאָכן אויסזיין אַ וועלט, האָט ער נאָך אַלץ נישט געקאָנט רעדן קיין ענגליש.

— אויף דייטשמעריש — האָט דער זיידע געענטפערט גאַנץ פשוט, און ער האָט זיך דערמאָנט, אַז עס איז געווען אַ צוויי־גאָרנדיקער אויטאָבוס אין וועלכן זיי זענען דעמאָלט געפאָרן.

— אויף דייטשמעריש, פאַרשטייט זיך — האָט ער איבערגעחזרט און נאָך אַ ווײַלע צוגעגעבן, — אויך אַ ביסל זשאַרגאָן.

זיין שטרענגקייט צו מיר האָט נאָכגעלאָזט און ער האָט מיר געשענקט אַ ראַזיר־מעסערל איינגעפּאַסט אין אַ שיידל פון ניקל, איך זאָל אויפטרענען די נעט, און אַז איך וועל נאָך אַ מאָל גיין אין פאַבריק אַריין וועט מען מיך שוין מער נישט אַהיימשיקן, איך וועל שוין דאָרטן בלייבן.

דערווייל האָבן די רעגנס אויפגעהערט. די זון האָט זיך צעשיינט און ס׳איז געוואָרן וואַרעם. די באָבע האָט מיך מיטגענומען צו באַזוכן אַ קראַנקן לאַנדסמאַן פון אונדזער שטאָט. אויפן וועג האָט זי זיך באַקלאָגט אויפן זיידן הלמאי ער האָט חוזק געמאַכט פון מיר; מיך געשיקט אין אַ פאַבריק אַריין זאָגן, אַז איך בין אַ שניידער, וויסנדיק פאָרויס, אַז מען וועט מיך אַהיימשיקן.

כ׳האָב דערציילט דער באָבען, אַז די קעשענעס וואָס איך האָב געמאַכט איז איינע אַרויסגעקומען גרויס און די אַנדערע — קליין אַזוי ווי פרעהס

קי, האָט מען דאָרטן געזאָגט און מ׳האָט מיך געפרעגט צי איך האָב אַ באָבע אין לאַנד. „גיי אַהיים, יינגעלע, צו דיין באָבען", האָבן זיי מיר געזאָגט.

אָן אויפגערעגטע האָט די באָבע באַשלאָסן, אַז נאָך היינט וועט מען איינפּאַקן דעם מאַנטל און אים צוריקשיקן קיין פּוילן.

כ׳האָב דעם מאַנטל איבערגעלאָזט אין שטוב מחמת ס׳איז שוין געווען וואַרעם אין דרויסן. נידעריקע הייזלעך האָבן זיך געצויגן אויף איין זייט גאַס און זיך געטריקנט אין דער זון. אויף דער צווייטער זייט גאַס האָט זיך געצויגן אַ שיינער בית־עולם. דורך די געפּאַרבטע שטאַכעטן האָבן זיך אָנגעזען מצבות און מלאכים פון מאַרמאָרשטיין. די באָבע האָט נישט געדענקט אין וועלכער שטוב דער לאַנדסמאַן האָט געוווינט, און אַזוי ווי איר ראיה איז שוין געווען שוואַך און זי האָט פון דער ווייטנס נישט געזען, האָט זי מיר געבעטן, איך זאָל פון מאָל צו מאָל אַ קוק טאָן אויף אַ טיר און דאָרט וווּ איך וועל זען אַ מזוזה, זאָל איך איר זאָגן, וועט מען אָנקלאַפּן און פרעגן. איך האָב זי געפאָלגט.

מיר זענען געגאַנגען פון הויז צו הויז און געזוכט מזוזות. ווען מיר זענען צוריק אַהיימגעקומען האָבן מיר געזען דעם זיידן אָנגעטאָן אינעם מאַנטל פון ענגלישן פּרינץ. מיר זענען געשטאַנען און געקוקט אויף אים. אים האָט דער מאַנטל געפּאַסט אַמבעסטן. מער פּאַר אַלע וואָס האָבן אים געטראָגן און געמאָסטן. און געמאָסטן האָט מען דעם מאַנטל ווען דאָס פּעקל איז אָנגעקומען קיין פּוילן.

יעדעס מאָל, ווען אַ פּעקל פלעגט אָנקומען פון אויסטראַליע, איז פריער געווען אויסגערעכנט אין אַ בריוו וואָס דאָרט איז פאַראַן און פאַר וועמען יעדע זאַך איז געשיקט, כדי מען זאָל זיך נישט קריגן און ס׳זאָל נישט אַרויסרופן ביי קיינעם קיין פאַרדראָס. דאָס האָט די באָבע, זינט זי איז אַוועקגעפאָרן קיין אויסטראַליע און פון דאָרט געשיקט פּעקלעך, אָפּגעהיטן. אָבער דאָס מאָל איז געווען געשריבן אין בריוו אַז מען האָט אַרויסגעשיקט אַ פּעקל און מען זאָל אויף דעם נישט ענטפערן. וואָס מען האָט דאָרט אַריינגעלייגט איז נישט געווען דערמאָנט. האָבן אַלע געוואַרט אויפן פּעקל. אויך פון טאַטנס צד האָט מען געוואַרט, כאָטש זיי האָבן קיינעם

אין אויסטראַליע נישט געהאַט. און ווען דאָס פּעקל איז אָנגעקומען, האָט מען געשיקט נחמיהן, דעם פעטער שמואלס ייִנגל, פון טאַטנס צד, וועלכער האָט געאַרבעט ביי אונדז אין דער שטעפּעריי, ער זאָל ברענגען דאָס פּעקל פון דער פּאָסט, כדי נישט אויפצורייסן די אויגן פון דער גאַס. דער טאַטע האָט מורא געהאַט פאַר עין־הרעס. פלעגט אַ פרעמדער אַרויסגיין פון שטוב און מען האָט געמיינט אַז ער האָט געזאָגט אַן איבעריק וואָרט, האָט מען אים נאָכגעשטעקט פייגן און צינגער. און נישט דווקא אַ פרעמדער, אויך דעם טאַטנס ברודער, דער פעטער נאָכקע מיטן איינעם אויג, האָט מיר אַ מאָל געהאַט געגעבן אַן עין־הרע. דער טאַטע האָט דעמאָלט געפּרוווט אָפּשרייען זיינע ווערטער: „שאַ שאַ, האָסט גאָרנישט געזאָגט און גאָרנישט געזען", האָט ער געשריגן אויף אים, אָבער ס'איז שוין געווען צו שפּעט און זיין אָפּשרייען האָט נישט געהאָלפן. כ'האָב אויפגעהערט עסן, קראַנק געוואָרן און באַקומען היץ. דעמאָלט האָט מען מיך גענומען צו דער טויבער מאַמען פון דער פאַרזעסענער פייגע, זי זאָל מיר אָפּשפּרעכן אַ גוט־אויג.

סיי ווי פלעגט נחמיה ברענגען פּעקלעך שמאַטעס וואָס מען פלעגט נוצן צו די כאָלעוקעס, ווער קיינעם נישט איינפאַלן אים נאָכצוקוקן וואָס ער טראָגט. און אַזוי וואָלט זיכער געווען. אָבער נחמיה, אַ קליין געוויק־סיקער, מיט אַ לעכל הינטערן אויער, וועלכער האָט אויך חשק געהאַט אויסצונעמען ביי מיידלעך און נישט אויסגענומען, פלעגט זיך שעמען צו טראָגן פּעקלעך שמאַטעס אויף דער גאַס און ער פלעגט זיי תמיד באַהאַלטן אונטערן מאַנטל, איז אַצינד, אַז ער האָט שוין יאָ געהאַט די געלעגנהייט צו טראָגן אַ שיין פּעקל פון דער פּאָסט, באַקלעפּט מיט קאָלירטע מאַרקעס און פרעמדע שטעמפּלען, איז כאָטש מען האָט אים באַפוילן צו טראָגן דאָס פּעקל אונטער זיין מאַנטל און כאָטש זיין כוונה איז געווען, ווי ער האָט צוגעזאָגט, האָט ער זיך אָבער נישט געקאָנט איינהאַלטן און געטראָגן דאָס פּעקל אַזוי אַז עפּעס זאָל מען יאָ זען און וויסן.

גלייך נאָך דעם ווי נחמיה האָט געבראַכט דאָס פּעקל אין שטוב אַריין האָבן אָנגעהויבן קומען שוסטערס און שכנים מיט באַשטעלונגען און מיט תירוצים און פון מאָל צו מאָל האָט ווער אַ פרעג געטאָן דעם טאַטן הינטער זיין פּלייצע: וואָס הערט זיך עפּעס אין אויסטראַליע? און דער טאַטע,

כאָטש ער האָט געוווּסט, אַז דאָס פּעקל ליגט שוין אין קאָמער אויפן בעט און אַז אין אָוונט וועט מען עס עפענען, האָט ער זיך נישט פאַרגינען אָפּצו־שמייכלען, אויס מורא פאַר אַזוי פיל אויגן און איבעריקע רייד. ער איז געשטאַנען אַן אומבאַהאָלפענער און די גאַס איז געווען מעכטיקער פאַר אים. ס׳איינציקע וואָס ער האָט געקאָנט טאָן און ער האָט עס געטאָן איז געווען נאָכשטעקן פייגן און ציינגער.

אין אָוונט, צום עפענען פון פּעקל, איז געקומען דער מאַמעס שוועסטער מיט איר מאַן. אַ הויכע, אַ געבויגענע און אַן פּרעטענזיעס, וואָלט זי מוחל געווען דעם גאַנצן טאַראַראַם און געבליבן אין דער היים, אָבער איר מאַן איז געווען אַ חשדן און ער האָט זי געבראַכט צו פירן. סיי ווי איז ער תמיד געווען זיכער, אַז מען נאַרט אים אָפּ. ער האָט געוואָלט, אַז אַלע פּעקלעך און בריוו וואָס מען האָט געשיקט פון אויסטראַליע, זאָלן קומען אויף זיין אַדרעס, אָבער זאָגן דאָס אָפן האָט ער נישט געזאָגט, אויס מורא פאַרן זיידן אַפילו פון דער ווייטנס. אַכט יאָר האָט ער געפירט אַ ליבע מיטן זיידנס טאָכטער און דריי מאָל האָט דער זיידע געשיקט נדן און קיין חתונה איז נישט געוואָרן. האָט דער זיידע זיך אַראָפּגעכאַפּט מיטן פערטן נדן אין דער האַנט און דעמאָלט האָט ער קיין ברירה נישט געהאַט און זיך געלאָזן פירן צו דער חופּה. דאָס האָט דער מאַן דעם זיידן נישט פאַרגעבן און ער פלעגט אויסלאָזן זיין כעס פאַר דער עוולה צום ווייב. און זי איז געווען אַ שטילע און פלעגט אַלץ פאַרנעמען און פאַרשווייגן, אַוועקמאַכנדיק דאָס בייזע מיט דער האַנט. אויך איצט, בעת איר מאַן האָט זיך געפּאַרעט ביים עפענען דאָס פּעקל, און די מאַמע האָט מיט חוזק אין איר טאָן אָנגעוויזן אויף אים, זאָגנדיק צו איר שוועסטער:

— זע נאָר דיין מאַן.

האָט די שוועסטער אָפּגעענטפערט:

— אַ מאַן — אַ שפּאָן.

און זי האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט, צעעפנט עטלעכע פינגער, איבערגעדרייט און געוויזן די גרייס פון שפּאָן.

ער איז טאַקע געווען קליין און דאַר און ווען ער האָט דער ערשטער אָנגעמאָסטן דעם מאַנטל איז ער געשטאַנען אין אים ווי אַ פויגל־שרעקער.

אַלע האָבן עס געזען און מסתמא האָט ער עס אויך דערשפּירט, האָט ער געקוקט אויפן ווייב און געוואָלט זי זאָל אים העלפן. אפשר וועט זי אַ זאָג טאָן: „נו מילא, אַז דו האָסט שוין אָנגעטאָן דעם מאַנטל, טראָג אים שוין געזונטערהייט. ס׳פּאַסט דיר גאַנץ פיין". און דעמאָלט, אַז די אַנדערע וועלן זיך נישט אָנרופן וועט עס שוין אפשר בלייבן ביי אים. נאָר דאָס ווייב האָט גאָרנישט געזאָגט. אויך די אַנדערע האָבן זיך נישט אָנגערופן, וואַרטנדיק ער זאָל זיך אויסטאָן פון מאַנטל וואָס איז נישט זיינער. האָט ער זיך אַליין אַ הויב געטאָן עטוואָס העכער און געזאָגט צום ווייב מיט אַ הייזעריק קול און אויך אַ ביסל שטאַמלענדיק, אָבער פאָרט זייער שנעל.

— מ׳קאָן פון דעם מאַכן צוויי זשאַקעטלעך.

דווקא נאַכקע, דעם טאַטנס ברודער, דער מיטן איינעם אויג, וואָס תמיד פלעגט ער בלייבן דער לעצטער עפּעס צו זאָגן און אויך דעמאָלט פלעגט ער גאָרנישט נישט זאָגן, דווקא ער איז צוגעגאַנגען און אַראָפּגענומען פון יענעם דעם מאַנטל און נישט ווילנדיק, ער האָט עס גאָרנישט געמיינט, אים אַליין אָנגעטאָן. אַ צייט לאַנג פלעגט נאָך נאַכקע וועלן דערקלערן וואָס עס האָט אים געשטופּט דערצו, אָבער מען האָט נישט געקאָנט פאַרשטיין וואָס ער מיינט. מחמת ער האָט געהאַט אַ נטיה, אַלע מאָל ווען ער האָט געוואָלט עפּעס זאָגן, אָנצוהויבן און פאַרענדיקן זיינע רייד מיט די ווערטער „עלאָך געגאַנגען". מיט די יאָרן האָט זיך די אייגנשאַפט אַזוי פאַרשטאַרקט אין אים, אַז מער ווי „עלאָך געגאַנגען" האָט ער קיין אַנדער וואָרט כמעט ווי נישט געקאָנט אַרויסריידן. ער איז געווען פון טאַטנס צד און קיין קרובים אין אויסטראַליע נישט געהאַט. אַזוי פלעגט ער נישט קומען צום עפּענען פון פּעקלעך, אָבער דאָס מאָל האָט מען נישט געוווּסט וואָס אין פּעקל איז דאָ, האָט ער געבראַכט מיט זיך אַ דריטל פון זיינע עלטערע אַכט אָדער ניין קינדער, טראַכטנדיק, אַז אויב זיי וועלן זיין אויפן אָרט וועט אפשר אויך עפּעס צופאַלן פאַר זיי.

אַ מאָל איז נאַכקע געווען אַ שוסטער. האָט ער פאַרלוירן אַן אויג. נאָך דעם האָט ער פאַרלוירן די קליענטן. נאָך דעם האָט ער אויך פאַרלוירן די קאָפּיטעס און דאָס אַנדערע שוסטער־געצייג. אויך דאָס שוסטער־בענקל

וואָלט פאַרלוירן געגאַנגען ווען עס וואָלט נישט געווען אַ טייל פון מעבל אין שטוב. איין מאָל אין אַ יום־טוב פלעגט מען נאָך מאַכן אַ פּרוּוו צוריק צו ברענגען נאַכקען צו שוסטעריי. דער טאַטע פלעגט אויפנייען די כאַלע־ווּעס, באַרגן ביי אַ שוסטער אַ פּאָר קאָפּיטעס, צונויפזאַמלען צווענגלעך און העמערלעך און אים אָוועקזעצן ער זאָל מאַכן אַ פּאָר שיך פאַר וועמען אין דער משפּחה. אין אָנהויב איז עס נאָך געגאַנגען ווי עס איז. ס'האָט געדויערט און ער האָט די שיך פאַרטיק געמאַכט. אָבער נאָך דעם האָט ער אויפגעהערט און מער נישט געקאָנט מאַכן קיין שיך. נאַכקע האָט פאַרגעסן זיין פאַך און געוואָרן אויס שוסטער. ווינטער פלעגט ער אַרומוויקלען די פיס מיט שמאַטעס, דאָס פּנים מיט אַלטע דערעס און שאַלן און אַרויסגיין שאַרן דעם שניי אויף די גאַסן, כדי צו פאַרדינען אויף ברויט, און זומער פלעגט ער, אין די פרייטיק־צו־נאַכטסן, גיין איבער די הייף זאַמלען חלות פאַר דער חברה „לחם־עוני". אין אָנהייב האָבן די אָנגעזעענע מענטשן פון שטאָט אַליין געזאַמלט די חלות און צעטיילט צווישן די אָרעמע־לייט. אָבער נאָך דעם האָבן זיי אונטערגעקרעכצט, אַז זיי האָבן נישט קיין כוח צו שלעפּן זעק מיט חלות און נאָך אַן אַסיפה באַשלאָסן, אַז די אָרעמע־לייט גופא זאָלן גיין איבער די הייזער זאַמלען די חלות און וואָס שייך צעטיילן, וועלן זיי, די בעל־הבתים, אַכטונג געבן. און אַזוי איז פאַרבליבן. נאַכקע האָט אויס־געקליבן די גאַס וווּ מיר האָבן געוווינט. ער האָט געשלעפּט דעם זאַק אויף אַלע גאַרנס, כדי ווען ער וועט אַרויפשלעפּן דעם זאַק אויף אונדזער גאָרן זאָל אים דער שותף, וואָס האָט אים געהאָלפן זאַמלען, נישט חושד זיין אין גאָרנישט נישט.

יעדן פרייטיק־צונאַכטס פלעגט נאַכקע שרייען „לעכעמוינע" און אַרויפ־לויפן אויף די טרעפּ צו אונדז אין שטוב אַריין. דער טאַטע פלעגט שוין זיין ביים דאַוונען און אויך די מאַמע פלעגט אַוועק, כדי איך זאָל בלייבן אַליין אין שטוב און קיינער זאָל נישט וויסן, אַז איך העלף נאַכקען גנבענען חלות, כדי ער און זיין ווייב און זיינע קינדער זאָלן נישט אויסגיין דורך דער וואָך פון הונגער.

נאַכקע האָט אַזוי קאָמבינירט, אַז ווען ער איז געקומען צו אונדז אין הויף איז שוין דער זאַק געווען פול. ביים עפענען די טיר בין איך שוין

געשטאַנען גרייט מיט אַ קיישל און געהאַלפֿן אָפּלייגן די חלות. ער האָט געשלעפּט פֿון זאַק און איך האָב זיי געלייגט אין קיישל. אַז עס האָט זיך געמאַכט עפּעס אַ ראַזעווע לעבל ברויט, האָט ער עס צוריק אַריינגעפּאַטשט אין זאַק אַריין אָן שום דרך ארץ, אָבער קוים האָט ער אַרויסגעשלעפּט אַ פֿיינע חלה, פֿלעגט ער, אַפֿילו אין דער איילעניש, און אין דער מורא צו ווערן געכאַפּט, בלייבן אַ רגע פֿאַרגליווערט, באַקוקן מיטן איינעם אויג, ווי אַ רויבפֿויגל, די חלה, און פּרווון געדענקען ביי וועמען ער האָט עס גענומען. ער האָט געקליבן פֿון זאַק בלויז די גבירישע חלות. ער האָט זיי גערופֿן ביי די גבירישע נעמען: „קאַלאַכשטיין! קלינגער! בידערמאַן!"

קוים פֿלעגט עס געדויערן אַ ביסל לענגער און דער שותף, הינטן אין הויף, פֿלעגט אים רופֿן, פֿלעגט ער אויך דעמאָלט פֿאַרגליווערט ווערן פֿון שרעק, אָנשטעלן דאָס אויג אויף מיר און שרייען „לעכעמוינע", כדי יענער זאָל מיינען אַז ער זאַמלט נאָך חלות. האָט ער אַ קוק געטאָן אויף מיר, האָט זיך מיר תּמיד געדאַכטן, אַז ער זעט מיך נישט ריכטיק און איך פֿלעג זיך אַ רוק טאָן אַ ביסל אָן אַ זייט, כדי ער זאָל מיך בעסער זען.

שפּעט אין די אָוונטן, אין מיטן דער וואָך, ווען מענטשן זענען שוין געשלאָפֿן און ס'איז שוין געווען טונקל אין די שטיבער, פֿלעגט נאָכקע קומען צו גיין, אַ קלאַפּ טאָן אין טיר מען זאָל אים עפֿענען, ווייל דעמאָלט איז שוין דער פֿרענט געווען פֿאַרלייגט אויף דער טיר, זיך אַריינשאַרן ווי אַ שאָטן אין ווינט, צו צום ווינקל וווּ די חלות זענען געלעגן, אַרונטעררוקן אַ חלה אונטער דער בורקע און אַוועק אָן אַ וואָרט, אָן אַ זיי געזונט, ווי ער וואָלט אין גאַנצן נישט געקומען; מ'זאָל נישט וויסן, אַז ער איז געווען, איז ער צוריק אַוועק אין דער נאַכט אַריין אַהיים, כדי צו צעטיילן פּענעצן חלה פֿאַר די קינדער, וועלכע האָבן זיך ביי אים דערהאַלטן. ווייל נישט אַלע וואָס זענען ביי אים געבוירן האָבן זיך אויפֿגעהאַלטן. יעדעס יאָר פֿלעגט עפּעס געשען ביי אים און נישט אַלע מאָל צום גוטן. ער פֿלעגט געדענקען וויפֿל עס לעבן, אָבער די נעמען פֿלעגן זיך ביי אים צעמישן. כ'האָב אים איין מאָל געזען שטיין אַזאַ צעמישטער. מע האָט אים גערופֿן אין אַ פּוילישער ביוראָ און ער האָט מיך מיטגענומען צו פֿאַרטייטשן זיינע ענטפֿערס. ס'איז געווען דאָרט, ביים אויסרעכענען די נעמען פֿון זיינע קינדער, האָט איין

נאָמען פון אַ יינגעלע זיך ביי אים פאַרפּלאָנטערט און ער האָט נישט געדענקט צי ער לעבט צי נישט. פון גרויס בהלה איז ער מיטן היטל אין האַנט אַרויס פון דער ביורא און אָנגעהויבן לויפן. זיינע אָפּגענוצטע לאַטשן האָבן אויסגעזען ווי שטעקשיך און אַלע מאָל זיך אַרויסגעגליטשט פון זיינע פיס. כ׳בין אים נאָכגעלאָפן ביז זיין היים. נאָכקע האָט געוווינט אין אַ הויף, ווו די שטיבלעך זענען געשטאַנען אויסגעשטעלט אין אַ „ח״. ער האָט געוווינט אין רעכטן ווינקל פון „ח״. ווען ער איז נאָך געווען אַ שוסטער האָט ער דאָרט געהאַט אַ צימער, אַ קיך און אַ גאַניקל. ווען ער איז געוואָרן אויס, און נישט געצאָלט קיין דירה־געלט, האָט מען אים אַרויסגעשטויסן פון צימער; מ׳האָט איבערגערוקט אַ וואַנט און ער איז געבליבן מיטן קיכל און גאַניקל.

דאָס יינגעלע, אין וועלכן ער האָט געצווייפלט, האָט זיך אָפּגעפונען צווישן די לעבעדיקע, און אָנשטאָט זיין צופרידן איז נאָכקע אַרויפגעפאַלן אַ בייזער אויף דער עלטסטער, עלף־יאָריקער טאָכטער, וואָס האָט געמאַכט אירע לעקציעס. ער האָט אַ נעם געטאָן איר קאַיעט און געשריגן, אַז עס געפעלט אים נישט איר שרייבעכץ, כאָטש ער אַליין האָט קיין צורת אות נישט געקאָנט. ערשט ווען די טאָכטער האָט זיך צעוויינט, האָט זיך נאָכקע אָוועקגעשטעלט ביים איינציקן פענצטער אַרויסקוקן אין הויף אַריין און באַרויקן זיין געמיט. ס׳ווייב האָט זיך נישט אַריינגעמישט. זי האָט געפּוצט ליידיקע פּושקעס און באַצירט די ווענט. זי האָט געקליבן אויסגענוצטע פּושקעס פון קאָנסערווירטע הערינגלעך, זיי אָפּגעריבן און געמאַכט זיי זאָלן שיינען, און אויף די ווענט פון קוימען, איבער דער קיך, זיי אויסגע־שטעלט ווי פּיראַמידן.

אַרויסקוקנדיק דורכן פענצטער האָט נאָכקע געזען אין הויף אַ קלע־נערע טאָכטער מיט אַ פּענעץ חלה אין די הענט. ער האָט זיך אַ בייג געטאָן צו מיר און געוואָלט איך זאָל אים זאָגן וויפל חלות עס זענען נאָך פאַר־בליבן אין ווינקל, ביי אונדז אין קאַמער, געדענקענדיק, אַז עס איז שוין מיטוואָך. ער האָט נישט געוואַרט אויף מיין ענטפער און געבויגן די פינגער, ציילנדיק די חלות, וואָס, לויט זיין חשבון, דאַרפן נאָך דאָרט זיין. אויך איצט האָט ער די חלות געציילט לויט די נעמען פון די געבער: „קאַלאַכ־

שטיין, בידערמאַן״. ער האָט אויפגעהערט אינמיטן, מחמת עפּעס אַנדערש אין הויף האָט פאַרכאַפּט זיין אויג. אַן אַלטיטשקע, וואָס האָט געדרעמלט אויף אַ בריקל, עטלעכע שטיבלעך ווייטער, האָט זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף, אַ שאָקל געטאָן מיט די אויגן־לעפּלעך און קוקנדיק אין הויף אַריין דערזען וואָס נאַכקע האָט געזען: דאָס מיידעלע מיטן פּענעץ חלה אין אַ העלן מיטוואָך. זונטיק און מאָנטיק און אַפילו פרייטיק וואָלט נישט אויסגעמאַכט, אָבער מיטוואָך זאָל נאָך זיין חלה פון שבת? זי האָט זיך צוגעשאַרט צום מיידעלע פון הינטן, און איידער נאַכקע האָט באַוויזן צו וואָרענען האָט די אַלטע אַרויסגעכאַפּט די חלה פון דער קליינערס האַנט. ווי אַן אַלטע קוואָקע, מיט דינע, צעשפּרייטע פיס, ווען מען גיט זי אַ יאָג, אַזוי האָט די אַלטע אַ לויף געטאָן איבערן הויף און געקרייט:

„מיטוואָך — חלה!״

זינט דעמאָלט האָט נאַכקע אויפגעהערט ברענגען די חלה אַהיים צו זיך. ער פלעגט שיקן די קינדער צו אונדז. פון מאָל צו מאָל האָט זיך אַריינגעשטעלט אַ דערשראָקן נפשל מיט אויפגעריסענע אויגן, קיין מאָל נישט זיכער, צי מען וועט געבן אָדער נישט. און אַז מען האָט עס אַריינגעפירט אין קאָמער און דערלאַנגט אַ פּענעץ, האָט עס אָנגעפּאַקט די באַקן, זיך געשטיקט און געשלונגען און די אויגן זענען געבליבן גרויס, קוקנדיק ווי אַ בעל־חי דעם געבער אין פּנים אַריין — ס׳וועט זיין נאָך אָדער נישט?

דער פעטער נאַכקע איז געבליבן שטיין אינעם מאַנטל און אַלע האָבן אים באַקוקט. ער איז נישט געווען זיכער, צי ער גייט אים טאַקע אָנגעטאָן. ער איז געווען צוגעוווינט צו טראָגן פרעמדע מאַנטלען, ווייל ער האָט זיך קיין מאָל קיין אייגענעם מאַנטל נישט אויפגענייט, און כאָטש דער מאַנטל איז אויך אויפגענייט געוואָרן פאַר אַ פרעמדן, האָט ער אָבער געוווּסט, אַז דאָס מאָל איז עס נישט פאַר אים. מיט אַ מאָל זענען זיינע ליפּן דין געוואָרן. זיין פּנים האָט זיך אָנגענומען מיט אַ גרינעם כעס. ער האָט אַ שמיץ געטאָן מיט זיין איינציק אויג איבער זיין אָפּגעריסן קליינוואַרג אַרום זיך און אויסגעשריגן:

אַ מאַנטל פון אַ פּרינץ

— ווו איז די מאַמע? רופט דער מאַמען!

אָבער די מאַמע, זיין ווייב, איז נישט געווען מיט אים. זי האָט גע־פירט אַ ברוגז אויף איר מאַנס משפחה און קיין מאָל מיט אים נישט געקומען. זי איז געבליבן אין דער היים און, ווי אַלע יאָרן, געבויט פון אָפּגענוצטע פושקעס פּיראַמידן אויף די ווענט.

בלויז דער פעטער שמואל, דעם טאַטנס עלטסטער ברודער, האָט געקאָנט איינגעמען גאַכקען אין אַזאַ מאָמענט. ער איז צוגעגאַנגען און ער האָט אים אַרויסגעוויקלט פון מאַנטל, ווי פון אַ בייזן חלום אַרויס. אַליין איז ער געבליבן שטיין מיטן מאַנטל, פאַר אַלעמען צו זען, און אים גע־האַלטן אין דער הויך, אויפגעהאָנגען אויף עטלעכע פינגער. אַזוי איז ער אַ ווײַלע געשטאַנען, געשמייכלט און געהוסט. דער פעטער שמואל האָט אַ סך געהוסט. יעדן שבת־צונאַכטס פלעגט ער קומען צו גיין, טרינקען טיי, רויכערן און הוסטן און פּלאַנעווען צו גטן דאָס ווייב. צו מאָל פלעגט ער, אויפן וועג צו אונדז, פאַרבייגיין די שענק און מיטברענגען עטלעכע פלעשער ביר, אַז קוים וועט זיך מאַכן אַ געראָטענער פּלאַן זאָל זיין אויפן אָרט מיט וואָס צו פאַרטרינקען.

נאָך פאַר זיין חתונה האָט ער שוין געפּלאַנט דעם גט. די מאַמע פלעגט עס אים אָפּט פאָרוואַרפן. נאָר פון דער מאַמען פלעגט עס דער פעטער שמואל אויפנעמען ווי אַ קאָמפּלימענט. אַ סימן, אַז ער האָט פאָרויס גע־ווּוסט וואָס עס וועט זיין, אַז ער וועט זי וועלן אָפּגטן.

— פאַר וואָס זשע האָסטו חתונה געהאַט?

— די בעקעריי — האָט דער פעטער שמואל געענטפערט און געהוסט.

פינף יאָר איז ער געווען אַ זעלנער אין דער צאַרישער אַרמיי. אַן אויסגעוואָלגערטער פון הונגער און נאָך מער פון די רוסישע פּרעסט, איז ער צוריקגעקומען אַ פאַרבענקטער נאָך אַ וואַרעמער היים, ער האָט גע־וואָלט אַ בעקעריי. אַ בעקעריי האָט זיך אָפּגעפונען, אָבער צוזאַמען מיט יאַכעלען, אַזוי איז געווען איר נאָמען. באַזונדער איז עס נישט געגאַנגען. האָט דער פעטער שמואל געהאַט דעם פּלאַן פאַרטיק: באַלד נאָך דער חתונה בלייבן ביי דער בעקעריי און זי משלח זיין. ער האָט געוווּסט, אַז מען קאָן עס טאָן. די פינף יאָר זיין אַ סאָלדאַט האָבן אים אויסגעלערנט. און

אַ גבר איז ער געווען מיט אַ ברייטער נאָז, וואָס האָט זיך צעפּלאַטשיקט איבערן גאַנצן פּנים.

אָבער באַלד נאָך דער חתונה האָט זיך אויסגעלאָזט פּאַרקערט; די בעקעריי איז נישט געווען און יאָכעלע איז געבליבן. אַ קליינע, אַ זשוואַווע, מיט פלינקע אויגן, אָבער אַ ביסל נישט דערהערנדיק, האָט זי אַ לעבן לאַנג געצופּט און געקליבן פּעדערן.

און דער פעטער שמואל האָט געהוסט און געפּלאָנט. גערויכערט און געטרונקען טיי. צום טרינקען ביר איז עס נישט געקומען. ווייל האָט זיך געמאַכט אַ פּלאַן, האָט זיך גלייך נאָכגעמאַכט אַ קינד. דער פעטער שמואל האָט געהאַט זיינע קינדער נישט אין צווילינגען, נאָר אין פּאָרן: אַ טאָכטער נאָך אַ טאָכטער, אַ זון נאָך אַ זון. ווידער אַ טאָכטער נאָך אַ טאָכטער, און אַזוי ווייטער. צווישן די פּאָרן זענען געווען לענגערע הפסקות. אין איינער אַזאַ הפסקה האָט אים איין מאָל די זשוואַווע יאָכעלע איבערגעלאָזט און אַנטלאָפן קיין מעזריטש. דאָרט איז געווען איר משפחה און אויך די בעקעריי. דעמאָלט האָט דער פעטער שמואל, קומענדיק זיך באַראָטן וואָס צו טאָן, נישט געזעסן און געשטופּט דעם טאַבעק אין די גילזן, ווי ס'איז געווען זיין שטייגער, נאָר גערייכערט פּאַרטיק־געקויפטע פּאַפּיראָסן, אָבער אַנשטאָט צו שטעלן ביר האָט ער באַפוילן זיין יונג, וואָווען, ער זאָל צוריקברענגען די מאַמען. און וואָווע האָט עס געטאָן. ער איז געווען אַן איבערגעוואָקסענער יונג, מיט ווייניק שכל, אָבער ווען די זאַך האָט זיך נאָך אַ מאָל איבער־געחזרט און יאָכעלע איז ווידער אַנטלאָפן, האָט ער שוין נישט געוואָרט ביז דער טאַטע וועט אים הייסן און ער האָט אַליין פאַרשטאַנען, אַז ער דאַרף ברענגען די מאַמע אַהיים. אַז דער פעטער שמואל פלעגט קומען אויך אין אַ מיטן פון דער וואָך און זיך אַוועקזעצן רויכערן פּאַרטיקע פּאַפּיראָסן, האָט מען שוין געוווּסט, אַז יאָכעלע איז אין מעזריטש.

דעם אָוונט איז ער געקומען מיטן גאַנצן הויזגעזינד, אָבער געזעסן איז ער די גאַנצע צייט אַן אָפּגעזונדערטער און גערויכערט פּאַרטיקע פּאַפּי־ראָסן. דער ענין מיטן פּעקל איז אים נישט אַנגעגאַנגען. בלויז ווען נאָכקע האָט זיך צעשריגן, האָט ער זיך נישט ווילנדיק אַריינגעמישט און אַזוי איז ער געבליבן שטיין, האַלטנדיק דעם מאַנטל אויפגעהאָנגען אויף עטלעכע

פינגער פון זיין אויפגעהויבענער האַנט. איצט האָט מען דווקא געוואָלט, ער זאָל יאָ דעם מאַנטל אָנטאָן. זיינע גרעסערע טעכטער און זיין יינגל נחמיה זענען צוגעשטאַנען און אים ממש אָנגעטאָן דעם מאַנטל, כדי ער זאָל אויף אַ ווײַלע פאַרגעסן אין זיין צער. דער פעטער שמואל האָט עס געטאָן אומגערן. און שטייענדיק שוין אינעם מאַנטל האָט ער געקוקט דאָ, געקוקט דאָרט און געוואַרט מען זאָל עפּעס זאָגן. ס׳זאָל עפּעס געשען. און עס איז געשען. די טיר אין שטוב אַריין האָט זיך געעפנט און וואָווע, דער איבערגעוואָקסענער יונג, האָט אַריינגעפּראַלט אינעווייניק און אויסגע־רופן:

— טאַטע! כ׳האָב געבראַכט די מאַמען!

און איידער וואָס ווען, איז שוין געזעסן אויף אַ שטול די זשוואָווע יאָכעלע, וואָס אַצינד האָט זי אויסגעזען ווי געקנאָטן פון גרויען ליים.

דער פעטער שמואל האָט אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דעם מאַנטל און צוגע־גאַנגען נעענטער. ער האָט געקוקט אויפן זון און ער האָט געקוקט אויפן ווייב. די פאַרשעמונג, די חרפּה, פאַר אַלעמען אין די אויגן, איז געווען זייער גרויס, איז ער אַ ווײַלע געשטאַנען און געשוויגן, אַ פינצטערער, מיט פאַרמאַכטע אויגן.

באַלד האָט ער אַראָפּגענומען דעם פּאַסעק פון די הויזן און זיך צעשריגן אויפן זון:

— אַזוי באַהאַנדלט מען אַ מאַמען?

און ער האָט אים אָנגעהויבן שלאָגן. און וואָווע, דער איבערגעוואָק־סענער יונג, האָט געהאַרכזאַם אויפגענומען די קלעפּ.

ווען דער רעש איז שטילער געוואָרן און די מאַמע האָט אַוועקגענומען דעם פעטער שמואל און אים אַוועקגעזעצט, אַן אָפּגעזונדערטן, אין קיך, ער זאָל זיך באַרויִקן לעבן אַ הייסער גלאָז טיי, האָט מען געזען ווי די פאַרזעסענע פייגע, מיט די איידעלע מוילווינקלען, האָט געהאָלפן איר חתן אַרויפציען אויף זיך דעם מאַנטל. ער איז געווען פון אַן אַנדערער שטאָט און ער פלעגט קומען אויף יעדן פּסח און סוכות, כדי צו באַשטעלן אַ טאָג פון דער חתונה, אַ הויכער, אין געפּרעסטע הויזן, אין אַ בלאַנק העמד, מיט אַ שאַרפער אָדלערנאָז און אַ גאָלדענעם צאָן אין מויל, פלעגט ער זיצן

אין די פאַרנאַכטן מיט זיין כלה אויף דער באַנק, אין אונדזער הויף. ווו פייגע האָט געוווינט איז קיין הויף נישט געווען, און ביי אונדז איז די באַנק געשטאַנען אונטערן סטאָלערישן דאַך. אויפן דאַך פלעגן די פייגל זיך זאַמלען, צו קלייבן די קרישקעס, וואָס מען פלעגט אַרויסשיטן שבת נאָכן עסן פון די אויבערשטע פענצטער.

פיי — פלעגט ער זי רופן. און זי האָט אים גערופן — יאַש.

יאַש איז געווען אַ מעקלער פון מעל אין אַן אַנדער שטאָט. אין מיטן יאָר האָט זיך גאָרנישט געמאַכט צו פאַרהאַנדלען, אָבער צו פסח צו פלעגט אים יאָ געלינגען צו פאַרמעקלען עטלעכע זעקלעך מעל, האָט ער געמיינט, אַז פון איצט אָן וועט ער שוין ווערן אַ גרויסער סוחר און ער איז געקומען צו פאָרן צו זיין כלה באַשטעלן אויף באַלד נאָך שבועות אַ טאָג פון דער חתונה. און דערווייל, אין די פסח־טעג, ווען די סטאָלערייַ האָט גערוט, און די פייגל האָבן נישט מורא געהאַט אויך אין מיטן דער וואָך צו קלייבן די קרישקעס אויפן דאַך, פלעגן זיי זיצן אויף דער באַנק און זיך ליבן.

דער באַשטעלטער טאָג פון דער חופה פלעגט פאַרביי און יאַש פלעגט נישט קומען, מחמת ס׳האָט זיך אים גאָרנישט געמאַכט צו פאַרקויפן. אָבער צו סוכות צו האָט ער ווידער פאַרקויפט אַ פאָר זעקלעך מעל, איז ער געווען זיכער, אַז דאָס מאָל וועט שוין דאָס מזל בלייבן ביי אים. ער וועט קויפן און פאַרקויפן, האַנדלען גרויס, ווערן אַ פאַרדינער און קאָנען אויסהאַלטן ווייב און קינדער און פירן אַ שטוב. איז ער געקומען צו זיין כלה אויף יום־טוב, אָן אויסגעפּוצטער, אָן אָפּגעראָזירטער, מיט גלאַנציקע באַקן, צו באַשטעלן דעם טאָג פון דער חופה אויף באַלד נאָך שמחת־תורה. זיצנדיק אויף דער באַנק, אַרומגעאָרעמט, פלעגט ער אַראָפּשמייכלען צו איר אײדל, און זי פלעגט שטרעקן צו אים איר האַלדז. און ווען יאַש איז נאָך סוכות אַוועקגעפאָרן און דער ווינטער האָט זיך געשטעלט, פלעגט זי אויסבאָרגן פון דער ביבליאָטעק די ווערק פון פּיטיגרילי, דעם פּרויען־פיינט, די ביכער פון וויקטאָר מאַרגעריט: „מענטש און בהמה״; „חבר און חברטע״ און דאָס בוך פון געאָרג פינק „מיך הונגערט״. אַזוי זענען אַוועק צען יאָר. פיי׳ס ראיה איז געוואָרן קורצזיכטיקער און יאַשס אָדלערנאָז איז געוואָרן שאַרפער, אָבער זיי זענען ביי זיך נישט געווען געפאַלן. אויף יעדן יום־

טוב איז ער געקומען צו באַשטעלן דעם טאָג פון דער חופּה, און זיי פלעגן זיצן אין די פאַרנאַכטן אויף דער באַנק און זיך ליבן. איבער זיי איז געווען דער דאַך, ווו די פייגל האָבן זיך געזאַמלט נאָך קרישקעס ברויט, און אַ ביסל ווייטער אין הויף האָבן די שטאַלן, באַדעקטע מיט גרינעם מאָך, געזונקען צו דער ערד.

זיי זענען ביידע נישט געווען קיין קרובים, נישט פון דער מאַמעס צד און אויך נישט פון טאַטנס, און זיי האָבן קיין קרובים אין אויסטראַליע נישט געהאַט. זיצנדיק אויף דער באַנק האָבן זיי געהערט, אַז עס קומט עפּעס פאַר, זענען זיי אַרויפגעקומען אַ קוק טאָן. האָט זיך אַזוי געמאַכט, אַז דער פעטער שמואל האָט אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דעם מאַנטל און פּיי האָט אים פאַרכאַפּט, ער זאָל נישט פאַלן אויף דער ערד.

„יאַש און פּיי! — האָט מען געררופן, זיי זאָלן אויסטאָן דעם מאַנטל, — יאַשונפּיי! יאַשונפּיי!"

און יאַש איז געשטאַנען, אַ הויכער, און אַראָפּגעשמייכלט צו זיין כלה, און פּיי האָט אַרויפגעשטרעקט צו אים איר האַלדז.

דער דאַמען־שניידער נטע־גוי, דער בעל־הבית פון הויז, וועלכער איז געקומען זאָגן מבינות וועגן דער סחורה פון מאַנטל, האָט אַראָפּגעצויגן דעם מאַנטל פון יאַשן, דעם חתן־בחור.

נטע־גוי האָט אויסגעשפּרייט דעם מאַנטל אויפן בעט, אַרויסגעצויגן אַ פאָדעם פון דער סחורה, אָנגעצונדן אַ שוועבעלע און אונטערגעצונדן דעם פאָדעם, כדי צו זען אויב עס וועט ברענען, וועט מען וויסן, צי דער מאַנטל איז געמאַכט פון ריינעם וואָל אָדער נישט.

מיט וואָנצעס, אָן אַ באָרד, אַ ביסל אויסגעקרומט פון עלטער, איין אַקסל נידעריקער, אַרומגערינגלט מיט פּנימער און נייגעריקע אויגן, איז נטע־גוי געשטאַנען לעבן מאַנטל, וואָס איז געווען אויסגעשפּרייט אויפן בעט, ווי דער אַלטער קובּרינער פעלדשער, ווען מען האָט אים גערופן צו אַ חולה. חוץ וואָס נטע־גוי פלעגט חלשן פון מאָל צו מאָל לעבן דער אַפּטייק, האָט ער נאָך אויסגעזען גענוג שטאַרק. אַ מאָל האָט אים אַ ציגיי־נערין פאָרגעזאָגט, אַז זיינע זין וועלן אים פיינט האָבן און ער אַליין וועט

לעבן ביז נײַנציק יאָר. די ערשטע נבואה זאָל מקוים געוואָרן און ער האָט זיך געגרייט אויך מקיים זײַן די צווייטע נבואה.

אַזוי ווי ער איז געשטאַנען מיטן אָנגעצונדענעם פּאָדעם, האָט ער עס מיט אַ מאָל אַוועקגעוואָרפֿן, צוגעגאַנגען נעענטער צום בעט, זיך איבערגעבויגן און באַקוקט דעם מאַנטל, ווי מען קוקט אַרײַן אין אַ מאַפּע. באַלד האָט ער זיך צעלאַכט מיט זײַן גרויס מויל און אָנגערופֿן דעם זיידנס נאָמען:

— יאָסל דער שוואַרצער! יאָסל דער שוואַרצער! — האָט נטע־גוי געשריגן און געלאַכט. בעתן לאַכן האָט זיך אָנגעזען זײַן ברייטע צונג, און דאָס געלעכטער איז געקומען ווי פֿון אַ טונקעלער הייל אַרויס. נטע־גוי איז געווען דער איינציקער אין שטוב, געווען אַלט אויף צו געדענקען ווען דער זיידע איז דאָס ערשטע מאָל געקומען פֿון לאָנדאָן אָנגעטאָן אינעם מאַנטל פֿון אַן ענגלישן פּרינץ. ער האָט נישט געוואָלט גלייבן, אַז דאָס איז נאָך אַלץ דער זעלבער מאַנטל און ער האָט אַרײַנגעשמעקט דעם פֿרישן ריח פֿון דער סחורה, כּדי צו וויסן, אַז דער זיידע האָט, נאָך אַלע יאָרן נאָך אַלץ נישט אויפֿגעגעבן זײַנע השגות און ער האָט זיך אויפֿגעענייט אויף ס׳נײַ דעם מאַנטל פֿון אַן ענגלישן פּרינץ. נטע־גוי האָט זיך נישט געקאָנט אײַנהאַלטן. ער האָט געקייכט און געלאַכט און דערציילט פֿאַר אַלעמען דעם זיידנס סוד. ער האָט זיך געררוקט הינטערווײַלעכץ פֿון דעם געזעמל אַרויס, און געשריגן מיט זײַן גרויס, טונקל מויל:

„יאָסל דער שוואַרצער! יאָסל דער שוואַרצער!“.

אַזוי ווי אַן ענגלישער גראַף איז דער זיידע געשטאַנען אינעם מאַנטל פֿון פּרינץ. ער האָט געקוקט איבער אונדז און זיך אײַנגעהערט, ווי פֿון גאָר ווײַט וואָלט מען גערופֿן זײַן נאָמען.

די קליינע באָבע האָט זיך אַ שאָקל געטאָן און זיך קוים אײַנגעהאַלטן פֿון שמייכלען. זי איז צוגעגאַנגען צום זיידן און זייער איידל אים געהאָלפֿן אויסטאָן דעם מאַנטל און אים אַרײַנגעהאָנגען אין אַלמער. אַ טאָג שפּעטער האָט זי מיר געגעבן געלט, איך זאָל קויפֿן אַן אַנדערן מאַנטל אויף צוריק־צושיקן קיין פּוילן. אַליין האָט זי געמיינט, אַז ס׳איז בעסער וואָס ס׳האָט

זיך אַזוי אויסגעלאָזט, אַז מסתמא איז באַשערט געווען דעם זינגענדיקן שניידער צו הונגערן, אָבער ענדערן דעם מאַנטל זאָל אים דאָס האַרץ נישט לאָזן.

אויך דער זיידע איז גערעכט געווען. ווען כ׳בין נאָך אַ מאָל געגאַנגען אין פֿאַבריק האָב איך מיטגענומען דאָס ראַזיר־מעסערל, איינגעפּאַסט אין שיידל, און איך בין שוין דאָרט פֿאַרבליבן נייען קעשענעס. יעדן טאָג בין איך געפֿאָרן אין פֿאַבריק אַריין און גענייט אַ סך קעשענעס. איין מאָל האָט זיך מיר געחלומט, אַז איך האָב חתונה געהאַט און אַלע אין דער משפּחה האָבן מיר געבראַכט מתנות — פּעקלעך קעשענעס. און איינע, אַ ווייטע קוזינע, וואָס איך האָב ליב געהאַט, האָט מיר געבראַכט איין קעשענע בלויז, אָבער פֿון אַ רויטן קאָליר, מיט וועלכער איך האָב זיך זייער געפֿרייט.

צו פֿאַרטרייבן דעם חלום און די קעשענעס האָב איך אָנגעהויבן לייענען ביכער. זיך געאײַלט מיט אַ בוך אונטערן אָרעם צו דער סטאַנציע און נאָך דעם אויף דער קליינער באַן, מיטן פּנים אין בוך, צו דער פֿאַבריק. די ביכער אין דער קליינער ביבליאָטעק זענען געשטאַנען אויסגעשטעלט לויטן אלף־בית און אַזוי האָב איך זיי אויסגעבאָרגט צום לייענען. ס׳האָט זיך אָנגעהויבן מיט אַבראַמאָוויטש און אַנסקי און זיך פֿאַרענדיקט מיט אַ שרייבער, וואָס האָט זיך גערופֿן תּלוש. צו מאָל פֿלעג איך אַ גיי טאָן אויף צוריק, מחמת אַ בוך איז געווען אויסגעבאָרגט, ווען ס׳איז געקומען מײַן ריי איך זאָל עס לייענען. אַלטע יידן פֿלעגן דאָרט אויסבאָרגן ביכער. דינע ביכער פֿלעגן זיי לאָזן שטיין און נעמען בלויז די גראָבע ביכער, ס׳זאָל זיין וואָס צו לייענען. זיצנדיק דאָרט, פֿלעגן זיי אַריינלייענען אין אַ בוך עטלעכע שעה, כּדי אויסצופּרוּוון דאָס בוך, צי עס געפֿעלט זיי. אַלטע לייט, איז זיי אָנגעקומען שווער דאָס גיין טוישן אַלע מאָל אַ בוך און זיי האָבן געוואָלט זיין זיכער, אַז דאָס וואָס זיי באָרגן אויס איז סחורה און ס׳פֿאַרמאָגט ווערטער. כאָטש איך פֿלעג טוישן יעדן טאָג, האָב איך איבערגענומען זייער איינגנשאַפֿט און ליבערשט געקליבן די גראָבע ביכער. אין די אָוונטן פֿלעג איך ליגן אויפֿן בעט, אין מײַן קליינעם צימער, און דורכן וואַנט אויפֿכאַפּן דעם זיידנס רייד. דער זיידע פֿלעגט שוין איצט ריידן צו דער באָבע, אַפֿילו ווען קיינער איז נישט געקומען צו גאַסט. די באָבע

איז מער נישט אַרויסגעגאַנגען פון צימער און דער זיידע האָט מער נישט געקלאַפּט אין טיש, אַז מען לאָזט אים נישט אויסריידן קיין וואָרט אין שטוב. דער מאַנטל איז געהאַנגען אין אַלמער. דער זיידע האָט אים נישט געטראָגן, אָבער די באָבע האָט אָנגעהויבן אויסהערן דעם זיידנס מעשיות. אַוועקשטעלנדיק איין פוס אויף אַ בענקל, פלעגט ער זיך דערמאָנען וועגן זאַכן, וואָס האָבן זיך פאַרלאָפן בעת ער איז אויסגעפאָרן די וועלט. און די באָבע איז געזעסן מיט איר דיקן צאינה־וראינה אויף איר שויס און אויסגעהערט. אין דער פרי האָט זי אים געדאַוונט, דעם צאינה־וראינה, און אין אָוונט פלעגט זי אים לייענען. פלעגט זי איבעררייסן דאָס לייענען און הערן ווי דער זיידע דערציילט וועגן אַן אינדזל אַזאַ, וואָס ער איז אַ מאָל געהאַט פאַרבייגעפאָרן אויפן וועג קיין בראַזיל. די היץ איז דאָרט געווען זייער גרויס און אַז מען האָט געוואָלט דאָרט אָפּקאָכן אַן איי, האָט מען געעפנט דאָס פענצטער, אַרויסגעשטעקט די האַנט, גלייך צוריקגעכאַפּט און דאָס איי איז געווען האַרט. די באָבע פלעגט אַרויסלייענען פון דער צאינה־וראינה און ווידער אויסהערן ווי אַזוי די שיף, אויף וועלכער דער זיידע איז צום ערשטן מאָל געפאָרן קיין אַמעריקע, איז דערטרונקען געוואָרן. צו ערשט האָט מען געוויינט און געשריגן און נאָך דעם האָט מען תפילה געטאָן. יעדער אויף זיין שטייגער און יעדער צו זיין גאָט. און נאָך דעם האָט מען געגומען ראַטעווען. ביז אַן אַנדערע שיף איז אָנגעקומען, האָט מען דערוויל אַראָפּגעלאָזט שיפלעך מיט פרויען און קינדער. און די, פאַר וועלכע קיין אָרט אויף די שיפלעך איז נישט געווען, האָט מען אָנגעטאָן אין גומענע רינגען און זיי האָבן געשפרונגען אין ים אַריין, ווייל אויף דער שיף איז שוין געווען אַ סכנה צו בלייבן, זי האָט געברענט און געזונקען. דער קאַפּיטאַן איז געווען דער לעצטער צו שפּרינגען אין ים אַריין און דער זיידע עטוואָס פאַר אים.

ס'איז געווען דעמאָלט, ווען איך האָב אין אַ באַגינען, אַריינקומענדיק אין דער קליינער באַן, און זיך אַוועקגעזעצט מיטן בוך אונטערן אָרעם, געזען דעם טעות; פון גרויס איילעניש האָב איך אָנשטאָט דאָס דיקע בוך פון דער ביבליאָטעק מיטגענומען דער באָבעס צאינה־וראינה. אין דעם טאָג האָט די באָבע געדאַוונט פון אויסנווייניק און ווען איך בין אַהיימגע־

קומען האָט זי געשמייכלט און געוואָלט וויסן וואָס איך טראַכט וועגן איר ביכל. איבערמישנדיק די תּפילות, האָב איך זיך אַוועקגעלייגט אויפן בעט, כּדי צו ענדיקן לייענען די מעשׂיות פון דער צאינה־וראינה. דערווייל איז זי געזעסן, ווי ס׳איז שוין איצט געווען איר שטייגער, צוזאַמען מיטן זיידן און אויף איר שויס, אָנשטאָט די צאינה־וראינה, דאָס גראָבע בוך, וואָס איך האָב אויסגעבאָרגט פון דער קליינער ביבליאָטעק. זיי האָבן שוין וועגן דעם געהאַט גערעדט און כּדי איך זאָל אויך הערן, דורך דער וואַנט, וואָס ער טראַכט, האָט דער זיידע נאָך אַ מאָל, כּלומרשט אויף ס׳ניי, אָנגעהויבן דעם שמועס.

— ווי רופט מען דאָס ביכל? — האָט ער געפרעגט.

— „די פרוי און דער סאָציאַליזם״ — האָט די באָבע געלייענט די גרויסע אותיות פון שער־בלאַט.

— „די פרוי און דער סאָציאַליזם?״ — האָט דער זיידע איבערגע־פרעגט, נישט כּדי די באָבע זאָל אים נאָך אַ מאָל ענטפערן, נאָר כּדי איך, איבער דער וואַנט, זאָל הערן וואָס ער זאָגט:

— ווי דען. צייטן בייטן זיך נישט און די וועלט שטייט אויף איין אָרט.

און לייענענדיק דער באָבעס צאינה־וראינה האָב איך דורך דער וואַנט געהערט דעם זיידן ריידן וועגן היינטיקע צייטן און וועגן די צייטן פון אַ מאָל. אַז קיין נייעס איז נישטאָ און אַלץ וואָס איז געווען וועט ווייטער זיין. און אַ סימן איז אָט דאָס בוך. אויך אַ מאָל האָט מען געשריבן אַזעלכע זאַכן. ער אַליין געדענקט אַ בוך, וואָס איז באַקאַנט געוואָרן אויף דער וועלט, וואָס מען האָט אַ סך גערעדט וועגן דעם און גערופן האָט זיך עס — און דאָ האָט דער זיידע געוואָלט, די באָבע זאָל אים נאָך אַ מאָל זאָגן דעם נאָמען פון דעם ביכל אויף איר שויס:

— „די פרוי און דער סאָציאַליזם״ — האָט די באָבע אים צוליב געטאָן.

— און יענץ ביכל — האָט דער זיידע געזאָגט, — האָט זיך אויך גערופן מיט אַן ענלעכן נאָמען: „די פרוי און דער ציגיינער״.

נישט אַרויסנעמענדיק דעם פינגער פון צווישן די ציין, האָט די קליינע באָבע זיך אַ טרייסל געטאָן. זי איז געלעגן אויפן איבעריקן בעט

אין קלענערן צימער, ווו איך האָב זי אַריינגעטראָגן, אַזוי ווי דער זיידע פלעגט עס טאָן, ווען ער האָט געלעבט.

מיט אַמאָל האָט די קליינע באָבע זיך אויפגעזעצט און מיך אָנגעקוקט מיט צעשראָקענע אויגן.

— וואָס איז געשען? — האָב איך געפרעגט מער מיט די הענט ווי מיט די ליפּן.

איר שרעק האָט זיך איבערגעטראָגן שוין אויך אויף מיר און איך האָב געוווסט וואָס עס איז געשען. די קליינע באָבע האָט געהאַט פאָרויסגעזאָגט, אַז היינט וועט זי שטאַרבן. לויט איר חשבון האָט עס שוין באַדאַרפט געשען און זי האָט נאָך אַלץ געלעבט. זי האָט געלעבט לענגער, ווי ס׳איז איר באַשערט.

האָב איך אָנגעהויבן שרייען, אַז עס איז נישט אמת. אַז דאָס וואָס זי האָט פאָרויסגעזאָגט מוז נישט מקויים ווערן. אַז אויב זי לעבט לענגער, איז אַ סימן, אַז עס איז קיין טויט נישטאָ. אַז זי וועט נאָך לעבן לאַנג און אַלץ וועט בלייבן אַזוי ווי תמיד. איך האָב געשריגן אויף איר מיטן זיידנס קול, ווי ער וואָלט נאָך אַלץ געלעבט, ביז די באָבע האָט זיך איינגעבויגן אין קראַמפּן, ווי דאָס לעבן לענגער ווי ס׳איז איר באַשערט געווען, וואָלט איר שטאַרק וויי געטאָן.

האָב איך אויפגעהערט שרייען און געפרעגט זייער שטיל:

— וויפל לענגער?

— צוויי סעקונדעס — האָט די באָבע געענטפערט. באַלד האָט זי מיט כוח אַרויסגעשלעפּט דעם פינגער פון צווישן די ציין און איך בין אַנטלאָפן, כדי נישט צו זען ווי די קליינע באָבע שטאַרבט.

דער בריוו

דער בריוו, געשיקט צום פעטער, איז צוריקגעקומען אומגעעפנט און אויפן קאָנווערט איז געווען צוגעשריבן מיט אַ בלויער שריפט: „געשטאָרבן".

דער פעטער איז געווען אַן אַלטער מאַן און צוזאַמען מיט דער מומען האָט ער געוווינט אין די הינטערשטע קעמערלעך פון זיין שפּייז־געוועלבל, וואָס זיי האָבן געהאַט אין אַ קליין, זאַמדיק געסל, אין אַן אָרעמער געגנט פון דער שטאָט. זיי האָבן קיין קינדער נישט געהאַט, געלעבט קאַרג און קוים געגעסן צו דער זעט. ווען איך בין געקומען אין לאַנד האָבן זיי אָפּגערוימט אַ קעמערל איך זאָל דאָרטן וווינען. די קרובים איז נישט געפעלן געוואָרן, וואָס איך ווין צוזאַמען מיט די אַלטע לייט און זיי האָבן חושד געווען, אַז איך בין געקומען אַהער וואַרטן אויף דער ירושה. פון די קרובים האָב איך זיך דערוווסט, אַז דער פעטער האָט אויפגעבויט אין צענטער פון שטאָט אַ גרויס הויז מיט אַ סך דירות און איינע איבערגעלאָזט ליידיק.

— ער וועט זיך קיין מאָל אַהין נישט אַריינציען — האָט מיר איינער פון די קרובים געזאָגט, — ווייל ער מיינט, אַז אויב ער וועט דאָס טאָן, וועט ער שטאַרבן און ער וויל, אַז פונקט ווי מיר, זאָל אויך די דירה וואַרטן אויף זיין טויט.

מ'האָט אים גערופן מיכל און ער איז געווען אַ קרוב פון דער מומעס צד. זיי זענען אַלע געווען דער מומעס קרובים און איך בין געווען דער איינציקער פון פעטערס משפּחה, וואָס איז געבליבן לעבן נאָך דער מלחמה.

אין די אָוונטן זענען די קרובים זיך אָפּט צונויפגעקומען ביים פעטער, גערעדט וועגן פּאָליטיק, געלט און געשאַצט די ווערט פון הויז, וואָס זיי וועלן אָפּנעמען בירושה. דער פעטער, אַ הויכער, שווערלייביקער, מיט אַ

מאַסיוון קאָפּ, האָט זיך זעלטן אַריינגעמישט אין זייערע רייד, און אויב ער האָט דאָס געטאָן, האָט ער ביים רעדן איינגעבויגן זיין מאַסיוון קאָפּ צום לינקן אַקסל, אַ סימן אַז ער איז זיי מבטל. אַז דער פעטער האָט נישט געהאַט קיין דרך־ארץ פאַר אַ מענטש, פלעגט ער, ביים ריידן מיט אים, בייגן דעם קאָפּ צום לינקן אַקסל.

ס׳האָט דעם פעטער נישט געאַרט, וואָס זיי ריידן אָן רמזים וועגן דער ירושה. — דאָס וויל ער דאָך. — האָט מיר מיכל געזאָגט, — ער איז זיכער, אַז וואָס שטאַרקער מיר וועלן וואַרטן, אַלץ לענגער וועט ער לעבן.

מיכל איז געווען אַן אומרו‌יִקער מענטש, פלעגט זיך שטעכן מיט אַ פינגער אין אויער אָדער ציפּן אַ שטייפע האָר פון דער נאָז.

כ׳האָב געוווינט אין טונקעלן צימערל און זיך איינגעהערט אין דער פאַרעניש פון פעטער און דער דאַרער, איינגעשרומפּענער מומען, וואָס, ווען קיינער איז אין געוועלבל נישט געווען, איז זי געזעסן אויף אַ נידעריק בענקל און מיט אַ דאַוון־ניגון זיך איינגעחזרט אויף אויסנווייניק די חובות פון די קונים.

איין מאָל האָב איך זיך גענומען די מי און אָפּגערייניקט דאָס הייפל פון די קאַסטנס, בלעכן און אַנדער אַלטוואַרג, כדי איך זאָל זיך קאָנען באַנוצן מיטן הינטערשטן אַריינגאַנג. דער פעטער האָט געזען וואָס איך טו, גאָרנישט געזאָגט, נאָר פאַרנאַכט, ווען איך בין צוריקגעקומען, איז דאָס הייפל געווען פאַרוואָרפן ווי פריער און דער אַריינגאַנג פאַרלייגט. דער פעטער האָט נישט ליב געהאַט קיין ענדערונגען. אויף צו מאָרגנס האָב איך געטראָפן אין גאַס איינעם פון די קרובים און יענער האָט מיך געפירט ווייזן דאָס הויז. מ׳האָט אים גערופן נחום. ער איז געווען אַ בחור און געהאַט אַ בלויען פלעק אויפן פנים, וואָס האָט פאַרנומען אַ האַלבע באַק. ער האָט אָפט געשנייצט די נאָז, אַריינלייגנדיק דאָס גאַנצע פנים אין דער גרויסער, קאָלירטער פאַטשיילע.

— מיינסט, אַז ער דאַרף שנייצן די נאָז? — האָט דער פעטער מיר אַ מאָל געזאָגט וועגן אים. — דאָס טוט ער, כדי צו פאַרשטעלן אויף אַ ווײַלע דעם פלעק.

דער פעטער האָט קיין מאָל נישט געלאַכט, נישט געשמייכלט.

אויפן וועג צום הויז האָט נחום מיר געגעבן אָנצוגעהערן, אַז די קרובים זענען זיכער, אַז איך וואַרט אויף דער ירושה און בין שוין ביים פעטער אויף אַ וועג.

— פאַר וואָס, מיינסטו, לאָזט ער דיך ווינען הינטערן געוועלבל און ער גיט דיר צו עסן, אַזאַ קאַרגער ווי ער איז? ס׳איז אים נישט געגוג וואָס מיר וואַרטן, ער דאַרף האָבן איינעם די גאַנצע צייט לעבן זיך, וועט ער זיין זיכער, אַז ער וועט לאַנג לעבן. וועסט שוין פון אים נישט אַוועק.

נחום האָט גערעדט מיט אַ שווער, עטוואָס נאַסלעך קול, וואָס האָט דערמאָנט אין ווילגאָטנע ווענט. ער האָט געליטן פון אַ כראָנישער פאַר־קילונג און ס׳איז נישט אמת געווען, וואָס דער פעטער האָט וועגן אים געזאָגט, אַז ער האָט נישט וואָס צו שנייצן.

כ׳האָב זיך אָנגעהויבן דערוויטערן פון די קרובים, אין די אָוונטן נישט געזעסן מיט זיי צוזאַמען, אָבער דורכן דינעם ווענטל פלעג איך הערן זייערע רייד. זיי האָבן ליב געהאַט צו שפּאַרן זיך און גיין אין געוועטן. כ׳האָב איין מאָל אָנגעציילט פופצן געוועטן אין איין אָוונט; אַ געוועט, צי שלאַנגען האָבן ליב פייכטקייט אָדער טריקעניש; צי דער הויפּט־טויער פון שטאָטישן פּאַרק איז אויף מערב אָדער דרום; אַ געוועט וועגן אַ מין צוקערלעך, וואָס ווערן געפּאַקט אין פּושקעס — צי די פּושקעס זענען ניי און די צוקערלעך אַלט, אָדער פאַרקערט. זייערע רייד האָבן זיך אַריינגעגליבעט אין מיין מוח, ביי נאַכט האָב איך געחלומט וועגן דעם און באַגינען האָבן אָפּגעריסענע ווערטער און פּסוקים זיך נאָך געוואַלגערט אין מיין געמיט ווי שיריים פון אַ נעכטיקער מסיבה.

דער פעטער האָט באַמערקט, אַז איך זונדער זיך אָפּ און ס׳איז אים נישט געפעלן געוואָרן. ווען איך האָב איין מאָל געבראַכט אַ מיידל מיט זיך, איז די מומע אונדז נאָכגעגאַנגען ביז צו דער שוועל און געבליבן שטיין. „איר נאָמען איז מירא״, האָב איך איבערגעחזרט, נאָר די מומע האָט זיך נישט גערירט פון אָרט און געקוקט מיט וווּנדער און נייגער. שפּעטער האָט דער פעטער אַריינגעבראַכט אַן אַלט־געבאַקענע חלה, וואָס ער האָט נישט

געקאָנט פּאַרקויפן, און אַ פלעשל סאָדע־וואַסער, כדי איך זאָל האָבן מיט וואָס מכבד צו זיין מיין גאַסט.

אין יענע טעג האָב איך באַשלאָסן אַוועקצוגיין פון פעטער. ווען די קרובים האָבן זיך דערוווסט, אַז איך גיי אין אַ קיבוץ, האָבן זיי געלאַכט פון מיר און דער פעטער האָט נישט געגלייבט, אַז אַזאַ זאַך איז בכלל פאַראַן. שוין לאַנגע יאָרן אַז ער לעבט אין לאַנד און ער ווייס, אַז אַ קיבוץ איז אַן אויסטראַכטעניש. אָבער בעת איך האָב איינגעפּאַקט מיינע זאַכן, איז ער אַריינגעקומען אין קעמערל און געוואָלט וויסן וווהין איך קלייב זיך.

— אין קיבוץ.

— ס׳דאָך נישטאָ קיין קיבוץ.

— כ׳בין דאָרט געוועזן און געזען.

— ס׳הייבט זיך נישט אָן.

דער פעטער האָט זיך געהאַלטן ביי זיינס, אַז קיין קיבוץ איז נישטאָ. ער האָט נישט געהאַט קיין באָרד און די הויט אויף זיין פּנים איז געווען געבלעך און מיט גריבלעך, ווי אין ציגל. זיין אונטערשטע ליפּ האָט זיך אַרויסגעשטופּט, ווי ער וואָלט נישט געהאַט קיין אויבערשטע ציין, און ריידנדיק האָט ער געשלונגען די ווערטער. מ׳האָט זיך תמיד גע־דאַרפט כאַפּן וואָס ער מיינט.

— ביסט מיין ברודערס זון און דו פאַרסט זיין צווישן פרעמדע?

פּאַמעלעך, ווי אַ שיף אויפן ים טוישנדיק איר ריכטונג, האָט ער אויסגעדרייט צו מיר זיין מאַסיוון קאָפּ און געזאָגט:

— הער, האָסט דאָך אַ מאָל געבראַכט דאָ אַ מיידל, נעם זי און צי זיך אַריין אין דער ליידיקער דירה, כ׳גיב זי דיר אויף תמיד. — און פּאַמעלעך, ווי פריער, האָט ער צוריק אָפּגעקערט זיין קאָפּ.

זיין גרויס רויטלעך אויער איז געווען באַוואָקסן מיט גרויע, פאַר־פלאָנטערטע הערעלעך און דערמאָנט אַן אַריינגאַנג פון אַן אַלטער הייל.

מיט דעם צוריקגעשיקטן בריוו בין איך געפאָרן אין שטאָט זיך דערוויסן, וואָס עס איז געשען.

צוקומענדיק צום זאַמדיקן געסל, וואָס האָט זיך גערופן „רחוב הדרום״ האָב איך געזען אַז די לאַדנס פון געוועלבל זענען אָפן און אין דער הויך, אויף דער וואַנט, איז ווי תמיד געהאַנגען דער שילד מיט שוואַרצע אותיות: מכולת, אונטער דעם, דעם פּעטערס נאָמען: מענדל קופּער און נאָך דעם — דער נומער 7.

אין געוועלבל איז קיינער נישט געווען, און אַריינגייענדיק אין טונקעלן קעמערל, ווו זיי האָבן געוווינט, האָב איך געזען דעם פּעטער שטיין מיט אַ טעפּל אין דער האַנט, גרייט אַריינצוגיסן אין אַ צינקענעם טעלער דאָס געקעכטס, וואָס ער האָט, זעט אויס, אָפּגעקאָכט פאַר דער מומען, וועלכע איז געלעגן קראַנק. ער האָט געהאַלטן דאָס טעפּל ביי איין אויערל, עטוואָס שיף, און אַ געפאַלנקייט, אַן אַלטע, צוגעוווינטע גע־פאַלנקייט, האָט אַראָפּגעווייעט פון די כלים, פון אָרעמען געקעכטס און פון פּעטער. ער און די מומע האָבן זעלטן אויסגערעדט צווישן זיך אַ וואָרט און אַ סך מאָל האָט ער געקוקט אויף איר ווי אויף אַן אַלטן שוך.

— דאָס בין איך — האָב איך אַ מורמל געטאָן, ס׳האָט געדויערט, ביז ער האָט מיך דערקענט און אַריינגעשטעקט צוויי לויזע פינגער אין מיין האַנט.

— וואָס מאַכסטו? — האָט ער געפרעגט און נאָך דעם געוואָלט וויסן, צי איך בין געקומען אַליין און ווו מיינע פעקלעך זענען.

שטייענדיק אין קעמערל האָב איך פאַרשטאַנען, אַז דער פּעטער האָט די גאַנצע צייט געוואַרט, איך זאָל צוריקקומען און האָט מסתמא אַליין צוגעשריבן דעם צושריפט אויפן קאָנווערט. זיכער האָט ער עס געטאָן. כ׳האָב זיך דערפילט אָפּגענאַרט און באַליידיקט. כ׳וועל אים אָפּגעבן דעם בריוו מיטן קאָנווערט, האָב איך געטראַכט.

אייגנטלעך האָב איך זיך שוין געהאַט צוגעוווינט צום געדאַנק, אַז ער איז געשטאָרבן, און אין דמיון געזען ווי ער ליגט אויפן בעט מיטן פנים אַרויף און טויטערהייט איז זיין גוף מאַסיווער ווי ביים לעבן. ס׳מויל עטוואָס צעעפנט און אויך די אויגן אָפן, אָבער מער נישט בלוי, נאָר פאַרגלייזט און פאַרטומטומט. דאָס פּנים באַוואָקסן מיט די הערעלעך פון נאָכן טויט. ער ליגט מיט פאַרלייגטע הענט און דער שווערער בויך

באַוועגט זיך נישט מער, און די מומע זיצט לעבן אים אויפֿן נידעריקן בענקל, איינגעגראָבן אין זיך און יאָמערט. נאָר אַזוי ווי ביים לעבן, אַזוי אויך טויטערהייט הערט ער נישט איר געוויין.

אַצינד האָב איך זיך געדאַרפֿט צוריק צוגעוווינען צו זיין לעבעדיק פּנים.

— ביסט אַ קיבוצניק? — האָט ער געפֿרעגט, נייגנדיק זיין קאָפּ צום לינקן אַקסל.

כ׳האָב אַרויסגענומען דעם בריוו און אים געגעבן. צוויי מאָל האָב איך געדאַרפֿט איבערחזרן ביז ער האָט זיך געכאַפּט וואָס איך מיין און אויך נאָך דעם האָט ער נישט פֿאַרשטאַנען. וואָס איך וויל. ער האָט גע־לייענט אומגעדולדיק, צוריק אַריינגעשטופּט ס׳בריוול אין קאָנווערט און זיינע הענט האָבן געציטערט.

— וואָס, וואָס איז עס? — האָט ער ווידער געפֿרעגט. כ׳האָב פּאַוואָ־ליע אַלץ איבערגעחזרט.

— ווער האָט אָנגעשריבן ס׳וואָרט? — האָט ער געוואָלט וויסן.

— כ׳ווייס נישט. אפשר אין דער פּאָסט, — האָב איך זיך געמאַכט טרעפֿן.

— דו האָסט געשיקט דעם בריוו?

— יאָ.

— נאָך וואָס האָסטו געשריבן אַ בריוו?

כ׳האָב דערקענט לויט זיין פּאַרשן, אַז ער גלייבט מיר נישט און איז חושד, אַז איך האָב עס אָפּגעטאָן די זאַך און אַליין צוגעשריבן דעם צושריפֿט, אַז ער וועט גאָר מיר חושד זיין, איז מיר פֿריער נישט איינגע־פֿאַלן.

מיט אַ מאָל איז די קראַנקע מומע, פֿלינק ווי אַ קעצל, אַרויסגע־שפּרונגען פֿון בעט, אַ נעם געטאָן דעם קאָנווערט און אָנגעהויבן לייענען. נאָך דעם האָט זי אויפֿגעהויבן איר פּנים צו אונדז ביידן, אַ מאַך געטאָן מיט די הענט, ווי זי וואָלט אונדז איינגעפּאַסט אין איין גרויסן סוד און געזאָגט:

— שאַ, זאָל מען קיינעם נישט דערציילן. זאָל קיינער נישט וויסן.

די מומע איז שוין נישט אַריין צוריק אין בעט. זי האָט זיך אָנגעטאָן און גענומען פּאָרען אין געוועלבל. דער פעטער האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ בענקל און זיך נישט באַוועגט. נאָך דעם האָט ער אַריינגעלייגט דעם בריוו מיטן קאָנווערט אין קעשענע, אָנגעטאָן דאָס ריינערע כאַלאַטל און אַרויס אין דרויסן. כ׳בין אַריין אין טונקעלן קעמערל, ווו איך האָב אַ מאָל געוווינט. ס׳האָט זיך דאָרט גאָרנישט געביטן; אויפן בעט — דער אָפּגעדעקטער שעניק, דאָס טישל פאַרדעקט מיט דער גרינער צראַטע און די ליידיקע פּאָליצעס, צוגעקלאַפּט צום ווענטל. דורכן פענצטער איז דער הויף געווען באַלייגט מיט קאַסטנס. כ׳בין געווען מיד און זיך אַוועקגעלייגט שלאָפן.

ס׳איז שוין געווען פינצטער, ווען די מומע האָט מיך אויפגעוועקט און אַריינגערופן עסן. דער פעטער איז שוין געווען צוריק פון גאַס, געזעסן ביים טיש אין אַ ווייס העמד, זיין פּנים אָפּראַזירט און די שפּיצן פון זיינע גרויסע אויערן האָבן זיך גערייטלט אינעם ליכט. ס׳צימער איז געווען ליכטיקער ווי תמיד. דער טיש אָנגעשטעלט מיט מאכלים. די מומע האָט דערלאַנגט הייסע זופּ און דער פעטער האָט אָנגעגאָסן כוסות וויין, מ׳זאָל פריער מאַכן אַ „לחיים״. די מומע האָט מיך נישט געלאָזט זיך חידושן אויף דעם יום־טובדיקן מאָלצייט אין מיטן דער וואָך. גע־שטופּט מיך, איך זאָל עסן און אַז דאָס איז נאָך נישט אַלץ; ס׳קומט נאָך פליייש און קאָמפּאָט און לעקעך. דער פעטער איז געווען אויפגעלייגט, באַריידעוודיק און געוואָלט וויסן וואָס איך טו. כ׳האָב אים געזאָגט, אַז איך אַרבעט ביי בהמות.

— מעלקסט? — האָט ער געפרעגט.

— יאָ.

— אַ ווייבערשע פאַך. פאַר וואָס טוסטו נישט קיין מאַנסבילשע אַרבעט?

דעם בריוו האָבן זיי מער נישט דערמאָנט און זיי זענען געווען גוט צו מיר, ווי זיי וואָלטן מיך באַדאַרפט פאַר אַן עדות אויף זייער צד.

די לאָדנס פון געוועלבל זענען געווען צוגעלייגט. מ׳האָט געגעסן פּאַמעלעך און ווען מיכל און זיין ווייב זענען אַריינגעקומען, זענען זיי

געבליבן אין אַ פֿאַרלעגנהייט און אַ ביסל צעטומלט, אָבער די מומע האָט זיי באַרויִקט: „ס'איז גאָרנישט. געקומען נעבעך אַן אויסגעהונ־גערטער פֿון קיבוץ און גראָד האָבן זיך געמאַכט עטלעכעביינדלעך אָפּצוקאָכן".

דער פֿעטער האָט זיך נישט־וויסנדיק געמאַכט און אַפֿילו נישט גע־ענטפֿערט אויף זייער באַגריסונג. ווי דער שטייגער ביי אַלטע לייט, האָט ער מיט די ליפּן געקייט דאָס פֿלייש און זיך אָנגעגאָסן נאָך אַ כּוס וויין.

זיי האָבן נישט גערעדט וועגן בלייבן, ווען איך בין אויף צו מאָרגנס אין דער פֿרי אַוועקגעפֿאָרן, און אַ לאַנגע צייט האָב איך וועגן זיי נישט געהערט. ביז אײן מאָל, אין אַ נאָכמיטאָג, איז נחום, דער מיטן פּלעק, מיך געקומען באַזוכן. איך האָב אים געזען אָנקומען מיטן ברייטערן וועג, וואָס האָט געפֿירט צו די קי־שטאַלן, וווּ איך האָב געאַרבעט, און אויך דאָ, וווּ עס האָבן זיך אָנגעזען אָפֿענע פֿעלדער און ווייטע בערג, איז נחום גע־גאַנגען מיט אַן איינזאַמען גאַנג, ווי אַ מענטש אין אַ טונקל געסל, לענג־אויס אַ בלינדער וואַנט.

ער האָט געוואָלט איך זאָל זיך נישט חידושן אויף אים, וואָס ער איז געקומען צו מיר אין קיבוץ. צייטן האָבן זיך געביטן און ער האָט באַשלאָסן זען ווי אַזוי איך לעב. נישט ביי אים האָבן די צייטן זיך גע־ביטן, ער איז נאָך אַלץ געווען אַ בחור און געוואַרט אויף דער ירושה, נאָר ביים פֿעטער האָט זיך געביטן. ער האָט דערציילט, אַז די אַלטע לייט וווינען שוין מער נישט אין די טונקעלע צימערלעך הינטערן געוועלבל, נאָר האָבן זיך אַריינגעצויגן אין דער נייער דירה, אין גרויסן הויז, און אָנגעשטעלט אַ מענטש אין געוועלבל, וואָס זאָל פֿאַר זיי אַרבעטן. יעדן טאָג שפּאַצירן זיי צום ים, אין די אָונטן גייען זיי אין קינאָ און דער פֿעטער האָט זיך אָנגעקויפֿט אַ שאַפֿע מיט ביכער. אַז די קרובים קומען צו גאַסט איז ער זיי מכבד מיט פֿרישער חלה און אָפּגעצוקערטן קאַקאַאָ. זיי וויסן נישט, וואָס עס איז פּלוצלינג געשען מיט די אַלטע לייט. עפּעס האָבן זיי געהערט וועגן אַ בריוו, וואָס דער פֿעטער האָט דערהאַלטן און אַז ער גייט אַלע מאָל אויף דער פּאָסט. און נחום האָט געוואָלט וויסן, צי איך ווייס עפּעס וועגן דעם. דערפֿאַר איז ער טאַקע געקומען. אויך

איצט האָט נחום אַריינגעשנייצט אין דער קאַלירטער פאַטשיילע, אַריינ־לייגנדיק אין איר דאָס גאַנצע פנים. כ׳האָב איינגעזען, אַז דער פעטער איז גערעכט געווען; נחום האָט נישט געהאַט וואָס צו שנייצן.

מער זענען קיין קרובים צו מיר נישט געקומען. אָבער איך בין געפאָרן אין שטאָט אַריין באַזוכן דעם פעטער. כ׳בין אַרויף אויפן ערשטן שטאָק און אָנגעקלאַפּט אין דער טיר, נאָר קיינער האָט נישט געענטפערט. פון אַ שכן האָב איך זיך דערוווּסט, אַז מיט אַ וואָך אָדער צוויי צוריק האָבן זיך די אַלטע לייט אַרויסגעצויגן. און די דירה שטייט ווידער ליי־דיק. כ׳בין אַוועק צום זאַמדיקן געסל, ווו דאָס געוועלבל איז געווען. דער פעטער איז געשטאַנען איינגעבויגן איבער אַ סטויג ברויטן, וואָס זענען געלעגן אויפן דיל. ער האָט געוואָלט אָננעמען עטלעכע מיט איין מאָל, נאָר די פּאָלעס פון זיין גרויען כאַלאַט האָבן זיך צעעפנט און עטלעכע ברויטן האָבן זיך געריבן אין זיין פאַרשוויצט לייב. ער האָט זיי אַראָפּגעלאָזט, צוריק פאַרנומען די פּאָלעס, און בעת ער האָט זיך ווידער איינגעבויגן האָט ער מיט דער גאָמבע צוגעהאַלטן די לאַצן, כדי דער כאַלאַט זאָל זיך ווידער נישט צעעפענען. נאָר ס׳איז אים נישט געלונגען. נישט געווען קיין קנעפּ אויפן כאַלאַט און טראָגנדיק האָט ער געדריקט די ברויטן צו זיין נאַקעטער ברוסט.

ער האָט מיך דערקענט און נאָכן אַוועקלייגן די ברויטן אַריינגע־שטעקט צוויי לויזע פינגער.

— געוואַרט אויף דיר, — האָט ער געזאָגט.

כ׳בין געווען דאָרשטיק און געוואָלט אַ טרונק וואַסער, האָט ער אַריינגעשריגן אין טונקעלן קעמערל און גערופן די מומע, זי זאָל אַריינ־ברענגען אַ גלאָז. קיינער האָט נישט געענטפערט און ער איז אַליין אַריין אַהין.

אויך דאָס געוועלבל האָט זיך נישט געענדערט. פּאָליצעס מיט שפּייז, אַ פעסל הערינג, באָבעס, קאַרטאָפל, מעל, און אַרום אַן אָפענע פּודלע מיט צוקערלעך האָבן זיך געיאָוועט גרינע, פריילעכע פליגן.

דער פעטער איז אַרויסגעקומען איבערגעטאָן אין ריינערן כאַלאַט און אויך געטראָגן אַ העמד אויף זיך. ער האָט געוואַרט ביז איך האָב זיך

אָנגעטרונקען מיט וואַסער און נאָך דעם געוואָלט איך זאָל גיין מיט אים.

— וווהין?

— אַ שטיקל וועגס, — האָט ער געענטפערט.

בעת מיר זענען אַרויס פון געוועלבל האָט די מומע זיך באַוויזן פון קעמערל און אונדז נאָכגעקוקט דערשראָקן.

אויפן אויטאָבוס האָט דער פעטער באַצאָלט פאַר מיין בילעט. מיר זענען געפאָרן צום צענטער פון שטאָט און נאָך דעם מיט אַ צווייטן אויטאָבוס אין אַ וויטער געגנט. נאָך דעם האָט ער מיך געפירט צווישן קליינע געסלעך. ער האָט געוווּסט דעם וועג און קיינעם נישט געפרעגט. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט לעבן אַ זאַמדיק געסל און געוואָלט איך זאָל איבערלייענען דעם נאָמען אויפן שילדל.

„רחוב הדרום", האָב איך איבערגעלייענט.

— און איצט קום, — האָט ער געזאָגט.

איז דאָ נאָך אַ גאַס מיטן זעלבן נאָמען, האָב איך געטראַכט און זיך געלאָזט פירן.

דער פעטער האָט מיך צוגעפירט ביז צום הויז נומער זיבן. איבער די לאָדנס פון אַ געוועלבל איז געווען אָנגעמאָלט דער נאָמען מ. קופער.

דער פעטער האָט אַרויסגענומען אַ בריוו פון קעשענע און מיר דערלאַנגט. כ׳האָב דערקאָנט דעם קאָנווערט.

— לייען איבער — האָט ער געוווּנקען מיט אַן אויג.

— געשטאָרבן — האָב איך איבערגעלייענט דעם צושריפט.

— כ׳האָב אַלץ אויסגעפונען — האָט דער פעטער געזאָגט — זיך נאָכגעפרעגט אויף דער פּאָסט און אַלץ אויסגעפונען. נישט איך — דער איז געשטאָרבן.

פּלוצלינג האָט ער אַ לאַך געטאָן. ס׳ערשטע מאָל האָב איך געזען דעם פעטער לאַכן. אַ קורץ געלעכטערל, ווי די טבע פון אַלטע לייט, באַגלייט מיט אַ הוסטנדיק קול.

— אַ טעות, זיי האָבן געמאַכט אַ טעות — האָט ער איבערגעחזרט און זיין מאַסיווער קאָפּ האָט זיך איינגעבויגן אין אַ זייט, ווי אַ זינקענדיקע שיף.

כ׳האָב פאַרלוירן די מוזיק אין מיינע אויגן

— כ׳וועל קומען צו פאָרן — האָב איך געענטפערט שוין פון גאָר ווייט, נישט דערקאָנענדיק אַפילו ווער ס׳איז ווער, און כדי נישט אָפּצו־לייגן די זאַך אויף שפּעטער, האָב איך זיך אַריינגעשטעלט אין דער ריי און געוואַרט אויפן אויטאָבוס.

די געשעפטן זענען שוין ווידער געווען אָפן. ס׳ליכט איז געווען פאַרנאַכטיק אויף אַ העלפט און מענטשן זענען געגאַנגען הין און צוריק. אַ קליינע פרוי האָט געבעטן אַ נדבה ביים מאַן, וועלכער איז געשטאַנען דער ערשטער אין דער ריי.

— זייט אַזוי גוט און גיט אַ נדבה — האָט זי געזאָגט, אויסשטרע־קנדיק צו אים די האַנט.

יענער האָט איר נישט געענטפערט. האָט זי אַ גיי געטאָן אויף זיין צווייטער זייט און פון דאָרט אויף ס׳ניי אויסגעשטרעקט איר האַנט. נאָר אויך פון דער צווייטער זייט האָט דער מאַן מיטן רויטלעכן קאַרק איר נישט געענטפערט. ער האָט אַפילו נישט געקוקט אויף איר. האָט די בעטלערין זיך אָוועקגעשטעלט פון פאָרנט און פון דאָרט געפּרוווט ביי אים איר מזל. אויך דאָס מאָל איז איר נישט געלונגען. דער מאַן מיטן רויטלעכן קאַרק איז געשטאַנען שטייף און געשוויגן. דעמאָלט האָט די בעטלערין אויפגעגעבן און אויסגעשטרעקט איר האַנט צו די אַנדערע מענטשן אין דער ריי.

— זייט אַזוי גוט און גיט אַ נדבה, האָט זי געזאָגט.

דער קליינער מאַן מיט די ברייטע הויזן, שעלקעס איבערן העמד, האָט איר געגעבן. די בעטלערין האָט קורצזיכטיק באַקוקט פון דער נאָענט די נדבה און צוריקגעגעבן.

— זייט אַזוי גוט און נעמט עס צוריק — האָט זי געזאָגט.

— פאַר וואָס ? — האָט דער קליינער מאַן מיט די ברייטע הויזן זיך געחידושט.

— נעמט עס צוריק — האָט די בעטלערין איבערגעחזרט.

— אַ נדבה נעמט מען נישט צוריק — האָט דער קליינער מאַן געענטפערט. זיין לשון איז געווען ווייך ווי צום דאַוונען.

— נעמט עס צוריק. כ׳האָב נישט קיין צייט פאַר אייך — האָט די בעטלערין זיך געעקשנט.

דער מאַן מיט די ברייטע הויזן האָט אַ לאַך געטאָן איינער אַליין און געוואָרפן אַ פאַרשולדיקטן בליק דאָ אויף איינעם, דאָ אויף אַן אַנדערן אין דער ריי. פון דער ריי האָט מען אויסגערופן, אַז מען קאָן די בעטלערין און מע ווייסט אַז זי נעמט נישט ווייניקער פון צען גרוש.

— נעמט עס צוריק — האָט די בעטלערין געוואָרנט.

דער מאַן מיטן רויטלעכן קאַרק, וועלכער איז געשטאַנען דער ערשטער אין דער ריי, האָט אויסגעדרייט זיין פנים, אויך רויטלעך פון ווינט און זון, און געזאָגט, אַז מען זאָל גאָרנישט נישט געבן דער חוצפה־דיקער בעטלערין. ער איז געווען אין כעס נאָך פון פריער, בעת זי האָט זיך געטשעפעט צו אים פון אַלע זייטן און געוואָלט אַרויסבאַקומען אַ נדבה. איצט האָט זיין כעס זיך געכפלט מיט מוסר און ער האָט זיך געפילט רעכטפאַרטיק.

— קיינער זאָל נישט דערוועגן צו געבן איר אַ נדבה — האָט ער געשריגן. ער איז געווען אַ ציגל־לייגער אָדער אַ בויער פון שאָסייען.

— אַ נדבה טאָר מען דאָך נישט צוריקנעמען, — האָט דער קליינער מאַן אַ ווייַן געטאָן אויף זיין דאַוונענדיק לשון.

— ווער עס וועט איר געבן אַ נדבה איז אַ פאַררעטער. — האָט דער ציגל־לייגער געזאָגט.

— נעמט עס צוריק, — האָט די בעטלערין געזאָגט.

זי האָט נישט געלייגט קיין אַכט אויף דעם, וואָס דער ציגל־לייגער האָט געשריגן. אַזוי ווי פריער ער זי, אַזוי האָט זי אַצינד אים נישט געזען און נישט געהערט. זי האָט זיך אַ שטעל געטאָן נעענטער צום

קליינעם מאַן מיט די ברייטע הויזן און דאָס דראָבנע גרושעלע אין איר אויסגעשטרעקטער האַנט. נאָר דער קליינער מאַן האָט נישט געוואָלט צוריקנעמען.

— מע טאָר נישט, מע טאָר נישט. — האָט ער זיך געווערט.

— קיינער אין דער ריי זאָל נישט געבן, — האָט דער ציגל־לייגער געוואָרנט.

די בעטלערין האָט אַריינגעוואָרפן דאָס גרושעלע אין די ברייטע הויזן פון דעם קליינעם מאַן.

אויך אונטן ביי די מאַנקעטן זענען די הויזן געווען זייער ברייט און דאָס גרושעלע איז גלייך אַרויסגעפאַלן און זיך אַוועקגעקאָלערט אין ראָוו אַריין.

זי האָט אַ שטרעק געטאָן איר האַנט צום נאָענטסטן אין דער ריי.

— זייט אַזוי גוט און גיט אַ נדבה — האָט זי געזאָגט.

די בעטלערין איז געגאַנגען פון איינעם צום אַנדערן אין דער ריי און געבעטן אַ נדבה. הינטער איר איז געגאַנגען דער ציגל־לייגער און אַכטונג געטאָן, אַז קיינער זאָל נישט געבן.

כ׳בין געשטאַנען דער לעצטער אין דער ריי און ווען זי איז צוגע־קומען צו מיר האָב איך אַריינגעלייגט צען גרוש אין איר אויסגעשטרעק־טער האַנט. זי האָט באַקוקט די נדבה פון דער נאָענט, אַ מורמל געטאָן אַ דאַנק און אַוועקגעגאַנגען. זי איז געווען זייער קליין און ווען זי וואָלט זיך אויסגעגלייכט, וואָלט זי געווען אַזוי הויך ווי דער שטעקן אין איר האַנט. אָבער זי איז געגאַנגען געבויגן און זי איז געווען מיט אַ קאָפּ נידעריקער פאַר איר שטעקן.

דער הויכער ציגל־לייגער האָט מיך געלאָזט נאָכקוקן דער בעטלערין ביז זי איז פאַרשוווּנדן געוואָרן צווישן די מענטשן אויף דער הויפּטגאַס פון שטאָט. נאָך דעם האָט ער געוואָלט וויסן, פאַר וואָס איך האָב עס געטאָן.

— ס׳איז דאָ אַ סיבה דערביי — האָב איך געענטפערט.

— ס׳איז דאָ אַ סיבה דערביי — האָט ער נאָכגעקרומט מיינע ווער־

טער, אַ ביסל העכער, כדי די מענטשן אין דער ריי זאָלן הערן. איצט זענען שוין כמעט אַלע געשטאַנען מיטן פּנים צו אים און געוואַרט. ער איז געוואָרן זייער שליח.

— נישטאָ קיין סיבות פאַר פאַררעטער — האָט מען געענטפערט פון דער ריי.

דער שליח האָט איבערגעטראָגן דעם ענטפער צו מיר.

אָבער דער קליינער מאַן מיט די ברייטע הויזן האָט זיך אַריינגעמישט:

— זאָל מען אים לאָזן אויסריידן — האָט ער פאַרגעלייגט און ער האָט מיר געבאַרגט זיין קיישל, איך זאָל זיך אַרויפשטעלן אויף דעם און רעדן. כ׳האָב אַזוי געטאָן.

— העכער — האָט מען געשריגן, ווייל צו ערשט האָב איך די ווערטער פאַרשלונגען. נאָך דעם האָב איך געקוקט בלויז אויף דעם מאַן מיט די ברייטע הויזן און אויף זיין היימישלעך נישט ראַזירט פּנים און איך האָב אים דערציילט, אַז איך האָב עס געטאָן דערפאַר, ווייל איך האָב פאַרלוירן די מוזיק אין מיינע אויגן.

דער ציגל־לייגער האָט אָנגעהויבן שרייען, אַז איך מאַך חוזק און ער איז אַוועק אויפבונטעווען די מענטשן אין דער ריי, מען זאָל מיך נישט אַריינלאָזן אין אויטאָבוס, נאָר איך האָב שוין נישט געלייגט קיין אַכט אויף זיין שרייען. כ׳האָב זיך אַראָפּגעבויגן אַ ביסל צום קליינעם מאַן און אים דערציילט, אַז וואַרטנדיק דאָ, אין דער ריי, אויפן אויטאָבוס האָב איך נאָכגעקוקט די פאַרבייגייער אויף דער גאַס. כ׳האָב נאָכגעקוקט אַ הויכע זעלנערין און מיט אַ מאָל האָט זיך מיר אויסגעדאַכט, אַז איך האָב זי שוין ערגעץ ווו געזען. ווו איז עס געווען? ווו איז עס געווען? — האָב איך זיך געפרעגט און געזוכט אין זכרון דאָס אָרט און די צייט. זוכנדיק די הויכע זעלנערין אין מיין זכרון האָב איך אויפן וועג אָנגע־טראָפן זיך אַליין, גייענדיק הין און צוריק אין אַ גרויסן, באַלויכטענעם זאַל, מיט פּרעטענסיעס צו אַלעמען און מיט שטאָלץ אין מיין געשטעל. אַ קליין יינגל, אַ מנוול, האָט מיר אָנגעוויזן אויף אים און געזאָגט, אַז שוין מער ווי צוואַנציק יאָר ווי ער דרייט זיך דאָ אַרום אַזוי, הין און צוריק, שטאָלץ און נישט שטאָלץ, און וואָס איז געשען, גאָרנישט. כ׳האָב

אים געוואָלט עפּעס פרעגן, איז ער פאַרשוווּנדן געוואָרן און דעמאָלט איז די מוזיק אין מיינע אויגן פאַרלוירן געגאַנגען.

כ׳האָב נאָך אַלץ נאָכגעקוקט דער הויכער זעלנערין אויף דער הויפּט־גאַס, אָבער די מוזיק איז שוין נישט געווען אין מיינע אויגן.

דער קליינער מאַן איז געבליבן פאַרטראַכט אויך נאָך דעם ווי איך האָב אויפגעהערט רעדן.

— דאַכט זיך, אַז איך פאַרשטיי נישט, — האָט ער געזאָגט.

דערווייל איז דער אויטאָבוס אָנגעקומען און דער ציגל־לייגער מיט די אַנדערע מענטשן אין דער ריי זענען אַריין אַהין און מיך האָבן זיי נישט אַריינגעלאָזט. זיי האָבן אַלע גערעדט און געשריגן צוזאַמען און זיך געזאָגט איינער דעם אַנדערן — נישט אַריינלאָזן אין זייערע רייען אַ פרעמדן, וואָס טרייבט חוזק פון ערלעכע לייט און מאַכט קאַליע די בעטלער אין לאַנד. אויך דער מאַן מיט די ברייטע הויזן איז שוין געווען אינעווייניק אין אויטאָבוס, ווען ער האָט זיך געכאַפּט, אַז ער האָט פאַר־געסן דאָס געפלאָכטענע קיישל, אויף וועלכן איך בין נאָך אַלץ געשטאַ־נען. ער האָט זיך דורכגעשטופּט דורך אַלע מענטשן אין געפּאַקטן אויטאָ־בוס, צו דער טיר צו, און צוריק אַרויס אויף דער גאַס, כדי צו נעמען דאָס קיישל. ווען ער האָט זיך אויסגעדרייט מיטן קיישל אין דער האַנט, איז שוין געווען צו שפּעט. די טיר האָט זיך פאַרמאַכט און דער אויטאָבוס האָט אָנגעהויבן אָפּפאָרן. מיר האָבן ביידע געקלאַפּט מיט די פויסטן אין דער בלעכענער וואַנט פון הינטן און געשריגן „רגע! רגע!״ אָבער דער שאָפער האָט נישט געהערט. פון צו שטאַרקן זאַמאַך בין איך שיער נישט אומגעפאַלן און אַ לויף געטאָן עטלעכע טריט כמעט אויף אַלע פיר. דע־מאָלט האָב איך באַמערקט דאָס גרושעלע אין ראַוו. כ׳האָב זיך איינגע־בויגן, עס אויפגעהויבן און געגעבן דעם קליינעם מאַן. זיינע הויזן זענען געווען אַזוי ברייט אַז ער האָט גאָרנישט געשפּירט, נישט ווען די בעט־לערין האָט אַריינגעוואָרפן אינעווייניק דעם גרוש און נישט ווען ער האָט זיך צוריק אַרויסגעקאָלערט.

ער האָט נישט געוואָלט נעמען ביי מיר דעם גרוש און געטענהט, אַז מען נעמט צוריק אַ נדבה ברענגט עס אַן אומגליק. האָב איך פאַרגע־

לייגט, אַז מען זאָל געבן די נדבה אַן אַנדערן בעטלער, אָבער ער האָט זיך געהאַלטן ביי זיינס און געזאָגט, אַז דאָס וועט גאָרנישט העלפן און אַז מע מוז צוריקגעבן די נדבה דער זעלבער בעטלערין, אַפילו ווען זי וויל נישט, אַנישט וועט קומען דאָס אומגליק.

סיי ווי האָט מען באַדאַרפט וואַרטן אַ לאַנגע צייט אויף אַ צווייטן אויטאָבוס, זענען מיר ביידע געגאַנגען איבער די הויפּטגאַסן פון דער שטאָט און געזוכט די בעטלערין מיטן שטעקן אין דער האַנט אויף צוריק־צוגעבן איר די נדבה.

גייענדיק האָב איך באַמערקט ווי ער מוטלט אויף זיין ווייך דאַוונענ־דיק לשון. האָב איך אים געפרעגט וואָס ער מוטלט, האָט ער געענטפערט, אַז דאָס דערציילט ער אַזוי זיין ביאָגראַפיע. נאָך פריער, בעת ער האָט זיך אַריינגעמישט צווישן מיר און דעם ציגל־לייגער, און איך בין גע־שטאַנען אויף זיין קיישל און גערעדט צו אים, האָב איך קוקנדיק אויף זיין נישט ראַזירט פנים, זיין שווערלעך, אַ ביסל אַראָפּהענגענדיק פנים, דערזען אַז ער איז גאָר ענלעך אויף מיין חבר פּוליע אין אויסטראַליע.

נאָר מיין חבר פּוליע אין אויסטראַליע איז רייך געוואָרן, אויסגעלייגט טעפּעכער אין אַלע זיינע צימערן פון וואַנט צו וואַנט, און אין די צימערן גופא אַריינגעשטעלט ביכער, בילדער און מוזיק. און דער־אָ־דאָ, דער קליינער מאַן מיט די ברייטע הויזן, האָט אויסגעזען אַזוי ווי מיין חבר פּוליע, נאָר אָן די טעפּעכער, אָן די ביכער און אָן די מוזיק.

כ׳האָב אים געזאָגט וואָס איך טראַכט.

— אויסטראַליע, אויסטראַליע — האָט ער גייענדיק לעבן מיר איבערגעחזרט.

— יאָ, אויסטראַליע — האָב איך געזאָגט.

— דאַכט זיך אַז מע איז געווען אין אויסטראַליע, — האָט ער געזאָגט.

— אויך געווען דאָרט?

— דאַכט זיך אַזוי.

— וואָס הייסט: דאַכט זיך, אויסטראַליע? ס׳איז דאָך וויט.

— געווען. געווען, — האָט ער שנעל פאַרזיכערט.

אַ מאַנטל פון אַ פּרינץ

— ווי לאַנג?

— נישט לאַנג. בלויז אַדורכגעפאָרן.

מיר זענען אַראָפּ פון דער הויפּטגאַס און אַריין אין אַ קליין געסל, וואָס האָט זיך אַ פאַרנעם געטאָן אויף רעכטס און פון דאָרט האָבן זיך אַוועקגעצויגן ברייטע, צעמענטענע שטיגן און אויף די שטיגן זענען געזעסן בעטלער.

— די בעטלערין איז פּעוונע דאָ פאַראַן, — האָט ער געזאָגט.

די שטיגן זענען געווען ברייט ווי טראָטואַרן. צוויי טרעגער האָבן אויפגעהויבן אַן אַלטן בעטלער מיט הויכע פּלייצעס, אַריינגעלייגט די פּושקע אין זיין האַנט אַריין און אים געהייסן גיין. דער אַלטער, איבער־געוואָקסענער בעטלער איז געגאַנגען, אַ קליין ייִנגל, אַ מנוול, האָט זיך אַוועקגעשטעלט און אונדז דערציילט, כאָטש מיר האָבן נישט געוואָלט הערן, אַז דער אַלטער בעטלער קאָן זיך אַליין נישט אויפשטעלן און אויך נישט אַוועקזעצן זיך. דערפאַר, ווען ער קומט צו גיין אין דער פרי, קומען די צוויי טרעגער, האַלטן אים אונטער ביי די אָרעמס און לאָזן אים פּאַ־מעלעך, פּאַמעלעך אַראָפּ אויף דער ערד. די פּושקע שטעלן זיי אַוועק לעבן אים און ער, דער בעטלער גופא, ווערט אַנטשלאָפן. ווען די פּושקע ווערט פול מיט נדבות, קומען די צוויי טרעגער, וועקן אים אויף פון שלאָף, שטעלן אים אַוועק אויף די פיס און הייסן אים גיין.

— איצט איז דאָך די פּושקע נאָך האַלב ליידיק — האָב איך געזאָגט.

— ס׳לייבט זיך דאָך אויף אַ רעגן — האָט דער קליינער מנוול זיך געקליגלט און אַ הייב געטאָן ס׳פּנים צום גרויען הימל.

— פרעג אים, צי ער האָט געזען אַ קליינע בעטלערין מיט אַ שטעקן אין דער האַנט, — האָט מיין אָרעמער חבר פּוליע געזאָגט.

כ׳האָב אַזוי געטאָן. אָבער דאָס קליינע ייִנגל האָט אָנשטאָט ענטפערן זיך צעלאַכט ווי אַ קריפּל און פאַרשוווּנדן געוואָרן, אַזוי ווי דעמאָלט אין אויסטראַליע, אין באַלויכטענעם זאַל, ווו איך בין נאָך אַלץ אַרומגעגאַנגען הין און צוריק, הין און צוריק, מיט אַ צעשפּילעטן מאַנטל און געפּאַכעט מיט די פּאָלעס.

— וואָס הייסט אַדורכגעפּאָרן אויסטראַליע — האָב איך שיער נישט געשריגן — אויסטראַליע פאָרט מען נישט אַזוי לייכט אַדורך. ס׳איז ווייט.

— אַדורכגעפּאָרן, אַדורכגעפּאָרן — האָט דער אָרעמער פּוליע גוט־מוטיק געשמייכלט, וויך ווי זיין ווייך לשון.

כ׳האָב אים נאָך אַ מאָל געזאָגט, אַז אויסטראַליע קאָן מען נישט אַדורכפּאָרן. אַז עס ליגט ווייט איבער ימען. מע קאָן פאָרן אַהין און מע קאָן פאָרן צוריק פון דאָרט, אָבער אַדורכפאָרן פאָרט מען נישט. ער האָט אַרויפגעקוקט צו מיר מיט איין אויג ליכטיקער פאַרן אנדערן און געשאָקלט מיטן קאָפּ אַז ער איז יאָ אַדורכגעפּאָרן.

— ווען מ׳האָט געפירט אין די לאַגערן איז מען אַדורכגעפּאָרן — האָט ער געזאָגט, הייבנדיק ביידע אַקסלען אַלס עדות און ער האָט זיך איינגעבויגן אַריינצוואַרפן דאָ און דאָרט אַ נדבה אין אַ בעטלערס פּושקע, מחמת די בעטלערס האָבן אים נישט געלאָזט פאַרבייגיין. זיי האָבן אים געצופּט ביי די ברייטע הויזן און נישט געלאָזט גיין. כ׳האָב געטאָן דאָס זעלבע און אַריינגעוואָרפן צען גרוש אין אַ פּושקע. דאָס האָט אים פאַר־דראָסן און ער האָט געטענהט, אַז דער ציגל־לייגער איז געווען גערעכט, וואָס מען האָט מיך נישט אַריינגעלאָזט אין אויטאָבוס. האָב איך אים געזאָגט, אַז דאָס טו איך אַזוי תשובה, אויס חרטה אויף דער מוזיק, וואָס איז פאַרלוירן געגאַנגען אין מיינע אויגן. אַז יעדער איינער האָט מוזיק אין די אויגן, נאָר נישט אַלע ווייסן פון דעם. ערשט ווען עס גייט פאַר־לוירן, מאַכט זיך אַז מען ווערט יאָ געוווירר און דעמאָלט איז שוין אַ ביסל שפּעט.

— קיין מאָל נישט געהערט פון דעם, — האָט ער געזאָגט און ער האָט אַוועקגעשטעלט דאָס קיישל אויף דער ערד, זיך אַוועקגעזעצט אויף דעם און געזאָגט, אַז איך קאָן אַריינקוקן אין זיינע אויגן און זען צי ער איז נישט גערעכט. כ׳האָב אַזוי געטאָן. זיך אַראָפּגעבויגן, אַריינגעקוקט אין זיינע פאַרגרעסערטע אויגן און געזען אַז אויך דאָרט איז דאָס אומ־גליק געשען און ער האָט אַפילו וועגן דעם נישט געוווסט.

— ס׳איז דאָרט גאָרנישט נישטאָ — האָב איך געזאָגט.

— ס׳איז דאָרט אויך קיין מאָל גאָרנישט נישט געווען — האָט ער

געענטפערט אַ צופרידענער וואָס נישט איך, נאָר ער איז פאַרבליבן דער גערעכטער.

כ'האָב אים געלאָזן בלייבן גערעכט, מיט אַ געפיל, ווי מען לאָזט איינעם בלייבן אין תפיסה.

— איר זענט נישט דורכגעפאָרן אויסטראַליע, איר מיינט אַוודאי עסטרייך, האָב איך אים געזאָגט.

— אויסטרייך, אויסטרייך, — האָט ער געחזרט און געלאַכט — אין אויסטרייך איז מען דאָך געשטאַנען אפשר אַ גאַנץ יאָר. אויסטרייך קאָן איך אַזוי ווי מיינע פינגער. דאָרטן איז מען געשטאַנען, אָבער אויסטראַליע איז מען אַדורכגעפאָרן.

— קיין אויסטראַליע פאָרט מען אויף שיפן.

— מיר זענען נישט געפאָרן אַהין אויף שיפן — האָט ער געזאָגט און זיך אויפגעהויבן פון קיישל און אָנגעהויבן אַראָפּקוקן פון די טרעפּ אין גאָס אַריין. כ'האָב אויך געקוקט און געזען ווי די בעטלערין מיטן שטעקן אין דער האַנט קומט אָן. מיר זענען שנעל אַראָפּ פון די טרעפּ און געגאַנגען איר אַנטקעגן. זי איז אויך געגאַנגען שנעל און פאַרעקשנט. איר קאָפּ געבויגן צום שטעקן, די אַנדערע האַנט פאַרשטעקט אין דער קעשענע, פאָרנט אין איר קלייד. מיט איר קליין גופל און קליין פּנים איז זי געגאַנגען פאַרנומען אין זיך און נישט געלייגט קיין אַכט אויף די אָן אַ שיער מענטשן, וואָס זענען געגאַנגען הין און צוריק. אויך נישט אויף די הייזער, פענצטער און טירן, ווי די גאַס וואָלט געווען בלינד, מיט הויכע ווענט.

מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט און געוואַרט זי זאָל צוקומען.

— זי איז פאַרבייגעגאַנגען — האָט דער מאַן מיט די ברייטע הויזן געזאָגט און ער האָט אויפגעעפנט די האַנט אין וועלכער ער האָט געהאַלטן דאָס גרושעלע.

— זי האָט דאָך גאָרנישט געבעטלט, — האָט ער געהויבן מיט די אַקסלען און זיך געחידושט, קוקנדיק אויפן גרושעלע און נאָך דעם אין דער גאָס אַריין, וואָס האָט שוין אָנגעהויבן ווערן אין גאַנצן פאַרנאַכטיק.

און דאָ און דאָרט האָט שוין געלויכטן אַ לאָמפּ אין אַ שויפֿענצטער, אָבער נאָך נישט מיטן אמתן ליכט פֿון ביינאַכט.

— דאָס קיישל, — האָב איך געזאָגט, קוקנדיק אויף זיינע הענט — און מיר האָבן אָנגעהויבן גיין שנעל צוריק צו די טרעפּ, ווו די בעטלערס זענען געזעסן און ווו מיר האָבן איבערגעלאָזט דאָס קיישל.

דאָס אַלטמאָדיש געפֿלאָכטענע קיישל מיטן הויכן, קאַנטיקן הענטל און די צוויי דעקלעך, וואָס האָבן זיך פֿאַרלייגט פֿון אויבן צום הענטל צו, איז געשטאַנען אויפֿן אָרט ווו מיר האָבן עס איבערגעלאָזט.

כ׳האָב געוואָלט וויסן, וואָס אינעווייניק איז דאָ.

— פּאָר אַ מומען, אַ יתומה נעבעך, — האָט ער געמורמלט.

— אַ יתומה? נאָך אַ יונגע?

ער האָט אַרויסגעשטופּט זיין אונטערשטע ליפּ און געשאַצט איר עלטער.

— דאַכט זיך פֿופֿציק יאָר.

— און נאָך אַלץ אַ יתומה?

— נעבעך — האָט ער געענטפֿערט, — נאָך פֿון קינדערווייז אָן.

און ער האָט מיר דערציילט, אַז דאָס איז ער טאַקע געשטאַנען אין דער ריי און געוואַרט אויפֿן אויטאָבוס, כּדי צו פֿאָרן צו דער מומע אויף אָוונטברויט. זי וווינט אַליין אין אַ פֿאַרוואָרפֿן שטעטל, אין אַן אָרעם שטיבל, ווו דער דאַך איז צעבראָכן און ווינטער רעגנט דאָרט אַריין און זומער שיינט דאָרט אַריין די זון. ער האָט געחשבונט, אַז ווען עס וואָלט געווען פֿאַרקערט וואָלט נישט אויסגעמאַכט.

מיר האָבן אָפּגעמאַכט צווישן זיך, אַז איך וועל נעמען דעם גרוש און צוריקגעבן דער בעטלערין, אַפֿילו ווען זי וועט נישט אויסשטרעקן איר האַנט צום בעטלען, און מיר זענען אַוועק נאָך אַ מאָל זוכן די בעט־לערין דורך דעם צווייטן אַרויסגאַנג פֿון מאַרק.

ביים צווייטן אַרויסגאַנג פֿון מאַרק איז די גאַס געווען שטיל און לער. קיין איין געשעפֿט איז נישט געווען אָפֿן, קיין מענטש האָט זיך נישט אָנגעזען און בלויז איין בעטלערין איז געזעסן אויפֿן טראָטואַר מיט אויסגעצויגענע פֿיס און איר פֿלייצע אָנגעלענט אין אַ הויכער, בלינדער

וואַנט. כ׳האָב אָנגעוויזן אויף איר מיט אַ פינגער און אים דערציילט, אַז יעדן אינדערפרי, אויף מיין וועג צו דער אַרבעט, טרעף איך זי דאָ זיצן און פאַרבייגייענדיק גיב איך אַ נדבה, אַז איך מוז עס טאָן און זי ווייס דערפון און דערפאַר האָט זי אַפילו אויפגעהערט צו דאַנקען. ווען איך וואַרף אַריין די נדבה אין איר פושקע גיט זי בלויז אַ קליינעם ווונק מיטן אויג, אַ סימן אַז איך מעג פאַרבייגיין.

כ׳האָב געמיינט, אַז זי זיצט דאָ בלויז אין די פרימאַרגנס און נישט געוווסט, אַז אויך אין די פאַרנאַכטן זיצט זי דאָ. אַזוי ווי אין די פרימאָר־גנס, איז זי אויך איצט געווען איינגעהילט אין אַ סך קליידער, אַחוץ די אויסגעשטרעקטע האַנט און דאָ און דאָרט אַ שטיקל פון איר פּנים.

ווען מיר האָבן אַריינגעוואָרפן מטבעות אין איר פושקע האָט די בעטלערין זיך אָנגעהויבן שאָקלען און אויסגעדאַוונט אַ לאַנגע ברכה.

— זי האָט דיך גאָרנישט דערקאַנט, — האָט פּוליע געזאָגט.

מיר אַליין איז עס אויך געווען אַ חידוש. כ׳האָב אים געזאָגט, אַז מסתמא ווייל ס׳איז פאַר נאַכט און ס׳איז נישטאָ קיין שאָטן, דערפאַר האָט זי מיך נישט דערקאַנט. אָבער אין דער פרי וואָלט זי מיך יאָ דער־קאָנט. ווען איך קום אָן אין דער פרי אויף מיין וועג צו דער אַרבעט, איז די נידעריקע זון הינטער מיר און מיין שאָטן איז פאָרויס און לאַנג. זי זיצט מיט איר פּנים באַלכסונדיק צו מעריב צו, און ווען איך גיי איר פאַרביי זעט זי פריער מיין שאָטן. זי גיט אַ ווונק צום שאָטן און דעמאָלט וואַרף איך אַריין די נדבה אין איר פושקע. אָבער איצט איז פאַר נאַכט און ס׳איז נישטאָ קיין שאָטן, ווייס זי נישט ווער איך בין.

— דאָ איז שוין מער נישט פאַר נאַכט — האָט פּוליע געזאָגט און ער האָט אָנגעוויזן אויף די פּולע מיסטקעסטלעך ביי די טויערן פון די הייזער. אויף וויפל מע האָט געקאָנט זען אין דער פינסטער, ברייטער גאַס, זענען טאַקע ביי יעדן טויער געשטאַנען פולע קעסטלעך מיט מיסט.

— פאַר נאַכט שטייען דאָ נישט קיין מיסטקעסטלעך — האָט פּוליע גערעדט — מען שטעלט זיי אַרויס נאָר אין באַגינען, כדי די שטאָט־רייני־קער זאָלן זיי אויסליידיקן אין זייער מיסטוואָגן.

דאָס איז געווען אמת און לויט דעם איז געווען צו דערקאָנען אַז עס

איז שוין באַגינען, כאָטש די זון האָט נאָך נישט געהאַט אויפגעשיינט. קיינער איז נאָך אויף דער גאַס נישט געווען. חוץ ער און איך, די בעט־לערין ביי דער בלינדער וואַנט און אַ ביסל ווייטער, לעבן שטאָט־קליניק — דער בעטלער אין דער לאַנגער טאָגע. זעענדיק אים, האָב איך שוין געוווּסט אויף זיכער, אַז עס איז שוין באַגינען. ווי יעדן אינדער־פרי איז ער איצט אויך געשטאַנען ביי די מיסטקעסטלעך, וואָס מען האָט אַרויסגעשטעלט פון שפּיטאָל, און אַרויסגעצויגן אָפּגענוצטע באַנדאַזשן. אין זיינע לאַנגע, טונקעלע קליידער, מיטן טערקישן מיצל אויפן קאָפּ, האָט ער אויסגעזען ווי אַן אָפּגעקומענער סוחר אין די צייטן פון דזשינגיס כאַן. זיינע באַקן האָבן געגלאַנצט גלאַטיק און אָפּגעפּוצט, און זיין לענגלעך בערדל פון עטלעכע גרויע האָר איז געווען צאַרט און דיק, ווי פון רויך. דאָ און דאָרט האָט פון אַ מיסטקעסטל אַרויסגעשטאַרצט אַ גיפּסענע פוס אָדער אַ האַנט.

— וועגן אים האָב איך פאַרטראַכט אַ מעשה — האָב איך געזאָגט פּוליען.

— מיט אַ טרויעריקן סוף? — האָט ער געפרעגט.

כ'האָב געשאָקלט מיטן קאָפּ אויף יאָ.

— אַ מאָל געלייענט אַזאַ בוך, — האָט ער געזאָגט, צומאַכנדיק די אויגן מיט אַ פרומער מינע.

כדי דער בעטלער זאָל זיך נישט כאַפּן, אַז מיר קוקן אויף אים, האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט דערלעבן און אַריינקוקנדיק אין פענצטער פון אַ געשעפט האָב איך שטילערהייט אָנגעהויבן דערציילן פּוליען די מעשה מיטן טרויעריקן סוף, וואָס איך האָב פאַרטראַכט וועגן בעטלער.

— דאַכט זיך, אַז ער זינגט — האָט פּוליע אַ צופּ געטאָן מיין אַרבל.

מיר האָבן זיך איינגעהערט.

דער פרימאָרגן איז געווען געל און אויך די גאַס איז געווען פון זעלבן קאָליר. די הויכע הייזער און די פאַרשלאָסענע געשעפטן זענען גע־שטאַנען שטיל, און די בעטלערין אויפן ברייטן טראָטואַר איז דורכגע־זאַפּט געוואָרן מיט דעם געלבלעכן קאָליר פון די הייזער. אַקעגן איבער איר, אויף אַ מיסטקעסטל, האָט א געפּלעקטע קאַץ געוואַשן מיט אַ פּאַ־

דערשטער לאַפּקע ס'פּנים. בלויז דער בעטלער אין דער שוואַרצער טאָגע האָט איינגעהאַלטן זיין קאָליר און זיך נישט אויסגעמישט מיט דער געלבקייט פון באַגינען.

— ער זינגט אַ פריילעך לידל — האָט פּוליע געזאָגט.

— ס'איז דאָך שטראַוסעס וואַלץ — האָב איך זיך געחידושט.

— קיין מאָל נישט געהערט פון דעם — האָט פּוליע געזאָגט.

— ס'איז אַזאַ טאַנץ. מ'רופט עס דער בלויער וואַלץ.

פּוליע האָט נישט געוווּסט.

— ס'איז אַ פריילעכער טאַנץ פון די אַמאָליקע ווינער צייטן.

— אויסטרייך — האָט ער אויסגעשריגן און ווי אויפגעלעבט און ער האָט זיך אַזש אַ קנופּ געטאָן אין באַק. ער האָט געטוישט דאָס קיישל פון איין האַנט אין דער צווייטער און אָנגעהויבן מוטלען אַזוי ווי אין אָנהייב, ווען ער האָט זיך דערציילט זיין ביאָגראַפיע. באַלד האָט ער זיך אָפּגעשטעלט און געוואָלט וויסן, צי מען קאָן פאָרן קיין אויסטראַליע מיט אַ באַן. נאָר ס'איז שוין נישט געווען קיין צייט צו ענטפערן. דער בעטלער האָט פאַרהעכערט זיין קול און געזונגען אויף דער שטילער גאַס דעם בלויען ניגון, דיריגירנדיק מיט אַ האַנט צום ריטעם. און דעמאָלט איז פון דער צווייטער עק גאַס אָנגעקומען די קליינע בעטלערין מיטן שטעקן אין דער האַנט. געבויגן צום שטעקן, מיט אַ קאָפּ נידעריקער פון אים, איז זי געגאַנגען אַליין אויף דעם ברייטן טראָטואַר לענג־אויס די הויכע פאַרמאַכטע הייזער און דער פרימאָרגן האָט אויך איר דורכגענומען מיט זיין דורכזיכטיק גאָלד־געלבלעכן קאָליר.

מיר האָבן געוואַרט ביז די בעטלערין וועט צוקומען. פּוליע האָט געהאַלטן דאָס קיישל און איך דעם גרוש. ווען די בעטלערין איז שוין געווען גאַנץ נאָענט, איז אָנגעפאָרן אַ קליינער אויטאָ און זיך אָפּגעשטעלט האַלבוועגס צווישן אונדז און דער בעטלערין. אַ ווילע האָט זי זיך פאַר־האַלטן, נישט וויסנדיק ביי וועמען פריער צו בעטלען, אָבער באַלד איז זי צוגעגאַנגען צו די צוויי מענער, וועלכע זענען געזעסן אין פאָדערשטן טייל פון אויטאָ פאַרטאָן אין אַ שמועס, און מיט אַ פויסט אָנגעקלאַפּט אין פאַרמאַכטן שייבל. רעדנדיק צום שאָפער האָט דער מאַן אַראָפּגעדרייט

דאָס שייבל. די בעטלערין האָט אַריינגעשטעקט די האַנט. דער מאַן האָט אַריינגעלייגט אין דער האַנט אַ נדבה. די בעטלערין האָט אַרויסגענומען די האַנט. דער מאַן האָט צוריק אַרויפגעדרייט דאָס שייבל. די בעטלערין האָט באַקוקט די נדבה פון דער נאָענט און נאָך אַ מאָל אָנגעקלאַפּט אין דער שויב. דער מאַן האָט צוריק אַראָפּגעדרייט דאָס שייבל. די בעטלערין האָט צוריק אַריינגעשטעקט די האַנט דורך דער עפענונג און צוריק־געגעבן די נדבה. דער מאַן האָט צוריקגענומען די נדבה. די בעטלערין האָט צוריק אַרויסגענומען איר האַנט. דער מאַן האָט צוריק אַרויפגעדרייט דאָס שייבל און דער אויטאָ איז אָפּגעפאָרן.

— יענער האָט צוריקגענומען די נדבה. ער האָט אַפילו נישט אַ קוק געטאָן אויף דער בעטלערין, אַזוי פאַרטאָן איז ער געווען אין זיין שמועס — האָב איך גערעדט.

— ווער עט אים געשען אַן אומגליק. אַן אומגליק — האָט פוליע געמורמלט.

— זייט אַזוי גוט און גיט אַ נדבה — האָט די בעטלערין געזאָגט און אויסגעשטרעקט צו אונדז איר האַנט.

פוליע האָט אַ נעם געטאָן דאָס קיישל און אָנגעהויבן לויפן, ווי מיר האָבן זיך געהאַט אָפּגעשמועסט. איך האָב אַריינגעלייגט דעם גרוש אין דער בעטלערינס האַנט און געלאָפן נאָך פוליען.

כ׳בין נישט אָפּגעלאָפן קיין סך. דאָס קליינע גרושעלע איז געפאַלן קאַלט און פלאַך אויף מיין פליך, אין סאַמע מיטן ווו די האָר זענען שוין פון לאַנג געהאַט אויסגעקראָכן. כ׳האָב זיך אָפּגעשטעלט און אומגע־קוקט. די בעטלערין האָט אָנגעוויזן אויפן גרושעלע און געהייסן איך זאָל עס אויפהייבן.

דער אָרעמער פוליע איז שוין מער נישט געווען לעבן מיר. איך האָב געקוקט ווי ער דערווייטערט זיך מיט קליינע טריטעלעך, צוליב זיינע קורצע פיס און די ברייטע הויזן, ווי די הויזן פון אַ קונצן־מאַכער אין אַ צירק.

— הייב עס אויף. — האָט די בעטלערין נאָך אַ מאָל באַפוילן.

כ׳האָב זיך איינגעבויגן און אויפגעהויבן דאָס פּיצטע גרושעלע פון

דער ערד. ס׳איז געלעגן אויף מיין אָפענער דלאָניע און איך האָב אַראָפּ־געקוקט אויף דעם. די בעטלערין איז צוגעקומען נעענטער און אויסגע־שטרעקט איר האַנט עטוואָס נידעריקער פאַר מיינע.

— זייט אַזוי גוט און גיט אַ נדבה, — האָט זי געזאָגט.

כ׳האָב אַרויסגענומען פון קעשענע צען גרוש און איר געגעבן. זי האָט באַקוקט די נדבה פון דער נאָענט, באַדאַנקט, אַ קלאַפּ געטאָן מיטן שטעקן און אַוועקגעגאַנגען.

די גאַס איז שוין מער נישט געווען אַזוי שטיל ווי פריער. געשעפטן האָבן זיך געעפנט און מאַשינען זענען געפאָרן הין און צוריק. כ׳האָב נאָכגעקוקט דער בעטלערין ווי זי גייט אַוועק, ביז זי איז פאַרשווונדן געוואָרן צווישן די מענטשן אויף דער גאַס.

אויף דעם אָרעמען פּוליע מיט די ברייטע הויזן האָב איך מער נישט געזען. איצט וועט ער שוין קאָנען פאָרן צו דער אָרעמער מומען, דער יתומה נעבעך. וואָס אין קיישל איז געווען האָט ער מיר נישט דערציילט. אַ קליינער מאָטאָציקל איז פאַרביי די גאַס מיט אַ סך געבראַזג. אַקעגן איבער אין דער שטאָטשול זענען יידן אַריין און אַרויס פון דאַוונען. אין דעם ברייטן, פאַרנעמיקן אַריינגאַנג פון דער שול איז געשטאַנען אַ הויכער בעטלער אויף איין פוס מיט אַ בייז פנים. אָנגעשפאַרט אויף די קוליעס, האָט ער איין האַנט געהאַלטן ווי אַן איבערגעקערטן דלת; מיטן פיסל צוגעהאַלטן די קוליע און דאָס קעפל פון דלת אויסגעשטרעקט צום בעטלען. אַ ברייטער ייד אין אַ ווייס העמד, אַ שוואַרצן קאַפּעליוש, פאות הינטער די אויערן, ציצית איבער די הויזן, איז אַרויסגעקומען פון שחרית דאַוונען. לעבן בעטלער האָט ער פון אַ זשמעניע קליינגעלט אַרויסגע־צויגן אַ גרושעלע און מיט די צוויי פרומע פינגער, מיט וועלכע ער האָט ביים אַרויסגיין אָנגערירט די מזוזה, האָט ער איצט אָנגערירט דעם בעטלערס האַנט. דער הויכער בעטלער האָט אַראָפּגעקוקט אויפן גרושעלע ביז דער ייד איז אַוועקגעגאַנגען. נאָך דעם האָט ער אַ נעם געטאָן פעסטער די קוליעס אונטער די אָרעמס, אַרויסמאַרשירט עטלעכע טריט ביזן מיטן טראָטואַר, פּאַמעלעך איבערגעקערט די האַנט און מיט אַ בייזן, צופרידע־נעם שמייכל געקוקט ווי דאָס גרושעלע גליטשט זיך פּאַמעלעך אַראָפּ פון

זיין דלאָניע, פאַלט אַראָפּ און בלייבט ליגן אין אַ לוזשיקל וואַסער פון אַ נעכטיקן רעגן. באַלד איז ער צוריקגעגאַנגען אויף זיין אָרט און זיך אָוועקגעשטעלט מיטן פּנים צו דער גאַס, קוקן ווי די שטאָט־רייניקער פאָרן פאַרביי און ליידיקן אויס די מיסטקאַנען. הילצערנע סאַנדאַלן אויף זייערע באָרוועסע פיס, און מיט איין־פינגערדיקע הענטשקעס אויף זייערע הענט, האָבן זיי געכאַפּט די בלעכענע מיסטקאַנען ביי די אויערן און זיך איבערגערופן איינער צום אַנדערן מיט קורצע קולות. בלויז דער שאָפער איז זיך געזעסן אַן אָפּגעזונדערטער און געפאָרן פון טויער צו טויער זייער פּאַמעלעך, ווי אויף אַ פּאַראַד. פון מיסטוואָגן האָט אַרויסגעשטעקט אַ גיפּסענע פוס, אַ סימן, אַז דער בעטלער פון דזשינגיס כאַנס צייטן האָט שוין אויפגעהערט זינגען. זיין פריילעך געזאַנג האָט קאַליע געמאַכט דעם טרויעריקן סוף פון דער מעשה, וואָס איך האָב וועגן אים פאַרטראַכט. כ׳האָב אים געזען אָנקומען. דאָס לאַנגע, שוואַרצע קלייד, דאָס רונדיקע טערקישע מיצל, די באָרד פון רויך, די הילצערנע סאַנדאַלן. מיט אַ שטעקן פון אַ בלינדן האָט ער איצט אויסגעטאַפּט דעם וועג פאַרויס און צוגעקלונגען מיט עטלעכע מטבעות פון אַ פאַרזשאַווערט פושקעלע. גייענדיק האָט ער געזונגען: „אלהים. אלהים״.

ווען ער איז צוגעקומען צום אַריינגאַנג פון שול, ווו פון איין זייט איז געשטאַנען דער בייזער בעטלער אויף איין פוס און פון דער צווייטער זייט איז געווען דאָס לוזשיקל וואַסער, האָט ער זיך פלינק איינגעבויגן, אויפגעהויבן דאָס גלאַנציקע גרושעלע, עס אַריינגעוואָרפן אין דער פושקע און פאַרויסטאַפּנדיק מיטן שטעקן פון אַ בלינדן דעם וועג, האָט ער ווייטער געזונגען: „אלהים. אלהים״.

אויך דער בלינדער איז פאַרשוווּנדן געוואָרן צווישן די מענטשן און נאָך דעם איז שוין געוואָרן פולער טאָג. כ׳האָב געדענקט, אַז איך האָב געהאַט צוגעזאָגט פון גאָר ווייט צו קומען צו פאָרן און כדי נישט אָפּצולייגן די זאַך האָב איך זיך געהאַט אַריינגעשטעלט אין דער ריי און געוואַרט אויפן אויטאָבוס. אַצינד וועל איך עס נישט קאָנען טאָן, ווייל איך האָב פאַרלוירן די מוזיק אין מיינע אויגן. ווי קאָן איך קומען צו פאָרן אָן אַ קלאַנג אין מיין אויג. כ׳מוז שטיין דאָ און וואַרטן ביז די

הויכע זעלנערין וועט פֿאַרבייגיין. דערווייל האָבן שיטערע טראָפּנס אָנגע־
הויבן פֿאַלן, האָב איך זיך אַרונטערגעשטעלט אונטער אַ דעכל און
געוואַרט. כ׳האָב געוואַרט אויף דער הויכער זעלנערין. ס׳קליינע יינגל,
דער מנוול, וואָס האָט זיך צעלאַכט ווי אַ קריפּל, איז גערעכט געווען.
געלע וואָלקענעס האָבן זיך אָנגעהויבן זאַמלען. באַלד וועט אַראָפּ אַ
רעגן.

באַגיינען

די הימלען זענען נאָך נישט גרייט געווען אויף טאָג, בעת דער נאַכט־וועכטער האָט אויפגעוועקט שמעונען פון שלאָף.

„כן, כן", — האָט שמעון געזאָגט. ס'האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז דעם וועכטערס רוף האָט זיך געצויגן פון לאַנגע צייטן, פון מרחקים. ער האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ פון קישן און זיך איינגעהערט. דאָס נאַכטיקע פענצטער האָט געהאַט אַן אָפּשייַן פון ספק וואָר און ספק חלום.

„כן, כן", האָט שמעון נאָך אַ מאָל געענטפערט אויף דעם נאַכט־וועכטערס רוף און ער האָט אָנגעצונדן דאָס ליכט. ס'צימער איז געווען אויפגערוימט, ווי דער סדר פון זאַכן וואָלט שוין דאָרט פון לאַנג נישט געשטערט געוואָרן. זעלטן ווען איז ווער געקומען צו שמעונען אין די אָוונטן. אַ פאַרבייגייער פלעגט באַמערקן זיין שאָטן, וואָס פלעגט זיך אָפּשלאָגן אויפן פאַרהענגל ביים פענצטער. אַ שכן פלעגט אויפכאַפּן דורכן וואַנט דעם שאָרך פון אַ מענטש, וואָס איז פאַרפאַרעט מיט זיך אַליין.

ווען שמעון האָט געוווינט צוזאַמען מיט רחלען פלעגט אָפּט ווער אַריינקומען אין די אָוונטן טרינקען אַ גלאָז טיי. נאָר זינט זיי זענען זיך צעגאַנגען האָט שמעון זיך אָפּגעוווינט פון דעם און געלעבט אַן אָפּגעזונדערטער אין ילון.

שמעון האָט זיך אויפגעזעצט און טועם געווען פון אַ גלאָז וואַסער אויפן טישל, צו פאַרטרייבן דעם זויערן טעם אויפן גומען. שטיקער מחשבות פון נעכטן און פון אייערנעכטן האָבן געהויערט אין זיין פאַר־שלאָפענעם מוח. ער האָט זיך געכאַפּט, אַז ער טראַכט וועגן רחלען און זיך געחידושט: וואָס עפּעס? ער האָט שוין לאַנג אויפגעהערט וועגן איר

צו טראַכטן, צייטנווייז אַפילו פֿאַרגעסן, אַז זיי זענען אַ מאָל געווען מאַן און ווייב און געלעבט צוזאַמען. אָבער נעכטן האָט ער באַמערקט, אַז איר גוף איז אויסגעבויגן אין אַ זייט, ווי אירע היפּטן וואָלטן זיך אויסגעקרומט, איינע אַ ביסל העכער פֿאַר דער אַנדערער. רחל האָט געוווינט נישט ווייט פון אים. זיי האָבן זיך אָנגעטראָפן כמעט יעדן טאָג. אויך דאָס מאָל האָט ער אויפגעכאַפּט דרך־אגבדיק איר גאַנג, נישט געטראַכט אַפילו, אַז ער זעט זי, אָבער איר הילוך איז אים געבליבן שטעקן אין מוח.

„אַלט געוואָרן, אַלט געוואָרן", האָט ער געטראַכט וועגן רחלען און אַרויפגעצויגן די אַרבעטס־מלבושים, וואָס דער שאַרפער ריח פון שעפּסן האָט געקלעפּט צו זיי.

אין דרויסן איז נאָך געווען נאַכט און בלויז די לבנה האָט געשיינט. קיין שטערן זענען שוין נישט געווען. אין די נידעריקע הייזער איז מען נאָך געשלאָפן. אַ סאָווע אויף אַ בוים האָט געמומעט. אַ קינד האָט געוויינט. די נאַכטוועכטערין, מיט אַ פעלדלאָמפּ אין דער האַנט, איז דורכגעגאַנגען פאַרביי איינע פון די קינדערהיימען. שמעון האָט געמיינט, אַז עס איז רחל.

„נאַכטוועכטערין גאָר", האָט ער געטראַכט גייענדיק.

ס'איז געווען דער אַלטער נחום, רחלס טאַטע, וואָס האָט, אַ טראָ־טואַרל שפּעטער, אים איבערגעשלאָגן ס'פאַרשלאָפן געמיט. דער אַלטער איז אָנגעקומען פון אַ זייט, אויך מיט אַ פעלדלאָמפּ אין דער האַנט, כאָטש באַלויכטן דעם וועג האָט אים דאָס ליכט פון דער לבנה.

— בוקר טוב — האָט דער אַלטער נחום פּאַמעלעך געציילט די צוויי ווערטער.

— בוקר טוב. נאָך סאַמע נאַכט — האָט שמעון זיך אָפּגעטרייסלט און געוואָלט גיין, נאָר דער אַלטער האָט אים פאַרהאַלטן:

— און פאַר וואָס איז משה רבינו געווען אַ גוטער פּאַסטעך, ווייסטו?

ווען ער איז געוואָרן אַ חתן פאַר זיין טאָכטער האָט אים דער אַלטער דאָס זעלבע געפרעגט, און איצט איז שוין יאָרן ווי זיי זענען געגט. שמעון האָט אַ גיי געטאָן שנעלער און איבערגעלאָזט זיין געוועזענעם שווער הינטער זיך.

דער אַלטער האָט געהאַט בדעה נאָך עפּעס צו זאָגן, נאָר ער האָט זיך פאַרהוסט און געשלונגען די פלעגמע. ערשט ביים אַריינגאַנג אין חדר־האוכל האָט שמעון זיך אומגעקוקט אויף צוריק און געזען ווי דער אַלטער פאַרנעמט זיך אין דער ריכטונג פון קליינעם בית־המדרשל, ווי ער האָט זיך געשאַרט מיט פאַרזיכטיקע טריט און זיין שאָטן נאָך אים, אַ ביסל אין אַ זייט. אין ליכט פון דער לבנה איז דער שאָטן געוואָרן לעבעדיק, נאָך לעבעדיקער פאַרן אַלטן נחום.

שמעון איז אריין אין דער באַלויכטענער קיך, ווו אַ פלח האָט זיך געגרייט אין פעלד אַריין. זיי האָבן זיך נישט געדאַרפן באַגריסן. די באַגריסונג איז געהאָנגען איבער זיי.

— מ׳זעט זיך שוין ווידער, וואָס ?

אַ שורה אַלומיניום־קעסלען, איינער גרעסער פאַרן אַנדערן, אויסגע־שטעלט ביי דער וואַנט, ווי אין אַ שויפענצטער, האָבן אָפּגעשיינט מיט א מאַטן, זילבערנעם בליאַסק :

מ׳זעט זיך שוין ווידער.

דער בליאַסק האָט זיך איבערגעטראָגן צו די כלים אין דעם אָפענעם אַלמער, צו די וואַש־כיורן, צום טיש, אַן אָנגעשטעלטן מיט שיריים פון עסנוואַרג :

מ׳זעט זיך שוין ווידער.

די קיך האָט אויפגענומען שמעונען מיט אַן אַלטהיימיש פּנים.

שמעון האָט געזופּט שוואַרצע קאַווע. זיצנדיק האָט ער אָנגעשפּאַרטביידע עלנבויגנס אויפן טיש, אַרומגענומען דאָס טעפּל מיט ביידע הענט און געשפּירט די וואַרעמקייט פון געטראַנק דורכן דיקן פּאָרצעליי. ער האָט געהערט ווי מען גייט און שמעון האָט געוווּסט אַז ס׳איז רחלס גאַנג.

רחל איז אַריינגעקומען מיט אַ סך רייד, ווי ס׳וואָלט געווען אין מיטן טאָג און נישט סוף נאַכט. זי האָט גערעדט וועגן אַ קינד, וואָס האָט געוויינט און וועגן אַ צווייטס, וואָס האָט זיך איבערגעשראָקן, און וועגן פלעגערינס און מאַמעס, און כלים, ביז דער פלח האָט איר איבער־געשלאָגן די רייד :

— צו ווען רעדסטו אַזוי פיל? — האָט ער אַ זאָג געטאָן צו איר איבערן אַקסל.

שמעון האָט געמרוזשעט די אויגן. אויך ער האָט געהאַט פּאַראיבל אויף אירע רייד און חשק געהאַט אַ פרעג צו טאָן דאָס זעלבע און מחמת דעם איז אים געוואָרן פריקרע, וואָס ער האָט געטראַכט דאָס זעלבע וועגן רחלען ווי יענער, דער פלח. ער האָט געשפּירט אַ רוגז אויפן פלח. רחלס רייד זענען געווען איבעריק אין קיך, ווו אַלץ איז נאָך פול געווען מיט שלאָף.

שמעון האָט אַראָפּגעלאָזט זיין פּנים נידעריקער צום טעפּל. פאַר וואָס האָט ער געטראַכט וועגן רחלען, פריער, בעת ער האָט זיך אויפגע־כאַפּט פון שלאָף? ס׳האָט אויסגעזען ווי זיי וואָלטן גאָר קיין מאָל נישט געווען געגעט, אָדער פאַרקערט, ווי זיי וואָלטן גאָר קיין מאָל נישט געלעבט צוזאַמען, נאָר גלייך פון אָנהייב אָן געווען געגעט. זייער צעשיידקייט האָט זיך אַריינגעמישט נאָך מער ווי זייער צוזאַמענלעבן. דאָס פאַרבייגיין און נישט מאַכן זיך זען איינער דעם אַנדערן, דאָס נישט וועלן זיך זען, וואָס איז געווען מער ווי דאָס וועלן זיך יאָ זען, און שפּעטער דאָס ווערן געוווינט דערצו און וויסן, אַז עס אַרט אים נישט מער, וואָס פאַר אַ קליידל זי טראָגט, ווו זי אַרבעט, אין קיך אָדער ערגעץ אַנדערש. איצט האָט שמעון געוווּסט, אַז דאָס האָט זי אים גאָר אויפגעוועקט פון שלאָף און נישט קיין נאַכטוועכטער. דאָס האָט זי געקלאַפּט אין זיין טיר.

„כן, כן,״ האָט שמעון אַריינגעענטפערט אין טעפּל קאַווע.

אַ פאַרדראָס האָט זיך געזאַמלט אין אים אויף רחלען, מחמת זי איז געווען וואַך. נישט געווען צו דערקאָנען, אַז זי איז אַ גאַנצע נאַכט נישט געשלאָפן. אַ בלייכקייט אויף איר אָפּגעברענט פּנים האָט פאַראיידלט איר לענגלעך געזיכט, אַרויסגערופן אַ באַהאַלטענע מיידלצייט, וואָס איז שוין לאַנג, לאַנג געהאַט פאַרשוווּנדן. שמעון האָט זיך געחידושט: „וואָס עפּעס?״ — ער האָט אַריינגעלייגט שטיקער ברויט אין זיין טאָרבע.

— נעם נישט דאָס שוואַרצע ברויט, כ׳האָב אָנגעגרייט ווייס ברויט פאַר דיר — האָט ער געהערט ווי רחל רעדט צו אים.

שמעון האָט נישט באַלד געענטפערט. אַן אַנדערש מאָל וואָלט אים נישט אויסגעמאַכט, נאָר איצט האָט ער עס נישט געוואָלט. וואָס האָט זי זיך אָנגעהויבן זאָרגן וועגן אים באַלד אין באַגינען? ווייס ברויט האָט זי אָנגעגרייט? נאָך וואָס? פֿאַר וועמען?

— פֿאַר דיין קראַנקן מאָגן, — האָט רחל געזאָגט. זי האָט געהערט וואָס ער טראַכט.

אַ קראַנקן מאָגן? אַוודאי האָט ער אַ קראַנקן מאָגן. ווייס ברויט איז טאַקע בעסער פֿאַר אַ קראַנקן מאָגן. ער האָט איר געוואָלט זאָגן, אַז דאָס שוואַרצע ברויט האָט ער גענומען נישט פֿאַר זיך, נאָר פֿאַר זיין אייזל און אַ שעפּס אויף דער פּאַשע. ער האָט איר געוואָלט זאָגן, אַז ער דאַרף נישט קיין ווייס ברויט, אַפילו מיט אַ קראַנקן מאָגן, אָבער דער עלעק־טרישער אייזקאַסטן האָט זיך פּלוצלינג אויפגעוועקט און דער שטילער חלל אין דער גרויסער קיך האָט אַ ציטער געטאָן רוי און אומהיימלעך. שמעון האָט געזען, אַז דער פלח איז נאָך אַלץ געשטאַנען אויסגעדרייט צו זיי מיט דער פּלייצע. די פּלייצע האָט געוועלטיקט איבער דער קיך. שמעון האָט פֿיינט געקראָגן די פּליצע. אָבער רחל האָט עס נישט גע־ווּסט. אַ שמייכל האָט זיך קאָנצענטרירט אַרום אַ גאָלדענעם צאָן. זי האָט דערלאַנגט שמעונען ווייס ברויט און געקאָכטע אייער.

״כ׳ווייס, כ׳ווייס״, האָט שמעון אונטערגעמורמלט און געדענקט, אַז די פֿאַלדן פֿון רחלס שויס זענען געווען גאָר בולט און פֿאַרבליבן אַזוי אין זיין אויג.

דעם פלחס פּלייצע האָט זיך אַרויסגעוויקלט אין דרויסן אַרויס. רחל האָט זיך געשטעלט וואַשן די כלים. שמעון איז נאָך אַלץ געזעסן ביים טיש. ער האָט געוווּסט, אַז ער דאַרף עפּעס טאָן. ער דאַרף זיך אַוועק־איילן אַזוי ווי דער פלח, אין דער נאַכט אַריין, צו די שעפּסן, אָבער ער האָט געטראַכט, אַז רחל איז גערעכט. אַוודאי איז זי גערעכט. ער האָט אַ קראַנקן מאָגן. אָבער דער שלאָף האָט נאָך אַלץ געשטעקט אין זיינע מחשבות. ער האָט אַראָפּגעקוקט צום טעפּל קאַווע, וואָס ער האָט נישט דערטרונקען. ס׳האָבן זיך דאָרטן אָפּגעשפּיגלט די שטראַלן פֿון די עלעק־

טרישע לאָמפּן. אויך זיין אייגן פּנים האָט ער געזען אין דער ברוינער פּליסיקייט.

„מ׳זעט זיך שוין ווידער״, האָט ער אַריינגערעדט צו זיין פּנים אין טעפּל קאַווע.

צווישן איילבערטן

חסן אַבו טנאָה האָט זיך אויפגעהויבן פון געלעגער און אויפגעוועקט זיין אייזל פון שלאָף. ס׳אייזל איז געשטאַנען ביי דער שוועל פון דער כאַטע, מיטן קאָפּ אינעווייניק. עס איז נישט געווען צוגעבונדן און ס׳האָט אויסגעזען ווי עס וואָלט פאַרגליווערט געוואָרן אין מיטן פון אַריבער־שפּאַנען די שוועל. בעת חסן אַבו האָט זיך דערנענטערט צו דער עפענונג האָט ס׳אייזל פאַרריסן דעם האַלדז און געסאָפּעט מיט אַ פייף. חסן אַבו האָט אַרויסגעקוקט אין דרויסן און זיך איינגעהערט צום גרימעניש אינעם בויך פון אייזל, ווי אַ קליינער ווינט וואָלט דאָרט געפייפט אין זיינע געדערעם, דורכשפּאַרנדיק דורך מויל און דורך נאָזלעכער.

אין דרויסן איז נאָך געווען נאַכט, אָבער די שטערן האָבן זיך שוין אָנגעהויבן דערווייטערן איינער פון אַנדערן און חסן אַבו האָט געשפּירט דאָס ליכט פון טאָג, וואָס וועט אין אַ שעה־אַנדערהאַלבן דורכזאַפּן די הימלען.

פון זיין כאַטע, וואָס איז געשטאַנען אויף אַ באַרגרוקן, האָט ער אַרומגענומען מיט זיינע אַלטע אויגן דאָס דאָרף, וואָס האָט זיך צעשפּרייט איבער צווי בערג, צעשניטן אין מיטן דורך אַ טונקעלע וואַדי. ביי טאָג איז דאָס דאָרף הייס געווען מיט שטיין און מיט שטויב און מיט טריקע־ניש, אָבער אַצינד, אינעם ערב־פרימאָרגן, איז עס געווען קיל און פאַר־שוויגן, און פייכט מיט טוי פון דער נאַכט, ווי נאָך אַ דראָבנעם רעגן. מער ווי פון די כאַטעס איז בולט געווען דאָס טונקלקייט פון געדיכטע קוסטעס, פון סאַברע־גדרים, פון וועלדלעך איילבערטן, וואָס האָבן זיך אַראָפּגע־צויגן ביז טיף אין דער וואַדי אַריין. קליינע ערדפּלעקן, פאַרזייטע מיט ווייץ און מיט גערשטן, זענען געווען העלער ווי די נאַכט אויף די באַרג־

טרעפּ צווישן איין בוסטאָן און צווייטן. ווי נאָר אַן אָרט רייך פון שטיינער, אַפּילו צען־צוועלף שפּאַן די לענג, איז עס געווען באַדעקט מיט העל־גרינע טאַבאַקבלעטער. הויך, אויפן האָריזאָנט, אינעם העלערן ליכט פון נאַכטהימל, זענען געשטאַנען דריי באָקסער־ביימער אין דער פאָרעם פון אַ דרייעק. זכרים — האָט חסן אַבו געדענקט.

חסן אבו האָט די כאַטעס, די ביימער, די שטיינער מער געשפּירט ווי געזען. דורך דעם שפּאַן פון זיבן אַכט דורות, וואָס ער האָט געקאָנט אַ שפּרייז טאָן אין זיין זיכרון, פון זיינע עלטער־זיידעס, וואָס ער האָט געדענקט, ביז צו זיינע אייגענע אוראייניקלעך — האָט זיך דאָ גאָרנישט געענדערט. דאָס דאָרף איז נישט גרעסער געוואָרן און די ביימער נישט עלטער. אַפּילו די געציילטע כאַטעס וואָס זענען צעשעדיקט געוואָרן אין דער לעצטער מלחמה האָבן אַצינד, אין דער ערב־טאָג־שעה, זיך אַריינ־גענומען אינעם רינג פון שלווה, וואָס האָט פאַרקרייזט דאָס דאָרף, און זיי האָבן אויסגעזען גאַנץ און באַווינט מיט מענטשן, ווי אַלע אַנדערע כאַטעס.

אַ שטיל שאָרכען האָט זיך געטראָגן פון שכנותדיקע הייזקעס, ווי מענטשן האָבן שוין געשפּייזט זייערע שטוב־חיות, געזאַמלט זייער הויז־געזינד און געשפּאַנט די אייזלען, זיך געגרייט אין וועג אַריין צו דעם לאַנגן אַרבעטסטאָג אויף די זומערדיקע פעלדער.

דאָס דאָרף האָט זיך געוועקט פון שלאָף. היינט, העגער, אייזלען האָבן זיך שוין איבערגערופן. מענטשן — נאָך נישט. זיי האָבן זיך געפּאָ־רעט אַן לשון. חסן אַבו האָט געשפּירט, אַז דאָס דאָרף איז דאָ, דאָס דאָרף איז שטענדיק געווען און דאָס האָט אים געמאַכט גלייבן, אַז אַזוי ווי דאָס דאָרף, וועט אויך ער שטענדיק זיין. אַ געפיל ווי אַ גוטער אָנזאָג איז אויפגעגאַנגען אין אים. ווי אַ געשעעניש, אויף וועלכער ער האָט שוין לאַנג געוואַרט, וואָלט איצט פאָרויסגעשיקט אַ בשורה, אַז עס וועט היינט מקוים ווערן. ער האָט נאָך נישט געוווסט וואָס. זיינע מחשבות האָבן זיך געזאַמלט זייער פּאַמעלעך, נישט צוליב דעם, וואָס ער איז נאָר וואָס אויפגעשטאַנען פון שלאָף, נאָר מחמת געוווינשאַפט און מחמת זקנה.

דאָס אויפשטיין אין אַזאַ פריער שעה איז געווען ביי אים אַ תמידות.

פון זינט ער האָט זיך געדענקט האָט דאָס ליכט פון טאָג קיין מאָל נישט געוואָרט אויף אים. אַ געדעכעניש איז פאַרבליבן אין זיין זיכרון און ער האָט זיך געדענקט אַ קליינינקער פון אַ דריי־פיר יאָר. אַריינגעקוועטשט אין אַ קעסטל אויפן רוקן פון אַן אייזל, וואָס האָט געשפּאַנט אין אָט די פריע שעהען, צוזאַמען מיט נאָך אייזלען, פערד און קעמלען־משפחה — צו דער אַרבעט אויף די פעלדער. דאָס האָט זיך אָנגעהויבן מיט אַ ניינציק יאָר צוריק און אפשר מער.

חסן אַבו האָט געוווּסט, אַז אויב ער קאָן דאָס דאָרף, די וועלדלעך, די שטיינער, די שטעגלעך, וואָס ציען זיך פון די באַרגרוקנס אַראָפּ צו דער וואַדי, די באַהאַלטענע דורכגענג צווישן די סאַברע־גדרים, אויב די הימלען און די שטערן אין די דאָזיקע שעהען זענען היימיש צו זיין אויג, — און נאָך פריער פאַר זיי שפּירט ער דעם אָנקום פון טאָגליכט, — איז עס פון יענע צייטן, ווען ער איז געזעסן אינעם קעסטל אויפן רוקן פון אייזל, ער און נאָך אַ ברודערל אָדער אַ שוועסטערל, און בלויז די אויגן און די אויערן האָבן אַרויסגעשטאַרצט אינעם טונקעלן דרויסן אַרויס.

„ס'פאַרנעמט זיך אויף אַ שטאַרקע היץ" — האָט חסן אַבו געזאָגט צום אייזל און אַרויפגעלייגט אַ האַנט אויף זיין רוקן. ס'אייזל האָט געהאַט לאַנגע, גוטע אויערן, און חסן אַבו פלעגט רעדן צו זיך דורכן אייזל מחמת געוווינשאַפט און מחמת קרובהשאַפט. ווייל טאָג־איין, טאָג־אויס זענען זיי געווען צוזאַמען און אַפילו אין הונדערט יאָר אַרום וואָלט חסן אַבו דאָס אייזל דערקענט. ער האָט געדענקט די צורה און די מידות פון אַלע אַנדערע אייזלען, וואָס ער האָט אין זיין לעבן פאַרמאָגט. ביי אַ געלעגנהייט פלעגט ער זיי דערמאָנען. אָבער דאָס זענען געווען פאַרטיקע רייד, וואָס האָבן זיך אָנגעזאַמלט במשך פון זיין לאַנג לעבן. ער האָט זיי אַ סך מאָל איבערגעחזרט און זיי האָבן זיך אַרויסגערעדט ווי פון זיך אַליין, אָן איבעריקער מי און אָנשטרענגונג אויף צו דערמאָנען זיך. קוקנדיק אַצינד אויפן אייזל האָט ער דערשפּירט צו אים אַ שטאַרקע נאָענטקייט און אויסגעדאַכטן האָט זיך אים, אַז אַלע אייזלען וואָס ער האָט אַ מאָל פאַרמאָגט זענען געוואָרן איין אייזל — אָט דאָס לעצטע אייזל זיינס.

ס'איז געווען אַן אַלט אייזל, גרוי און אָפּגעריבן. צום בויך צו איז די

גרויקייט געוואָרן העלער, נאָר אויפן קאַרק איז די פעל געווען טונקל און ערטערווייז אַפילו בלוי. לענג־אויס דעם רוקנביין איז די פעל געווען אָפּגעריבן, אַפילו שוואַרץ, ממש לעדער, סימנים פון פאַרהיילטע ווונדן. דאָס אייזל איז נישט געווען קיין מפונק און געגעסן אַלץ וואָס האָט זיך געפונען אויפן וועג. קאָרע פון ביימער, שטעכיקע דערנער, פּאַרטריקנטע ביינער און אַפילו פאַרוואַלגערט פּאַפּיר. אָבער ליב געהאַט האָט דאָס אייזל ווייַנטרויבן. אַז חסן אַבו פלעגט פאַרבייגיין אַ ווייַנשטאָק, פלעגט ער אָפּרייסן אַ שטענגל ווייַנטרויבן און אים געבן טרויב נאָך טרויב. דעמאָלט פלעגט דאָס אייזל אים נאָכגיין מיטן שפּיץ צונג צווישן די ציין און מיטן קאָפּ טאָרען חסן אַבון אין אַקסל אַריין, ער זאָל געבן נאָך. חסן אַבו פלעגט אָנקוועלן, ס׳איז אים געפעלן געוואָרן דעם אייזלס תשוקה נאָך ווייַנטרויבן, אָבער ער אַליין האָט אויך ליב געהאַט אַרייַנצוואָרפן אין זיין אייגן מויל אַריין טרויב נאָך טרויב.

די וואַרעמקייט פון דעם אייזלס פעל האָט זיך איבערגעטראָגן אין חסן אַבוס פינגער און ער האָט מיט אַ מאָל געדענקט און געוווסט דאָס, וואָס ער האָט זיך געמיט צו דערמאָנען זינט ער איז אויפגעשטאַנען פון שלאָף. ער האָט דערשפּירט אין זיך דאָס קלאַפּן פון אַ באַהאַלטענעם דופק און אַ גוטער ציטער איז אַדורכגעלאָפן דורך זיין רוקנביין. אַ ווײַלע איז ער נאָך געשטאַנען און געקוקט אויפן אייזל, וואָס האָט געשאָקלט מיט דער אונטערשטער, לויזער ליפּ. דעם אייזלס מאַנדלאויגן זענען געווען פאַר־טרערט. די טרערן האָבן זיך אַראָפּגעגליטשט איבער זיין האָריק פּנים. ס׳אייזל איז געווען הונגעריק און עס האָט געסאָפּעט שנעל. עס האָט גע־שלונגען די לופט דורכן מויל אין גאָרגל אַריין. חסן אַבו האָט עס געגלעט. ס׳אייזל האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ און אַ ביס געטאָן חסן אַבו אין אָרעם. חסן אַבו האָט אים אַראָפּגעלאָזט אַ פּאַטש. מיט זיינע אַלטע, ביינערדיקע פינגער האָט ער פאַרכאַפּט די גאַנצע ברייט פון קינבאַק ביזן אויג:

— דו, חמור! — האָט ער זיך געבייזערט און געווישט די האַנט אין זיינע הויזנטיכער, אָפּצורייבן דאָס שטעכעניש אין די פינגער, וואָס דער פּאַטש האָט גורם געווען.

ס׳אייזל איז געווען הונגעריק. ס׳האָט גענאָרפן וויסן, אַז חסן אַבו וועט

אים אַצינד נישט געבן צו עסן. דער טייוול וועט אים נישט נעמען, אַליין צו זאָרגן זיך פאַר זיין מאָגן. ס׳האָבן נישט געפעלט קיין דערנער און קוסטעבלעטער. געגוג אַז יעדן טאָג פלעגט ער אים לאָזן שטיין ביים ראַנד פון אַ פעלד, ער זאָל זיך אָנעסן מיט זאַנגען, בעת ער, חסן אבו, האָט געדרעמלט אין אַ שאָטן פון אַ בוים.

חסן אַבו האָט אָנגענומען דעם אייזל ביי דער לויזער ליפּ און גע־דריקט ווי אַ שוואָם:

— דו, אַ רוח אין דיר, — האָט ער אים געזידלט.

חסן אַבו אַליין איז אויך געווען הונגעריק. אויף דער עלטער איז ער געווען אויסגעשטעלט אויף זיך אַליין צו באַזאָרגן זיך מיט ברויט און ער האָט קיין מאָל נישט געוווּסט אַ טאָג פריער, צי ער וועט מאָרגן זיין זאַט.

ער האָט פּלוצלינג אָפּגעלאָזט ס׳אייזל און אַריין אין דער כאַטע. ער איז געבליבן שטיין לעבן אַ קעסטל פּאָמעראַנצן, זיך איינגעבויגן, אָפּגע־דעקט דעם זאַק פון קאַסטן און גענומען אַ פּאָמעראַנץ אין דער האַנט אַריין. אַ גאַנצע וואָך האָט ער געקליבן די פּאָמעראַנצן. יעדן טאָג, אויפן וועג צווישן שטאָט און דאָרף, האָט ער זיך אַריינגעגנבעט אין די פּרדסים, אָפּגעריסן אַ צענדליק און זיי פאַרשטעקט אין די באַהאַלטענע רחבותן פון זיינע הויזן. היינט וועט ער פאַרקויפן דעם קאַסטן פּאָמעראַנצן און דערפילן זיין רצון: ער וועט שלאָפן מיט אַ ווייב. חסן אַבו האָט געקאָלערט דעם פּאָמעראַנץ צווישן די פינגער. ער האָט געהאַט אַן אייגענעם אופן פון שמייכלען. זיינע אויגן האָבן געטווישט די קאָליר.

שוין אַ סך יאָרן ווי חסן אַבו האָט געלעבט אָן ווייבער. זינט דאָס לעצטע ווייב זיינס איז געשטאָרבן איז שוין אַוועק אַ צייט, און שוין לאַנג ווי ער האָט די דאָזיקע זאַכן נישט אין זינען געהאַט. און אַז די טעג האָבן זיך געמערט האָט ער אין גאַנצן אין דעם פאַרגעסן. ס׳האָט זיך אויסגע־טריקנט אין אים, ווי אַ נחל אין די הייסע זומערטעג, און חסן אַבו האָט אויף דעם נישט חרטה געהאַט. ער האָט געדאַנקט דעם נביא פאַר באַפרייען אים פון די האַרץ־פּלאָגענישן און זאָרגן, וואָס אַזעלכע זאַכן זענען גורם, און אַצינד, אין די טיף אַלטע טעג זיינע, האָט ער געקאָנט רויִק דרעמלען אין אַ שאָטן אויפן ראַנד פון אַ וועג, אויפכאַפּן מיט אַ האַלב אויג פאַר־

בייגייער, זיך צוהערן צום גלעקל־געקלאַנג פון אַנקומענדיקע קעמלען, נאָכפירן פאַמעלעך דאָס אויג אין דער ריכטונג ווו זיי ווערן פאַרשווונדן, שאַצן די יאָרן לויט זייער אויסזען, מעסטן זייער ווערט אין געלט און לאָזן זיינע מחשבות מיטן ווינט, וואָס האָט זיך געיאָגט איבערן תבואה־פעלד. גאָרנישט טראַכטן. חסן אַבו האָט געוווסט די חכמה פון נישט טראַכטן און אויף דער עלטער איז עס אים צו נוץ געקומען. גאָרנישט טראַכטן, נאָר דרעמלען אַן אַנגעשפּאַרטער אויפן עלנבויגן אָדער זיצן אויף די פיס אין אַ שאָטנדיק ווינקל, איינגעפּאַלדעט אין דרייען, פיס, פּאַכוועס, גוף, און לאָזן לאַנגע שעהען פאַרבייגיין מיט איין פינטל פון אויג.

אָבער זינט די מחשבה האָט זיך אין אים צוריק אויפגעוועקט איז ער געוואָרן אומרויִק און ער האָט זיך נישט געקאָנט געפינען קיין אָרט. ער איז געבליבן אין דאָרף, זיך געפּלאָנטערט אין די געסלעך און ווי תמיד — געזוכט אַ שאָטן, צו פאַרשטעקן דעם קאָפּ פון דער ברענענדי־קער זון. און אַז ער פלעגט געפינען אַ שאָטן אין אַ ווינקל, פאַרטרייבן פון דאָרט דאָס אייזל, דעם הונט אָדער אַן אַנדערע הויז־חיה, און זיך אַליין אַוועקזעצן און פאַרוויקלען אַ פּאַפּיראָס, פלעגט ער גלייך דערשפּירן, אַז די מחשבה איז דאָ אין אים.

„מען טרייבט חוזק פון אַלטן חסן״ — האָט ער גערעדט צו זיך — „מען חוזקט״. אַראָפּקוקנדיק אויף דער ערד, האָט ער באַמערקט ווי דער שאָטן פון דער חיה, וואָס ער האָט נאָר וואָס פאַרטריבן, רוקט זיך שוין ווידער נענטער צו אים, צום שאָטן אין ווינקל. האָט ער געוואָרט ביז דער שאָטן איז געבליבן ליגן ביי זיינע קני און, נישט אויפהייבנדיק אַפילו די אויגן, אַ פּאַכע געטאָן מיט דער האַנט און אַראָפּגעלאָזט אַ פּליאַסק:

— שדים, טראָגט אייך. לאָזט צו רו.

אָבער די חיה האָט נישט צו רו געלאָזט. דער הונט, אָדער דאָס אייזל, האָט זיך צוריקגעקערט צום ווינקל און אַריינגעשטעקט דעם קאָפּ אין שאָטן, ווו אבו חסן איז געזעסן און געדרויכערט פאַרדרעמלט אַ פּאַפּיראָס, און צווישן איין צי און צווייטן איז דער טאָג פאַרגאַנגען. אָבער די מחשבה האָט זיך געשטאַרקט אין חסן אַבו. אַפילו בעת ער איז געזעסן בחברותא מיט אַנדערע דאָרפסלייט און טרינקענדיק קאַווע זיך איינגעהערט צו די

לאַנגזאַמע שמועסן וועגן דאָרף־ענינים, וועגן אַ ניי געבאָט פון אַ מלך, וועגן דער מלחמה, וואָס האָט זיך נאָך נישט פאַרענדיקט, פלעגט ער דערשפּירן, אַז ער הערט זיך כּלל נישט איין צו די רייד.

„אַללאַ־" — האָט ער גערופן דעם נביא און געבעטן מען זאָל אָפּטאָן פון אים דאָס אומגליק. אָבער אַ ווינקל פון זיין מוח איז געווען וואַך. אפשר מיינט מען עס ערנסט. מען האָט עס געמיינט ערנסט און חסן אַבו האָט נאָכגעגעבן. אין געדאַנק איז ער נאָך אַלץ אַרומגעגאַנגען אַרום דער מחשבה ווי אַרום אַ מסוכנדיק אָרט, אָבער זיין דמיון האָט אויפגעוואַכט. ער האָט דערשפּירט אַ נייעם כּוח און ער האָט זיך מער נישט געשראָקן.

דאָס וועגל האָט זיך אַראָפּגעלאָזט מיט אַ שאַרפן שיפּוע צו דער טונקעלער וואַדי. דאָס אייזל, אויף וועלכן חסן אַבו האָט געריטן, איז געגאַנגען פאַרזיכטיק, אויסמיידנדיק מיט פאַרדאַכט יעדן טונקעלן שטיין אויפן וועג. פון מאָל צו מאָל האָט דאָס אייזל אויסגעדרייט דעם קאָפּ, אַריינגעביסן די ציין אין אַ בוים און גייענדיק געגריזשעט די קאָרע. סאַברעס און נידעריקע ווענט פון אָנגעלייגטע שטיינער האָבן באַגלייט דאָס שטעגל ביז צו די איילבערטן אין דער וואַדי און דאָ האָט דאָס שמאָלע, אויסגעטראָטענע שטעגל, וואָס איז נישט ברייטער געוואָרן זינט די טעג פון חסן אַבוס עלטער־זיידעס, זיך אַ שטרעק געטאָן העל איבער דער נאַכטיק טונקל־גרינער ערד.

חסן אַבו האָט זיך געפילט גוט און זיינע לאַנגע פיס האָבן זיך געבאָמבלט צום ריטעם פון אייזלס גאַנג. ער האָט זיך אָנגעטרויט צו דער טונקעלער שעה, אָנגעטרויט דעם וועג און די שטיינער און די אַלטע איילבערטן. ער איז נישט געווען אַליין. אַלע דורות, וואָס ער האָט געקאָנט און געדענקט, האָבן געקוקט אויף אים. האָט ער אויפגעהויבן צוויי פינגער און זיי אַ פּיר געטאָן איבערן לאַנגן, פייכטן עק פון זיין וואָנצע און זיינע אויגן האָבן געטוישט דעם קאָליר.

חסן אַבו האָט געזען אַ מענטש אויפן וועג און ער האָט געדענקט, אַז שוין עטלעכע וואָכן ווי זעלנער האָבן געלאַגערט אין וועלדל און זיך געלערנט פירן מלחמה. דער זעלנער איז געשטאַנען אַ ביסל העכער, הינטער

אים זענען קייןביימער נישט געווען, בלויז דאָס העלערע ליכט פון הימל. חסן אַבו האָט געזען ווי דער זעלנער האָט געקוקט אויף אים לאַנגזאַם און געוואַרט, ער זאָל זיך דערנענטערן. חסן אַבו האָט געטאָן דאָס זעלבע. ווען ער איז שוין געווען נאָענט לעבן זעלנער, האָט ער מיטן פוס אַ קיצל געטאָן דעם אייזל, ער זאָל גיין שנעלער, נאָר אין דער רגע האָט דער זעלנער אויפגעהויבן אַ האַנט און פאַרשטעלט דעם וועג. חסן אַבו האָט געצויגן די לייצע און דאָס אייזל האָט זיך אָפּגעשטעלט. דער זעלנער האָט אַראָפּגעלאָזט זיין האַנט אויפן רוקן פון אייזל און אַריינגעקוקט חסן אַבו אין פּנים אַריין. חסן אַבו האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז דער זעלנער שמייכלט. ער האָט געוואַרט, אַז דער זעלנער זאָל עפּעס זאָגן, נאָר דער זעלנער האָט גאָרנישט געזאָגט. ער האָט געקוקט חסן אַבו אין פּנים אַריין און מיט אַ האַנט אַראָפּגעשאַרט דעם זאַק, וואָס האָט פאַרדעקט דעם קאַסטן מיט פּאָמעראַנצן. ער האָט מיט דער האַנט געגלעט די פּאָמעראַנצן און געקוקט חסן אַבו אין פּנים אַריין. ער האָט אַרויסגענומען אַ פּאָמע־ראַנץ, אים געקאָלערט צווישן די פינגער און אַנגעשפּאַרט דעם עלנבויגן אין קאַסטן. דער קאַסטן האָט זיך אַ וויג געטאָן און אותו רגע איז אויך דעם זעלנערס פּנים אויף אַ רגע פאַרשאָטנט געוואָרן. חסן אַבו האָט צו־נויפגעצויגן זיינע אַקסלען און געזעסן שטיף. אויפן זעלנערס פּנים האָט ער געזען, אַז עפּעס וועט באַלד געשען, נאָר ער האָט נאָך נישט געוווּסט וואָס. ער האָט געוואָלט אַ קיצל טאָן דעם אייזל אין בויך אַריין, ער זאָל גיין, נאָר ער האָט עס נישט געטאָן. דער זעלנער האָט אַוועקגעלייגט דעם פּאָמעראַנץ צוריק אויפן זעלבן אָרט און נאָך אַ מאָל אַריינגעקוקט חסן אַבו אין פּנים אַריין. ס'איז געווען אַ געווייינלעך פּנים פון אַן אַלטן מאַן, מיט איינגעפאַלענע באַקן, באַבערשטלט מיט אַ האַריקער גרויקייט.

חסן אַבו האָט געוואָלט עפּעס זאָגן, נאָר ער האָט בלויז געעפנט דאָס מויל. דער קאַסטן האָט זיך אַ גליטש געטאָן און דער זעלנער איז אָפּגע־שפּרונגען אין אַ זייט, כדי די פּאָמעראַנצן פון קאַסטן זאָלן נישט פאַלן אויף אים. חסן אַבו האָט זיך אַ הייב געטאָן, אָנגענומען אַ סך לופט און אַראָפּגעפלויגן נאָכן קאַסטן, צו פאַרכאַפּן די פּאָמעראַנצן, וואָס האָבן זיך צעשאָטן איבער דער ערד. צו ערשט איז חסן אַבו געבליבן ליגן

אויסגעצויגן, נאָך דעם האָט ער פֿאַמעלעך צוזאַמענגענומען די פּיס און די הענט, זיך אונטערגעהויבן און געבליבן אויף אַלע פיר. ער האָט אויסגע־דרייט דאָס פּנים און אַרויפֿגעקוקט צום זעלנער מיט דער ביקס. ער האָט אויפֿגעהויבן אַ האַנט צו פֿאַרמיידן אַ קלאַפּ. נאָך דעם האָט זיין קאָפּ זיך אַריינגעקוועטשט טיפֿער אין די אַקסלען און אין גאַנצן אַ פֿאַרקרימטער האָט ער אַרויסגעלאָזט אַ לאַנגן קוויטש. ס׳איז געווען אַ געשריי אָן חרפּה. חסן אַבו האָט אין דעם קוויטש אַרויסגעיאָמערט אַלץ, וואָס איז אין אים געווען, און ס׳איז מער גאָרנישט אין אים געבליבן. פֿון דעם קרומען געשריי האָט אויך דער זעלנער זיך אַ ווײַלע צעטומלט, ווי דאָס אומ־היימלעכע קול אין דעם גרויען באַגינען וואָלט אויפֿגעוועקט אין אים אַ דערמאָנונג — ווען האָט ער געהערט אַזאַ קול? ווען איז עס שוין איין מאָל געשען? ער האָט אַראָפּגעקוקט אויף חסן אַבו, וואָס האָט נאָכן געשריי ווידער אַ פֿאַל געטאָן צו דער ערד און געבליבן ליגן איינגע־קנאָדערט ווי אַ בערגל שמאַטעס.

דער זעלנער האָט געקוקט אויף חסן אַבו, אויף די צעשאָטענע פּאָמע־ראַנצן און ער האָט געזען דעם אָפֿיציר. אַ צענדליק טריט פֿון אים איז ער געשטאַנען. דער אָפֿיציר איז געווען האַלב־נאַקעט און געהאַלטן די הענט אויף די באָקעס. ער האָט געקוקט אויף חסן אבו, אויפֿן זעלנער, געפֿירט זיין בליק צום אייזל, פֿון פּאָמעראַנץ צו פּאָמעראַנץ, ווי ער וואָלט זיי געציילט, שווייגנדיק געשאָקלט מיטן קאָפּ, צוריקגעפֿירט זיין בליק צום זעלנערס פּיס און געהויבן די אויגן אַרויף צו:

— וואָס פֿאַר אַ געוואַלדן אין מיטן נאַכט? — האָט ער געפֿרעגט.

דער זעלנער האָט נישט געענטפֿערט. ער האָט אָנגעוויזן אויף חסן אַבו ווו ער איז געלעגן — אַ בערגל שמאַטעס. ער האָט גאָרנישט געזאָגט. ער האָט זיך נישט געדאַרפֿט פֿאַרענטפֿערן פֿאַרן אָפֿיציר. ער האָט זיך פֿאַר קיינעם נישט געדאַרפֿט פֿאַרענטפֿערן. אַ רגע האָט ער געמיינט, אַז דאָס, וואָס איצט איז געשען האָט שוין אַ מאָל פּאַסירט און ס׳איז בלויז אַ קליינע איבערחזרונג. אַזוי האָט עס געדאַרפֿט זיין. אַז ער האָט שוין לאַנג געוואַרט אויף דעם. דער זעלנער האָט זיך דערפֿילט גוט און אויפֿגעהייטערט, ווי באַפֿרייט פֿון אַ משא, וואָס האָט שוין לאַנג געדריקט אויף אים, און איצט

האָט ער עס פון זיך אַראָפּגעוואָרפן. ער איז אָפּגעגאַנגען הינטערוויי־לעכץ, אויפגעהויבן אַ פּאָמעראַנץ און צוגעוואָרפן דעם אָפּיציר:

— גוטע פּאָמעראַנצן — האָט ער געזאָגט.

דער אָפּיציר האָט זיך נישט גערירט פון אָרט. ערשט ווען דער פּאָ־מעראַנץ איז דערפלויגן צו אים, האָט ער, אין לעצטן שפּליטער פון אַ רגע, נישט אַראָפּנעמענדיק די הענט פון די באַקעס, אַ דריי געטאָן אין אַ זייט דעם אויבערשטן טייל פון זיין גוף און דער פּאָמעראַנץ איז פאַרביי־געפלויגן. דער זעלנער און דער אָפּיציר האָבן געקוקט ווי דער פּאָמעראַנץ האָט זיך געקאָלערט אויף דער ערד און געבליבן ליגן שטיל אין אַ גריבל לעבן אַ שטיין.

— דו, הורנזון, — האָט דער אָפּיציר געזאָגט צום זעלנער און ער איז פאַרשווונדן געוואָרן.

אין דער שטילקייט האָט זיך געהערט דאָס סאָפּען פון אייזל, וואָס איז געשטאַנען מיט אַ פאַרריסענעם קאָפּ און אָנגעשפּיצטע אויערן. ער האָט געסאָפּעט שנעל און שווער, ווי אַ קליינער ווינט וואָלט געפּייפט אין זיינע געדערעם.

דער זעלנער האָט אָנגעהאָנגען די ביקס אויף זיין אַקסל און געקוקט אויפן הימל, דאָרט ווו ס׳האָט אָנגעהויבן צו טאָגן. ער האָט פאַררוקט די הענט אין די קעשענעס.

„דו, הורן־זון", — האָט ער נאָכגעקרימט דעם אָפּיציר און אַ קאָפּע געטאָן אַ פּאָמעראַנץ. ער איז געגאַנגען צווישן די אַלטע איילבערטן, וואָס זענען געוואַקסן קנאַכיק און פאַרקרימט. זייערע שטאַמען האָבן זיך גע־פלאָכטן און געוויקלט ווי אין ווייטיק. אויסגעדאַכט האָט זיך, אַז ווען דאָס וועלדל איז נאָך גאָר יונג געווען האָט אַ שטורעמווינט זיך אַריינ־געריסן צווישן די ביימער און אויסגעלענקט און צעבראָכן, צעדרייט און צעבויגן צווייג און שטאַם. די ברוכן זענען פאַרוואַקסן געוואָרן, נאָר אַזוי זענען זיי שוין פאַרבליבן. קנאַכיק און קרום, פאַרוויקלט אין אַ ווילדן געפלעכט, ווי דער שטורעמווינט וואָלט נאָך אַלץ געעירט אין זייערע אָדערן.

דערוואַרטונג

דער זיבן־יעריקער ברודערל האָט געבראַכט אַ פּויער אין שטוב אַריין. אַ הויכן, ברייטפּלייציקן פּויער מיט אַן אויסגעקרימטער גאָמבע. זיי האָבן זיך געהאַלטן ביי די הענט און דאָס מאָל האָט דער פּויער זיך אָנגעהאַלטן אין ברודערלס האַנט. דער פּויער האָט געקוקט מיט חשד אויף די מענטשן אין שטוב און געהאַלטן וואָך אַלע חושים, מען זאָל אים נישט אָפּנאַרן. ער האָט געטראָגן אַ פּוטערנע טשופּע און אַן אַלטן, אָפּגעריבענעם שעפּסענעם פּעלץ. דער ריח פון פּעלץ איז געווען שאַרף, ווי דער שעפּס וואָלט נישט געשאָכטן געוואָרן מיט יאָרן צוריק, נאָר ער וואָלט נאָך נעכטן, אייערנעכטן געלעבט. ס׳האָט געדויערט ביז דער פּויער האָט זיך באַגריסט. דער טאַטע איז אים געקומען צו הילף. אויך נאָך דעם האָט דער פּויער בייז געשוויגן און קיינעם נישט געגלייבט.

דאָס ברודערל האָט זיך געלאָזט האַלטן ביי דער האַנט און אַרויפֿגעקוקט אין דער הייך צום פּויער. ס׳האָט אויסגעזען ווי דעם פּויערס גאָמבע וואָלט נאָר וואָס פֿאַרקרימט געוואָרן. אַ ווירבלווינט פון אָפּענעם פעלד האָט אים אָנגעיאָגט אויפן וועג, אַ כמאַל געטאָן אין פּנים און פֿאַרקרימט די גאָמבע.

דאָס ברודערל האָט צוגעפּירט דעם פּויער צום שניידטיש, וווּ דער טאַטע האָט געשניטן לעדער אויף אָפּצושטעפּן כאַלעוועס. דאָרט האָט דער פּויער אָפּגעלאָזט עטוואָס פון זיין חשד. ער האָט געקוקט מיט אַ ווייכערן בליק אויפן טאַטן, אויף נחמיהן, דעם פּעטער שמואלס יינגל, וואָס האָט געשטעפּט אויף דער מאַשין און אויף דער רויט־האָריקער שוועסטער אָקעגן איבער.

דער טאַטע האָט נישט אויסגעזען נידעריקער פֿאַרן פּויער. ער איז

אויך געווען אַ הויכער, נישט מער, ער האָט געהאַט אַ טבע איינצוהאָרבן די פּלייצע, נישט פון צו פיל הויכקייט, נאָר פון אַ סך יאָרן שטעפּן אויף דער מאַשין. בעת ער איז געווען אין אַ גוטער שטימונג האָט ער געוואָרנט, מען זאָל זיצן גלייך ביים שטעפּן, אַנישט וועט מען ווערן האָרבאַטע. אָבער דער טאַטע איז זעלטן געווען אין אַ גוטער שטימונג, מחמת דעם ווייטיק אין דער רעכטער האַנט, וואָס האָט זיך גענומען פון תמיד שניידן לעדער. אַז עס איז קיין אַרבעט נישט געווען און ער האָט קיין לעדער נישט געשניטן איז דער ווייטיק אַוועק, אָבער דעמאָלט איז ער אויך נישט געווען אין קיין גוטער שטימונג, מחמת ס׳איז נישט געווען צו עסן אין שטוב.

אַלע אין שטוב האָבן נאָך יעדן מאָל אָפּעסן גלייך געקאָכט אויפעסן נאָך אַ פּאָרציע. נחמיה, וועלכער האָט געגעסן ביי אונדז אין שטוב, מחמת ביי אים אין שטוב האָט מען געהונגערט אַ גאַנץ יאָר, האָט נאָך יעדן אָפּעסן געקאָכט אויפעסן אַפילו פינף פּאָרציעס און עס וואָלט אים גאָרנישט געאַרט. נישט ווייל ער איז געווען הונגעריקער פאַר אונדז אַלעמען האָט ער געקאָכט אַזוי פיל עסן, נאָר מחמת ער איז געווען קליין און דאַר און ער האָט געדאַרפט אונטערוואַקסן. גאָר שטאַרק האָט נחמיה געפילט, אַז ער דאַרף אונטערוואַקסן, בעת ער האָט געקוקט אויף דער רויט־האָריקער שוועסטער, וועלכע איז געווען העכער פאַר אים און מיט אַ יאָר יינגער. און נחמיה איז שוין געווען אַ בחור פון זעכצן יאָר. די שוועסטער פלעגט אַרויפלייגן אַ האַנט אויף זיין אַקסל און גאַנץ לייכט אַראָפּקוקן אויפן סאַמע צענטער פון נחמיהס קאָפּ, דאָרט ווו די האָר גייען זיך פונאַנדער. נחמיהן האָט עס געאַרט, אָבער ער איז אויך געווען צופרידן צו פילן איר נאָענטקייט. אַז נחמיהן פלעגט זיך פאַרגלוסטן אַרויפצולייגן זיין האַנט אויף איר אַקסל, האָט ער זיך איינגעהאַלטן און ער האָט עס נישט געטאָן.

די שוועסטער פלעגט פירן פויערים צו אונדז אין שטוב אַריין. זי פלעגט שטיין אין מאַרק ביים לעדער־געשעפט און אָפּוואַרטן ביז אַ פויער פלעגט פון דאָרטן אַרויסגיין און אים פירן צו אונדז. מיר האָבן געוווינט אויפן עק פון גאַס און פאַר אונדזער שטוב זענען געווען אַנדערע קאָמאַשן־

שטעפּערס. צוליב איר האָט מען אויפגעהאָנגען אַ שילד מיט אַן אויפשריפט „קאַמאַשניק", כדי זי זאָל קאָנען אָנווייזן אַ פּויער, וואָס פלעגט זיך פאַר־עקשענען אין מיטן וועג און ווייטער נישט וועלן גיין, אַז אָט, דאָרטן, דאָרטן איז עס.

אָבער אַצינד, אַז די שוועסטער איז אויפגעוואַקסן, האָט דער קליי־נער, זיבן־יעריקער ברודערל מיט דעם זעקס־שפּיציקן היטל אויפן קאָפּ און מיטן גלאַנציקן דאַשעק און מיט די קליינע, כינעזיש־געשניטענע אויגן, וואָס האָבן אָפּערגעגלאַנצט פון אונטערן דאַשעק — אַצינד האָט ער געוואָרט אויף דער שוועל פון לעדער־געשעפט און נישט אָפּגעלאָזט דעם פּויערס אַרבל, אַפילו ווען זיי זענען שוין געווען אויף די טרעפּ פון הויז.

דער פּויער האָט געזאַמלט די אָפּגעפאַלענע פּאַסיקלעך לעדער אין אַ לייוונטענער טאָרבע, און דער טאַטע האָט געשניטן די לעדער. גראָבע לעדער, האַמבורגער לעדער, און ער האָט זיך נישט געקלאָגט אויפן ווייטיק אין זיין רעכטער האַנט. זיינע הויזן־קעשענעס זענען געווען פול מיט זילבערנע מטבעות און אַז ער האָט געטאָן אַ גיי האָט עס אָפּגעקלונ־גען. ער האָט פאַרשטעקט אַ האַנט אין קעשענע, איבערטאַשירט אַ זשמעניע זילבערגעלט און אַ קוק געטאָן איבערן אַקסל, צי דער פּויער האָט עס נישט באַמערקט. דער טאַטע האָט זיך געשראָקן פאַר אַן עין־הרע. פון אַ פרעמדן און אויך פון זיך אַליין. דער טאַטע האָט געזען ווי דער פּויער האָט גענומען אַ שניידמעסער, וואָס איז געלעגן אויפן טיש, און אויספּרובירט זיין שאַרף אויף דער דלאָניע. נאָך דעם האָט דער פּויער אָנגעשטעלט דעם מעסער מיטן שפּיץ צו דער הויט. דאָס הילצערנע הענטל האָט זיך נישט אָנגעזען אין זיין האַנט. בלויז דער בלאַנק פון קלינג.

— מיט אַזאַ מעסער איז גוט צו שטעכן — האָט דער פּויער געזאָגט.

ס'מעסער איז געווען גוט אויף צו שניידן לעדער. אַז עס איז אויך גוט געווען אויף צו שטעכן האָט מען קיין מאָל וועגן דעם אין שטוב נישט גערעדט. דער טאַטע האָט אָפּגעהיטן זיינע שניידמעסערס און זיי קיינעם נישט אָנגעטרויט. אויך איצט האָט ער אַן אַ וואָרט אַרויסגענומען פון

פויערס האַנט דעם מעסער און ער האָט אָפּגערוימט פון טיש אַלע אַנדערע מעסערס. דער פויער האָט געקוקט, וואָס דער טאַטע האָט געטאָן. ער האָט אָנגעשטעלט זיין קרומע גאָמבע אויף נחמיהן, אויף דער שוועסטער, אויפן ברודערל און ער האָט געשמייכלט. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ בענקל וואַרטן ביז מען וועט אָפּשטעפּן זיינע כאַלעוועס. דערווייל האָט ער אַראָפּגענומען פון זיך דעם פּעלץ, אויסגעטאָן דעם טיזליק און גע־בליבן זיצן אין אַ וועסטל געמאַכט פון בלעך.

דאָס קליינע ברודערל האָט מיט די פינגער באַטאַפּט די בלעך.

— דער מאַן טראָגט אייזערנע ציצית, — האָט דאָס ברודערל דער־קלערט.

דער פויער האָט זיך געלאָזט באַטאַפּן און ער האָט דערציילט, אַז ער גייט אויף אַ חתונה און דאָרט וועט מען זיך אָנטרינקען און מען וועט זיך שטעכן. דערפאַר האָט ער אָנגעטאָן דעם פּאַנצער.

דער טאַטע האָט זיך נישט איינגעהאַלטן:

— פאַר וואָס זשע גייסטו אַהין, אַז דו ווייסט מען וועט זיך דאָרטן שטעכן?

— ס'איז דאָך אַ שמחה — האָט דער פויער געזאָגט און געקייט אַ ביסן אין מויל.

— אָבער דיינע אָרעמס זענען נישט פאַרדעקט — האָט די שוועסטער געזאָגט.

— זאָל רינען אַ ביסל בלוט — האָט דער פויער געענטפערט און געקייט.

ער האָט אַראָפּגעשלונגען דעם ביסן און געשאָקלט מיטן קאָפּ, מיט באַדויערונג, אויף אַלע אין שטוב.

— וואָס ווייסט איר, זשידקעס, וואָס ווייסט איר פון אַ לעבן?

דער טאַטע האָט נישט געענטפערט. אויך נאָך דעם ווי דער פויער איז שוין געהאַט אַוועק האָט דער טאַטע נאָך אַלץ געשוויגן. ער האָט געשניטן די לעדער און געריעדט בלויז צו זיך: „שמחות גאַר". און ווען די מאַמע איז אַריינגעקומען אין שטוב אַריין האָט ער זיך אויסגעדרייט צו אַלעמען און געזאָגט:

— שוין לאַנג נישט געווען עפּעס אַ שמחה אין שטוב.

— אוי, טאַקע. לאָמיר זיך מאַכן עפּעס פריילעך — האָט די שוועס־טער געזאָגט. זי האָט געפּאַטשט מיט די הענט. ס׳איז געווען האַרבסט, אַרבעט איז געווען און הונגעריק איז מען נישט געווען, אָבער די טעג זענען געווען גראָ און ס׳איז גאָרנישט געשען. דער טאַטע האָט אויפגע־הערט שניידן. ער האָט זיך אַרומגעדרייט אין שטוב און נישט געקאָנט אַרבעטן. ס׳איז אים געווען פריקרע וואָס עפּעס אַ פויער מיט אַ קרומער גאָמבע האָט אים פאַרדרייט אַ קאָפּ מיט שמחות. אָבער אויך דער טאַטע האָט געוואָלט ס׳זאָל נעמען אַן עק צו דעם, וואָס עס איז. ס׳זאָל אַנדערש ווערן, כאָטש אויף אַ רגע בלויז.

— מיט וואָס קאָן מען זיך שוין מאַכן פריילעך ? — האָט די מאַמע געפרעגט.

נחמיה האָט זיך אויפגעשטעלט און איבער דער מאַשין אַ נעם געטאָן דער שוועסטערס האַנט אין זיינער.

— זאָל מען קויפן אַ גאַנדז און אויפעסן — האָט ער געזאָגט און געגלעט דער שוועסטערס האַנט.

ווען ער וואָלט כאָטש געווען אַזוי הויך ווי די שוועסטער, וואָלט עס שוין זיכער אַנדערש געווען. ס׳וואָלט געווען פריילעך און גאָר אַנדערש. אָבער ער האָט קוים געגרייכט ביז צו איר אויער און זי האָט זיך געשעמט צו גיין מיט אים שפּאַצירן. ער האָט פריער נאָכגעקוקט דעם פויער ווי יענער איז געזעסן און געקייט דאָס חזיר־פליייש. ווען נחמיה וואָלט עס געגעסן יעדן טאָג, וואָלט ער אויך געוואָרן שטאַרקער און העכער. אין איינעם אַ טאָג וועט ער עס טאָקע טאָן. ער האָט נישט מורא געהאַט פאַר גאָט. ער האָט אויך נישט געגלייבט אין גאָט.

די שוועסטער האָט אַרויסגעצויגן איר האַנט פון נחמיהס הענט. זי האָט נישט געמיינט קיין גאַנדז אויף שבת. זי האָט געמיינט אַן אַנדערע פריילעכקייט. אָבער אויך אַ גאַנדז אויף שבת איז געווען צו פיל, צו פיל אַפילו אין האַרבסט, ווען ס׳איז געווען אַרבעט.

אָבער נחמיה האָט נישט אויפגעגעבן. ער האָט פאַרמאַכט די אויגן און זיך געגרייט עפּעס זאָגן. פון אויפרעגונג פלעגט ער אָפט שטאַמלען

און ער האָט געוואָלט אַז דאָס מאָל זאָל עס אַרויסקומען גלאַטיק. מיט פּאַרמאַכטע אויגן האָט ער געזאָגט:

— אויף מיין חשבון. אַ העלפט אויף מיין חשבון.

ס׳איז אים געראָטן. ער האָט עס געזאָגט אין איין אָטעם און ער האָט זיך נישט פאַרשטאַמלט.

ביז שפּעט אין אָונט איז די געשאָכטענע גאַנדז, איינגעפּאַקט אין אַ געפלאָכטן קיישל, געלעגן אין אַ ווינקל פונעם שלאָפצימער. ערשט ווען ס׳האָט אויסגעזען אַז קיין שוסטערס און פויערים וועלן זיך מער נישט באַווייזן, האָט די מאַמע פאַרקייטלט די טיר, אַריינגעבראַכט אין וואַרשטאַט אַריין דאָס פליישברעטל, מיטגענומען פון קיך דעם נאַפטלאָמפּ און זיך אַוועקגעזעצט מאַכן די גאַנדז.

דאָס קליינע ברודערל האָט זיך נישט געלייגט שלאָפן. ער האָט נאָך קיין מאָל נישט געהאַט פאַרזוכט דעם טעם פון גענדזנפלייש. ער האָט געהאַט באַטראַכט די גאַנדז ווען זי איז געווען לעבעדיק און איצט האָט ער זי באַטראַכט אַ געשאָכטענע. מיטן דוימען און ווייזפינגער האָט ער געמאַכט אַ רינג אַרום האַלדז צו מעסטן די גרעב. דער ווייסער האַלדז איז געווען פייכט און קאַלט, באַשפּריצט מיט פלעקן בלוט און קלעפּיק. אָבער דער שנאָבל האָט זיך גאַרנישט געביטן. געבליבן האַרט און געל אויך נאָכן טויט. דאָס ברודערל האָט געפונען די צווי נאָזלעכער אינעם שנאָבל און דערקלערט, אַז די גאַנדז האָט נישט קיין נאָז. די מאַמע האָט אים אַריינגעפירט שלאָפן. אָן איינפאַל צו זוכן ביי דער גאַנדז אַ נאָז. ס׳איז איר קיין מאָל נישט איינגעפאַלן צו טראַכטן וועגן דעם, צי אַ גאַנדז האָט אַ נאָז אָדער נישט. זי האָט געהייסן דעם טאַטן אַוועקלייגן די אַרבעט און זי האָט גענומען דעם נאַפטלאָמפּ, וואָס איז געהאַנגען איבער זיין שניידטיש, און אים אויפגעהאָנגען איבער איר פליישברעטל, ס׳זאָל זיין ליכטיקער צו מאַכן די גאַנדז.

דער טאַטע האָט געברומט אונטער דער נאָז, בעת די מאַמע האָט אַוועקגענומען דעם לאָמפּ. ער האָט געוווּסט, אַז ער וועט שוין מער נישט אַרבעטן, אָבער ער האָט אויך נישט געוואָלט זיצן און קוקן ווי זי פּאַרעט זיך מיט דער גאַנדז. די טיר האָט ער פאַרריגלט. דאָס האָט נאָך גע־

פעלט, אַז אַ שוסטער צי אַ שכן זאָל פלוצלינג אַריינקומען און זען אַז מען פאַרעט זיך ביי אים מיט אַ גאַנדז. די גאַס וועט געוויר ווערן און אַלע וועלן וועגן דעם רעדן. וואָס פאַר אַ פנים וועט ער האָבן? אַצינד האָט ער שוין חרטה געהאַט אויף דער גאַנצער מעשה און ער האָט נישט פאַרשטאַנען, ווי אַזוי ער האָט זיך ביי טאָג געלאָזט פאַרפירן פון אַ פויער מיט אַן אויסגעקרימטער גאָמבע און זיך געלאָזט אָנרעדן אויף צו קויפן אַ גאַנדז. ער איז געווען בייז אויף זיך און געזוכט אויף וועמען אויסצו־לאָזן זיין כעס.

— קום אַהער, נחמיה, און לערן זיך אויס צושניידן — האָט דער טאַטע געזאָגט.

נחמיה איז נישט געגאַנגען אַהיים. ער האָט געקוקט אויף דער שוועסטער ווי זי לייענט אַ ביכל. ווען מען וואָלט אים געלאָזט, וואָלט ער נאָך ווייטער געשטעפּט אויף דער מאַשין. אָבער דער טאַטע האָט אים פאַרווערט, מען זאָל נישט מיינען ביי די שכנים, אַז עס שאַרט זיך ביי אים געלד. איז נחמיה געזעסן און נישט אַהיימגעגאַנגען.

אין דרויסן איז געווען קאַלט און ביי אים אין שטוב האָט שוין דער ווינט אַריינגעיאָגט דורך די שפּאַרונעס. ס'איז אים געווען אַ שאָד, וואָס מען האָט נאָך נישט געהייצט דעם אויוון. אַזוי ווי ער זיצט שוין, וואָלט ער שוין לעבן אים איבערגענעכטיקט. נחמיה האָט געקאָנט שלאָפן זיצנדיק. אַן אָרט אויפצושטעלן אַ בעטל איז נישט געווען, פלעגט ער צורוקן צוויי בענקלעך צום אויוון און איבערשלאָפן די נעכט זיצנדיק. אין די ווינטער־פרימאָרגנס פלעגט ער זיך רייבן די הענט און זיין צופרידן, וואָס עס איז אים וואַרעם געווען אַ גאַנצע נאַכט.

נחמיה האָט איצט נישט געענטפערט דעם טאַטן. ער האָט זיך איינגע־הערט און געקוקט אויף דער שוועסטער. איר קאָפּ איז געווען אַראָפּגעלאָזט צום ביכל און די שיין פון לאָמפּ איז געפאַלן אויף אירע רויטע האָר. אָט־אָט און זיי וועלן זיך צעפלאַמען.

— מען קלאַפּט — האָט נחמיה געזאָגט — און ער איז געגאַנגען עפענען די טיר.

די מאַמע האָט אים פאַרהאַלטן. זי האָט נאָך פון פריער געהאַט אָנגע־

גרייט אַ טישטעכל צו פֿאַרדעקן דאָס פֿלייש. נחמיה האָט אונטערגעוואַרט און דערווייל האָבן אַלע געהערט דעם סקריפּ פֿון דער קליאַמקע.

— פֿרעג ווער עס איז — האָט דער טאַטע געזאָגט.

נחמיה האָט זיך געחידושט. ס׳איז נישט געווען קיין מנהג צו קלאַפּן און צו פֿרעגן. מען פֿלעגט אָנגעמען די קליאַמקע, עפֿענען די טיר און אַריינגיין. אויך איצט האָט מען נישט געקלאַפּט. מען האָט געפּרוווט אַריינגיין, נאָר די טיר איז געווען פֿאַרריגלט מיטן פֿרענט.

נחמיה האָט געפֿרעגט, אָבער פֿון הינטער דער טיר האָט מען נישט געענטפֿערט.

— עפֿן נישט, — האָט דער טאַטע באַפֿוילן.

נחמיה האָט צוגעלייגט אַן אויער צו דער טיר און זיך איינגעהערט. ער האָט אויך אַרויסגעקוקט מיט אַן אויג דורכן שליסללאָך.

מען האַלט די קליאַמקע אויף יענער זייט — האָט ער געזאָגט און אָפּגעגאַנגען הינטערווילעכץ.

— פֿרעג אויף פּויליש — האָט דער טאַטע געזאָגט. ער איז צוגעגאַנגען צום טיש און באַהאַלטן אַלע מעסערס.

די שוועסטער האָט אים געפֿאָלגט, אָבער פֿון הינטער דער טיר איז קיין ענטפֿער נישט געקומען. אַצינד זענען שוין אַלע געשטאַנען אין קיך און געזען ווי די קליאַמקע באַוועגט זיך.

די שוועסטער האָט געקוקט אויף נחמיהן.

— איך האָב נישט קיין מורא און וועל עפֿענען די טיר — האָט נחמיה געזאָגט זייער הויך, מען זאָל הערן אויף יענער זייט. אָבער ער האָט זיך נישט גערירט פֿון אָרט.

— אַז מען ענטפֿערט נישט, דאַרף מען נישט עפֿענען — האָט די מאַמע געזאָגט זייער שטיל, מען זאָל דווקא נישט הערן וואָס זי זאָגט. אָבער זי האָט פֿאַרשפּעטיקט. די שוועסטער האָט זיך אַ שאַר געטאָן פֿלינק צו דער טיר, אַראָפּגענומען דעם פֿרענט און זיך אָפּגערוקט אָן אַ זייט. די קליאַמקע האָט זיך אַראָפּגעבויגן, די טיר האָט זיך געעפֿנט און אין שטוב האָבן זיך אַריינגעשטעלט צוויי טויב־שטומע שוסטערס. זיי זענען אַריין אין וואַרשטאַט און אַלע אין שטוב זענען זיי נאָכגעגאַנגען.

מען האָט די שוסטערס געקאָנט. דער עלטערער, וואָס מען האָט גע־וווּסט אַז ער הייסט זישע, איז געווען אַ נידעריקער מיט אַ דיק אָפּגעזעצטן גוף. האָט געהאַט אָנגעבלאָזענע באַקן, ווי ער וואָלט זיך געגרייט אַ בלאָז טאָן. זיין פּנים איז געווען טונקל און גראָ און תּמיד געלעגן אין שאָטן. אַפילו זיינע אויגן זענען געווען אָן גלאַנץ און אַלץ אויף אים איז געווען שטיל און שטום. ווען ער וואָלט געקאָנט רעדן, וואָלט ער אויך געווען אַ מענטש אַ שווייגער.

דער צווייטער איז נאָך געווען אַ יונגער בחור. זיין נאָמען האָט מען נישט געוווּסט, מחמת מען האָט אים קיין מאָל נישט געדאַרפט רופן ביים נאָמען. ער איז געווען הויך און בלאָנד, מיט לאַנגע באַקנבערד, און זיין וועלאָסיפּעד־היטל איז געווען וואויל־יונגעריש פאַרלייגט אויף אַ זייט. ער האָט אַוועקגעלייגט אַ לאַקירט פעלעכל אויפן טיש און גערעדט צו זישען אויף שטום־לשון. זישע האָט נישט אָפּגעענטפערט. ער האָט געהאַלטן די הענט אַראָפּגעלאָזט און בלויז מיט די אויגן נאָכגעפאָלגט זייער פלינק יע־נעמס צייכנס, ווי אַ בעל־חי. נאָך דעם האָט דער יונגער שטומער אויפגע־הערט רעדן, אַ שמעק געטאָן די לופט, אָנגעקוקט מיט אַ פראַגע־צייכן דעם טאַטן. ער האָט אים דערשנאַפּט. זיינע זשוואַוועדיקע אויגן זענען זיך צע־לאָפן איבערן שטוב. ער איז צוגעגאַנגען צום פליישברעטל און אַראָפּגענומען דאָס טישטעכל. ער האָט אַ שלעפּ געטאָן זישען, יענער זאָל אויך זען. זישע האָט אַ גיי געטאָן, אַראָפּגעקוקט און געשוויגן. זיין פּנים האָט זיך נישט געטוישט און געבליבן ווי פריער, אין שאָטן. דער ייִנגערער האָט זיך נישט איינגעהאַלטן. געלאַכט מיט די אויגן און מיט די ציין, אָבער קיין קול האָט ער נישט אַרויסגעלאָזט.

די מאַמע האָט צוריק פאַרדעקט דאָס פליישברעטל.

— זיי האָבן דאָך נישט געקאָנט ענטפערן פון הינטער דער טיר — האָט זי גערעדט צו זיך. די שוועסטער האָט פאַרשטעלט דאָס פּנים און אַריין אין אַנדערן צימער. מען האָט נישט געוווּסט, צי זי וויינט אָדער זי לאַכט.

בלויז די מאַמע איז נאָך נישט געשלאָפן. זי איז געזעסן אויף אַ נידע־

ריק בענקל אין שיין פון די לאָמפּן און צענומען די גאַנדז. איר פּנים איז געווען פאַרפּלאָמט און זי האָט געמאַכט מיט די ליפּן, נאָר דער קליינער ברודערל האָט נישט געהערט וואָס זי רעדט. ער האָט אַרויסגעשטרעקט דעם האַלדז פון אונטער דער קאָלדרע און געקוקט מיט איין אויג. דאָס צווייטע האָט ער אַריינגעפּרעסט אין קישן. אַ לאַנגע צייט איז ער אַזוי געלעגן. פריער, בעת ס'האָט זיך געהערט דאָס קלאַפּן אין דער טיר, האָט ער געזען ווי אַלע האָבן זיך צונויפגעשטופּט אין דער עפענונג, צווישן וואַרשטאַט און קיך, אַלע פיר צוזאַמען, טאַטע, מאַמע, שוועסטער, נחמיה. בלויז זייערע פּלייצעס האָט ער געזען, זייערע קעפּ און אַקסלען האָבן זיך אַריינגעפּורעמט איינס אין אַנדערן, און דעם טאַטנס הויכע פיגור איבער־געבויגן איבער זיי. און נאָך דעם האָט ער געקוקט ווי דער טאַטע האָט געמאַכט מיט די הענט די געהיימע צייכנס פון שטום־לשון, און ער האָט געוווּסט, דער ברודערל, אַז דאָס איז נישט מער דער זעלבער טאַטע. אַן אַנדערער איז ער. ער זעט אים צום ערשטן מאָל.

„דיין טאַטע איז אַ כישוף־מאַכער" — האָט ער געהערט אַ קול און ער האָט געוווּסט, אַז עס איז אמת. אויך דער שאָטן זיינער, וואָס די וואַנט איז פאַר אים צו קליין געווען און ער האָט זיך איבערגעבראָכן ביי די אַקסלען און מיט האַלדז און קאָפּ זיך צעשפּרייט איבערן סופיט — אויך דער שאָטן איז אַ כישופמאַכער.

איצט האָט ער געהערט ווי דער טאַטע שלאָפט. אויך ווי נחמיה אָטעמט האָט ער געהערט. נחמיה איז געשלאָפן זיצנדיק ביים קאַלטן אויוון.

— אָבער זיי וועלן גאָרנישט קאָנען דערציילן — האָט ער געהערט ווי די מאַמע רעדט.

דאָס פליישברעטל איז געווען אַ רויטער צערונענער פלעק, באַגלאַנצט מיט די שיין פון די לאָמפּן. און די מאַמע איז נאָך אַלץ געזעסן לעבן ברעטל, כדי שבת זאָל זיין אַ שמחה אין שטוב.

מיט אַ מאָל האָט זיך געהערט אַ קלאַפּן אין דער טיר. די מאַמע האָט זיך אויפגעשטעלט און אָנגעהויבן מאַכן מיט די הענט אויף שטום־לשון. ער האָט געוווּסט, אַז די צייכנס זענען געמיינט פאַר אים. זי האָט אים געהייסן צומאַכן דאָס אויג און שלאָפן. ער האָט איר געוואָלט זאָגן, אַז ער ווייסט

וואָס זי מיינט און אַז ער קאָן דאָס אויג נישט צומאַכן, אָבער ער האָט נישט געקאָנט רעדן אויף שטום־לשון.

האָט די מאַמע גערעדט צו אים:

— שלאָף, יאַנקעלע, היינט וועט שוין מער גאָרנישט געשען — האָט זי גערעדט און איר קול און דאָס קלאַפּן אין דער טיר איז געקומען פון זייער ווייט.

באַגעגעניש

אויך דער שאָטן איז פאַרבליבן הייס אין דער פאַרנאַכטיקער שעה נאָכן לאַנגן, זומערדיקן טאָג.

די פרוי אינעם אָראַנזש־קאָלירטן קלייד האָט געוואַרט אויפן אויטאָבוס. זי איז געזעסן אויבן אָן אין דער ריי און די לאַנגע באַנק, נאָך איר, איז געווען ליידיק. זי האָט אויפגעהויבן איר פנים און געקוקט איבערן גרויסן הויף, וואָס איז שוין געווען שטיל, און בלויז ביים סאַמע עק האָט אַ קופּקעלע מענטשן זיך אַריינגעשטופּט אין אַן אויטאָבוס. אַן אָפּשטייענדיקער מוסקול אויף איר הויכן האַלדז האָט בולט געמאַכט אַ דינע שאָטן־ליניע, וואָס האָט געטוישט שאַטירונג, בעת זי האָט געפירט איר פנים פון אָרט צו אָרט.

— בנימינה? — האָט זי געפרעגט דעם וווייטן רירעוודיקן געזעמל.

די אייזערנע באַריערן האָבן געפורעמט שמאָלע קאָרידאָרן, געכפּלט און געדרייפאַכט, וואָס האָבן אויסגעפולט דעם גאַנצן שטח אונטערן הייסן דאַך. זיי זענען געווען פוסט און אָפּגעצוימט דער פרוי צום אָרט ווו זי איז געזעסן. זי האָט נאָך אַ מאָל אויפגעהויבן איר פנים צום שילדל איבער איר און געפרעגט:

— בנימינה?

אויפן שילדל איז געווען אָנגעשריבן „בנימינה״.

די פרוי האָט צוריק אַראָפּגעלאָזט אירע אויגן צום קינד אויף איר שויס און די דינע שאָטן־ליניע אויף איר האַלדז איז פאַרשוווּנדן געוואָרן. דאָס קליינע קינד האָט זיך קוים אָנגעזען אין איר שויס, מחמת אירע פיס איבער די קני זענען געווען זייער לאַנג. דריי און אפשר פיר אַזעלכע קינ־דער האָבן זיך געקאָנט אויסלייגן אין דער ברייט און די קני וואָלטן זיך נאָך אַלץ אָנגעזען. זי האָט געהאַלטן די פיס עטוואָס צעעפנט און דאָס

לאַנגע אַראַנזש־קאָלירטע קלייד איז אַריינגעפאַלן אין אַ טיפן פאַלד, גרייכנ־דיק די ערד. די פרוי האָט אָפּגעוויקלט די געוואַנטן פון דעם קינדס פּנימל, אַראָפּגעקוקט אויף אים און געשוויגן.

דאָס קופּקעלע מענטשן אין עק פון דער סטאַציע איז פאַרשוווּנדן אין אויטאָ און איבערגעלאָזט אַן אַלטן ניסל־פאַרקויפער, וואָס האָט אויסגעשריגן זיין סחורה צו דער אָפּפאָרנדיקער מאַשין. ער האָט זיך געשאַרט פּאַמעלעך צווישן די פּוסטע, שמאָלע קאָרידאָרן און אַלע מאָל אויסגעשריגן הייזעריק: „בטנים, בטנים".

צוקומענדיק צום אָרט ווו די פרוי איז געזעסן האָט ער זיך אָפּגעשטעלט, אויפגעהויבן העכער זיין קיישל און עס דערנענטערט צו דער פרוי, ווי ער וואָלט איר געבראַכט אַ מתנה.

— בטנים? ניסלעך? — האָט ער געפרעגט זייער העפלעך.

דער האַלדז פון דער פרוי איז ווידער געוואָרן טורעמדיק.

— בנימינה? — האָט זי געפרעגט.

— בנימינה, בנימינה, — האָט דער אַלטער איבערגעחזרט מיטן זעלבן קול, אָבער אָן דער העפלעכקייט, — ס׳וועט שוין היינט קיין בנימינה נישט זיין — האָט ער געזאָגט — און זיין פּנים, אַרומבאַוואַקסן מיט באָרד, איז גע־וואָרן האַרט מיט אַ באַהאַלטן, געמיין געלעכטערל, אָבער דאָס קיישל מיט די ניסלעך און דאָס געזעמל שקאַרמיצלעך אין ווינקל פון קיישל, אָפּן און געהאָרכזאַם, זענען געבליבן פריינדלעך.

— למה? — האָט די פרוי געוואָלט וויסן.

דער ניסל־פאַרקויפער האָט נישט געענטפערט. ער האָט אַ פיר געטאָן מיט זיין האַנט איבערן הויף און איר איינגעלאַדן אַליין צו קוקן, וועט זי פאַרשפּאָרן פרעגן. ער איז געווען אַ פאַרנומענער מאַן, דער הויף האָט גע־הערט צו אים און ער האָט נישט געהאַט קיין צייט צו ענטפערן אַבי וועמען אויף אומזיסטע שאלות.

— נישטאָ היינט מער קיין מאַשינען, — האָט ער געזאָגט קורץ און שאַרף.

אויף דער צווייטער זייט פון אָפענעם הויף זענען יאָ געשטאַנען מאַ־שינען, נאָר זיי זענען געווען ליידיק און שטיל און אַ ווייסלעכער נעפּל־

קאָליר האָט זיך געמיניעט אינעם גלאָז פֿון זייערע אויסגעלאָשענע שייך־לאָמפּן. די פֿרוי האָט געקוקט אויף די אויטאָבוסן און געוואַרט ס׳זאָל געשען אַ נס, איינער פֿון זיי זאָל זיך אַ ריר טאָן און צופֿאָרן צום אָרט ווו זי איז געזעסן. אויך דער אַלטער איז אַריינגענומען געוואָרן אין רינג פֿון איר געבעט. ער האָט געשפּירט איר שוויגן און נאָכגעגעבן.

— אפֿשר וועט נאָך זיין. כ׳וועל פֿרעגן — האָט ער געזאָגט און זיך אַרומגעקוקט איבערן הויף וואָס האָט שוין אָנגעהויבן ווערן טונקל. בלויז דורך דער עפֿענונג צווישן צוויי הייזער האָט זיך אָנגעזען אין וויטן האָרי־זאָנט אַ פּאַס ים, און די זון איז דאָרט פֿאַרגאַנגען. דאָרט איז נאָך געווען טאָג.

בעת דער אַלטער איז געשטאַנען אויסגעדרייט צו איר מיט דער פּלייצע האָט די פֿרוי באַמערקט דריי קאָלנערס ביי זיין קאַרק, איינער העכער אי־בערן אַנדערן, און די זייטן באָרד האָבן פֿאַרבונדן זיינע קינבאַקן מיט די אַקסלען. זי האָט זיך אַ ווײַלע געחידושט הלמאי ער טראָגט דריי מאַנטלען אין אַזאַ הייסן טאָג, נאָר זעענדיק ווידער זיין פּנים האָט זי געוווּסט, אַז ער איז איר אין גאַנצן אַ פֿרעמדער און דער חידוש איז פֿאַרגאַנגען. זי האָט אָפּגעוויקלט די געוואַנטן פֿון קינד, בכדי דער אַלטער זאָל עס זען. ס׳קינד איז קראַנק און זי מוז אַהיימפֿאָרן.

— מיינע אויגן זענען שוין טונקל און איך זע קוים — האָט דער ניסל־פֿאַרקויפֿער געזאָגט.

די פֿרוי האָט אויפֿגעהויבן דאָס קינד העכער צו אים, ער זאָל עס זען. דער מאַן האָט אַוועקגעשטעלט דאָס קיישל מיט די ניסלעך אויף דער באַנק, אָפּגעזיפֿצט און צוגענענט זיין באַבערדיקט פּנים צום פּעקעלע אין די הענט פֿון דער פֿרוי.

— דאָס קינד איז דאָך בלוי — האָט ער געזאָגט.

די פֿרוי האָט באַוועגט איר בליק מיט הסכמה.

— טאָ וואָס זיצסטו דאָ, לויף גיכער אין שפּיטאָל — האָט ער געזאָגט און געוואָרן היימישער.

— שפּיטאָל? בנימינה. כ׳דאַרף אַהיימפֿאָרן — האָט די פֿרוי געענט־פֿערט.

— ס׳וועט אויסגיין אין דיינע הענט — האָט דער אַלטער געזאָגט.

די פרוי האָט אַרויסגעצויגן אַ קוויטל פון אַ באַהאַלטן אָרט אין איר קלייד און אים געוויזן. דער אַלטער האָט אויפגעוויקלט דאָס פּאַפּירל מיט אומגעלומפּערטע פינגער און געקנייטשט זיינע אויגן גאָר נאָענט צום פּאַפּיר.

— מיינע אויגן זענען שוין אַלט און איך זע נישט קיין געשריבנס — האָט ער געזאָגט צו זיך.

די פרוי האָט אָפּגענומען דאָס קוויטל און עס צוריק באַהאַלטן אין איר קלייד. זי האָט מער נישט געהאַט וואָס צו זאָגן, אַחוץ, אַז דאָס קינד איז געווען אין שפּיטאָל און זי האָט עס פון דאָרט אָפּגענומען.

— זיי האָבן עס געלאָזט נעמען? — האָט דער אַלטער געפרעגט.

די פרוי האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ.

— זיי האָבן עס נישט געקאָנט העלפן?

— זיי האָבן אויך דאָס ערשטע נישט געראַטעוועט.

— וואָס איז געווען מיטן ערשטן?

— ס׳איז געוואָרן בלוי און געשטאָרבן.

— און דאָס אויך?

— כ׳דאַרף אַהיימפאָרן, קיין בנימינה, — האָט די פרוי איבערגעחזרט.

— אָבער דאָס קינד? — פאַר וואָס האָסטו עס אָפּגענומען?

— דער זנאַכער האָט געזאָגט איך זאָל אַזוי טאָן.

— דער זנאַכער — האָט דער ניסל־פּאַרקויפער נאָכגעזאָגט.

— ער האָט געזאָגט, איך האָב באַליידיקט דעם נישט־גוטן און דערפאַר איז אויך דאָס צווייטע בלוי געוואָרן, — האָט די פרוי דערקלערט.

— וואָס פאַר אַ נישט־גוטער

— יעדער איינער האָט זיין נישט־גוטן און איך דאַרף מיינעם איבער־בעטן.

דער אַלטער האָט פאַרביסן אַן איינזאַמען צאָן אין זיין אונטערשטער, גרעבלעכער ליפּ.

— האָסט שוין איבערגעבעטן — האָט ער געפרעגט.

— מיר זענען געווען דאָרט. נישט וויט פון מיין שטוב. כ׳זאָל וואַשן

מיין לייב נישט מיט זייף, נאָר מיט אַזאַ פּודער, וואָס ער האָט געגעבן, און אויסגיסן דאָס וואַסער אויף יענעם אָרט.

— וועט דאָס קינד ווערן געזונט?

— וועט ער זיך איבערבעטן.

— און דאָס קינד?

— צו ערשט וועט עס אַ סך וויינען.

דער אַלטער האָט זיך אַראָפּגעבויגן צום קינד, צוגעלייגט אַ האַנט צום אויער און זיך איינגעהערט.

— ס'וויינט נישט — האָט ער געזאָגט.

— ס'וויינט שוין נישט דריי טעג — האָט די פרוי געענטפערט.

אַן אויטאָבוס איז אָנגעפאָרן און זיך אָפּגעשטעלט אין מיטן הויף. דער ניסל־פּאַרקויפער האָט גענומען זיין קיישל און געגאַנגען צום אויטאָ, אויסשרייענדיק אויפן וועג זיין סחורה. דעם ערשטן "בטנים" האָט ער אויסגעשריגן פרעגנדיק און דעם צווייטן מיט אַן ענטפער. די פרוי האָט נאָכגעקוקט ווי ער שאַרט זיך האַלב־בלינד איבערן הויף, ווי ער הייבט אויף דאָס קיישל און גייט פון פענצטער צו פענצטער. זי האָט געזען ווי דער שאָפער איז אַרויס פון אויטאָ און זיך געלאָזן צום קאַפע־געשעפטל, ווו נאָך עטלעכע פיגורן האָבן זיך באַוועגט. דער ניסל־פּאַרקויפער איז פאַרשוווּנדן געוואָרן הינטערן אויטאָ, אָבער נישט זיין קול. נאָך דעם האָט ער זיך באַוויזן אויף דער צווייטער זייט און דערגאַנצט די הקפה אַרום אויטאָ. די פרוי האָט אים געוואָלט זאָגן, אַז דער אויטאָ איז ליידיק, אַז קיינער איז דאָרט נישטאָ און זיין שרייען איז אומזיסט, נאָר ער איז געווען ווייט פון איר. אויך דער שאָפער פון אויטאָ איז געווען ווייט און דאָס געוועלבל, און די פיגורן, און די ליידיקע מאַשינען און זי האָט זיי נישט געקאָנט דערגרייכן.

מיטן קינד אויפן אָרעם איז די פרוי געגאַנגען צווישן די באַריערן צו דער עפענונג. די קאָרידאָרלעך האָבן זיך געכפּלט און געדרייפאַכט. די פרוי איז געווען הויך, איר פּנים פון אַ ברוינלעכן קאָליר און דאָס לאַנגע אָראַנזש־קלייד האָט געשורשעט אַרום אירע פיס.

דער ניסל־פּאַרקויפער איז איר געגאַנגען אַנטקעגן. ער האָט קוים געזען און יעדע עטלעכע טריט האָט ער אָנגעקלאַפּט מיטן שטעקן אין

ברוק. ער איז צוגעקומען גאָר נאָענט צו איר און נאָך אַ מאָל געפרעגט: „בטנים?" אָבער באַלד האָט ער זי דערקענט, האָט ער אָנגעהאָגען דעם שטעקן אויף זיין קאָרק און מיט דער פרייער האַנט זי געפירט צו דער קאַפּע ווו די מענער זענען געזעסן. דער אַלטער האָט גערעדט און די פרוי איז געשטאַנען מיד און אָן מחשבות. נאָך דעם האָט זי געוואָלט וויסן, וואָס זיי האָבן געזאָגט, ווייל זיי זענען געווען וויט פון איר און זי האָט נישט געוווּסט, וואָס זיי מיינען. דער אַלטער האָט זי צוריק אַרויסגעפירט און געזאָגט, אַז עס וועט שוין היינט קיין בנימינה נישט זיין. ער האָט עס געזאָגט מיט זיינע ווערטער, אָבער מיטן קול פון איינעם פון די מענער אין דער קאַפּע. ער האָט זי צוגעפירט צו אַ באַנק, זי זאָל זיך זעצן.

— מאַכט נישט אויס, איך וועל דיר העלפן — האָט ער זי באַרוּקט און אָנגעהויבן אויפשפּילען זיין אויבערשטן מאַנטל.

איצט האָט די פרוי געזען, אַז ער טראָגט טאַקע דריי מאַנטלען, דער מיטלסטער טונקל־גרין און אָפּגעריבן. זיינע פינגער האָבן זיך געפּלאָנטערט ביי די קנעפּ און ער האָט זיך באַקלאָגט, וואָס ער איז געצוווּנגען צו טראָגן אין אַ הייסן טאָג אַלע מאַנטלען. ער האָט זיי נישט ווו איבערצולאָזן. מ׳וועט זיי צוגנבענען. מ׳האָט אים שוין איין מאָל באַגנבעט. ער האָט אַרויס־געצויגן אַ קליין זאַמשן זעקעלע, פאַרבונדן מיט אַ שוכבענדל און געזאָגט, אַז עס איז אַ קמיע פון אַ צדיק און אַז ער טראָגט עס תמיד מיט זיך. מ׳דאַרף עס אַוועקלייגן אויפן האַלדז פון קינד און עס וועט געהאָלפן ווערן.

די פרוי האָט געקוקט אויף אים אָן באַוועגונג. דאָס פרעמדע אין זיין פּנים איז ווידער בולט געוואָרן און זי האָט געגלייבט אין דעם, וואָס ער טוט. ער האָט זיך אַראָפּגעבויגן, געשאַרט זיינע הענט איבער איר שויס און געזוכט דאָס קינד. ער האָט אָפּגעדעקט די געוואַנטן און אַוועקגעלייגט די קמיע.

— און איצט דאַרף מען וואַרטן — האָט ער געזאָגט און ער האָט זיך אַוועקגעזעצט לעבן איר.

— ס׳האָט שוין איין מאָל געהאָלפן — האָט ער איר פאַרזיכערט — מיינס אַ יינגל, איין מאָל געהאָלפן.

— וועלכן יינגל? — האָט די פרוי זיך אָנגערופן.

— אַ מאָל געהאַט אַ יינגל.

דער ניסל־פּאַרקויפער איז געבליבן זיצן פאַרזונקען אין זיין באָרד. ער האָט צוגערוקט דאָס קיישל מיט סחורה נענטער צו זיך און מיט די פינ־גער זייטיק געשאַרט איבער די ניסלעך. מיט אַ מאָל האָט ער אַ ציטער געטאָן ווי נאָך אַ קורצן דרימל.

— קיינער האָט נישט געקויפט קיין ניסלעך — האָט ער זיך געחידושט.

— מ׳דאַרף וואַרטן? — האָט די פרוי געפרעגט.

זי האָט געקוקט אויפן פּאַס ים, וואָס האָט זיך אָנגעזען אין וויטן האָריזאָנט דורך דער עפענונג צווישן די צוויי הייזער. די זון איז דאָרט פאַרגאַנגען. אַ האַלבער קיילעך זון איז שוין געווען פאַרשטעקט אין ים און די אויבערשטע טייל איז געווען פאַרהוילן אין אַ קליינעם וואָלקן, וואָס איז געהאָנגען נידעריק איבערן וואַסער. דער ים און דער וואָלקן האָבן צעשניטן די זון און איר מיטעלער חלק איז געווען ווי אַ שטאַבע אָנגעגליט אייזן. באַלד האָט די זון זיך אָפּגעריסן פון וואָלקן און געשווומען ביים סוף ים. נאָך דעם איז זי פאַרזונקען און מיט איר דער רויטער וואַסערשליאַך, און דער ים איז געוואָרן צוריק בלאָ און שטיל.

— וויפל איז שוין דער זייגער? — האָט דער אַלטער געפרעגט.

די פרוי האָט געקוקט אויפן קיילעכדיקן זייגער, וואָס איז געהאָנגען אויפן געזימס פון הויז. זי האָט געזען, אַז אויפן צווייטן הויז, קעגן איבער, איז געהאָנגען נאָך אַ זייגער, קיילעכדיק אַזוי ווי דער ערשטער. די ווייזערס פון ביידע זייגערס האָבן געגעבן אַ פאַל אַראָפּ אויף אַ מינוט און גע־וויזן די זעלבע שעה. אָבער די פרוי האָט אים נישט געענטפערט. דער אַלטער האָט אויך מער נישט געפרעגט.

— ס׳דאַרף וויינען? — האָט ער נאָך אַ מאָל געוואָלט וויסן.

— דער זנאַכער האָט געזאָגט — האָט די פרוי געענטפערט.

דער אַלטער האָט ווידער אַראָפּגעזונקען אין זיין באָרד. דער איינזאַ־מער צאָן האָט זיך באַוויזן אויף זיין ליפּ.

— אפשר וויינט עס שוין? — האָט ער געפרעגט.

די פרוי האָט אַראָפּגעקוקט צום קינד. זי האָט זיך איינגעהערט עטוואָס זייטיק און געוואַרט.

ביי טאָג אויפן וועג

דער וועג האָט זיך געצויגן פאַרביי שייערן, שפּייכלערס, שאָף־ און רינד־הייף. ער האָט זיך אָנגעהויבן ביי די פערדשטאַלן, דערלאָפן צום חדר־האוכל, פאַרוואָרפן אַ קרייז אַרום בנין, ווי אַ שלייף, און זיך פאַרנומען צוריק צו די שטאַלן.

נח איז געפאָרן אויפן וועג. ער איז געזעסן אויף דער הויכער קעלניע פון וואָגן, דער קאָפּ עטוואָס אָנגעבויגן, און פּאַר זיינע אויגן האָבן געגלאַנצט די ברוינע, ברייטע, זיך וויגנדיקע הינטנס פון זיינע צוויי מויל־אייזלען. איינס ענלעך צום אַנדערן, האָבן זיי געשפּאַנט שווער און פּאַמעלעך, מיט איינגעצוימטן כוח אין זייערע אברים, פויל און מיט הייסן אָטעם. דער וואָגן איז געווען באַלאָדן מיט זעק, מילכקאַנען, קאַסטנס, וואָס נח האָט צעפירט צו די שטייגן און שטאַלן. מיט לאַנגע הענט און ברייטע פּלייצעס, האָט נח געדרעמלט פויל און וואַרעם, ווי די אייזלען. פון מאָל צו מאָל האָט ער אויפגעהויבן אַ האַלבן בליק אויף אַ געביידע, אויף אַ מענטש, אויפן אַלטן ביק אינעם אָפּגעצוימטן הייפל, און ווי דאָס אַלץ וואָלט פאַר אים קיין חידוש נישט געווען, האָט ער צוריק אַראָפּגעלאָזט זיין בליק אויף די רוקנס פון די לאַסט־חיות און געזען ווי די מאָרגנזון שטראַלט זיך אין זייערע ברוינע פעלן.

פּלוצעם האָט ער געהערט ווי מען רופט אים. דאָרקע איז געשטאַנען אויף די טרעפּ פון חדר־האוכל און גערופן זיין נאָמען. זי איז אַרויסגעקומען פון אינעווייניק און די זון האָט איר אַ פּאַטש געטאָן אין פּנים, האָט זי מיט אַ האַנט געמאַכט אַ שאָטן פאַרן אויג און גערופן. דער פרימאָרגן אויפן שטילן וועג האָט זיך אַ ריר געטאָן, אָבער נח איז געבליבן ווי פריער, און די אייזלען זענען געגאַנגען שווער און פּאַמעלעך.

דאַרקע איז אַראָפּ פון די טרעפּ. איר הייך איז נישט פאַרמינערט געװאָרן. אירע לאַנגע פיס זענען פאַרבליבן פול און מעכטיק. די שפּיצן פון די בערג, אַ צװײַג, אַן אויג, האָבן איר נאָכגעקוקט. זי האָט אַרויפגעלייגט אַ האַנט אויף נחס קני און געזאָגט:

— מ׳דאַרף היינט שעכטן דעם ביק.

פון דער הויכער קעלניע האָט נח אַראָפּגעקוקט אויף איר נאָך אַלץ פאַרדרעמלט. אַ מחשבה האָט אַ רייץ געטאָן אין זיין מוח. די זון האָט שוין געשיינט עטלעכע שעה, אָבער אין אים האָט געװוימלט אַ שפּירונג, אַז עס איז נאָך נאַכט. די גראָע װעלט פון באַגינען האָט נאָך אַלץ געלעבט אין אים: די בלויקייט אין פענצטער, װען ער האָט זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף; דער פייכטער באַריר פון די אַרבעטסקליידער; דער בלינדער אויסצי פון אַ האַנט אינעם חלל פון חדר; די פּלוצעמדיקע דערמאָנונג פון אַ נעכטיק געשעניש; ס׳נישט געװאָשענע אויג. ס׳האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז עס איז נאָך נישט טאָג, אַז אונטערן ליכט, װאָס שפּאַרט פון דער ערד און פון הימל איז נאָך טונקל. אַ רגע האָט זיך אים אויסגעװיזן, אַז אַלץ איז שטיין געבליבן און פאַרהאַלט דעם אָטעם. אויך דער הימל און די מוילאײַזלען. אויך די מחשבה װעגן דאַרקען. ער האָט געקוקט אויף איר מיט איין אויג. ער האָט געזען די דינע קנייטשן אויף איר פּנים, די רויטלעכע שטרייפן אויף איר האַלדז, דעם כוח אין אירע פיס.

דאַרקע האָט אַ פּיר געטאָן איר װאַרעמע האַנט איבער זיין קני.

— מ׳דאַרף היינט שעכטן דעם ביק, — האָט זי נאָך אַ מאָל געזאָגט.

נח האָט אויסגעדרייט ס׳פּנים און געקוקט אויפן אַלטן ביק אינעם אָפּגעצוימטן הייפל. דער ביק, זאַט מיט יאָרן, איז געלעגן אויפן בויך. מיט איין אויג האָט ער געקוקט אין איין זייט און מיטן צװייטן אויג אין דער אַנדערער זייט. ער האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ, קוים אַ שמיץ געטאָן מיטן װיידל און אים פאַרנומען אַרום זיין ברייטן הינטן. זיין קאָפּ איז געװען נאָענט צו דער ערד און ער האָט געבלאָזן מיט די נאָזלעכער. זעמדעלעך און שטרויען זענען זיך צעפלויגן און איבערגעלאָזן אַ ריינעם פלעק ערד. װען ער איז יונג געװען האָט מען געבראַכט צו אים אַלע מאָל אַ קו. איצט איז ער געלעגן פאַרגליװערט און בלויז זיינע אויערן הינטער די הערנער

האָבן קוים אַ ציטער געטאָן. זייער פּאַמעלעך האָט ער אַ פּיר געטאָן זיין קאָפּ אין אַ האַלבן קרייז, זיך שווער אויפגעשטעלט און זיך אָפּגעשאָקלט. אויך זיינע גוידערס האָבן זיך לעבעדיק מיטגעשאָקלט. זיינע קורצע הערנער, אַריינגעשטעקט ווי פּלאָקנס, זענען געווען ביסטרע ווי זיין בליק. דער אַלטער ביק האָט זיך אויסגעדרייט, אַריינגעגאַנגען פּאַמעלעך אין שטעלכל און אַרויסגעקוקט דורכן פענצטערלאָך מיט איין אויג.

שפּעטער איז ער געלעגן אַ צוגעבונדענער ביי די הערנער צום שטאָם פון אַ באָקסערבוים און נח האָט זיך געפּאָרעט ביי זיינע געבונדענע פיס.

— שלאָג אים אין אויג אַריין, וועל איך פאַרציען די שטריק, — האָט נח געזאָגט צו אַ געהילף און יענער האָט געפאָלגט. פאַרקאָשערט אַ שטיק פון זאַק, וואָס האָט פאַרדעקט דאָס פּנים פון ביק, און מיט אַ האַרטע האַנט געפּאַטשט דעם ביק אין אויג אַריין. דער ביק האָט געפּינטלט מיט זיין פּעלענע וויע. באַלד האָט ער זיך אַ שליידער געטאָן, צעריסן די שטריק און געפּאָכעט מיט די באַפרייטע פיס.

נח איז אָפּגעשפּרונגען.

— שלאָג אים מיט אַ פלאָקן! — האָט ער געשריגן און דער געהילף האָט געפאָלגט. ער האָט אויסגעזוכט אַ פלאַטשיקן פלאָקן און געשלאָגן דעם ביק אין אויג אַריין. טונקל־רויטע טראָפּנס האָבן אַרויסגעזעצט דורך דער שוואַרצער פעל.

נח איז מער נישט געווען פאַרשלאָפן. דאָס געפיל פון נאַכט האָט זיך שוין געהאַט אָפּגעטאָן פון אים. האַלב־נאַקעט און פאַרשוויצט, האָט ער זיך געפּאָרעט אַרום אָקס פלינק און פאַכמעניש. ער האָט געצויגן די שטריק און גערעדט האַרבע רייד:

— שלאָג אים אין אויג אַריין, וועט ער פאַרגעסן אין טויט.

נאָר ס'האָט נישט געהאָלפן. מיט אַ מאָל איז דער ביק געשטאַנען צו־ריק אויף אַלע פיר, כאַטש דער קאָפּ און די פיס זענען געבליבן געבונדן. ס'קרענצל מענטשן אַרום האָט זיך צערוקט. אויך נח. אַ ווײַלע איז ער געשטאַנען און זיך איינגעהערט צו די רייד.

— דער ביק האָט אַן אויג — האָט ער געהערט אַ קול פון אַ קינד.

נח האָט אַראָפּגעקוקט און געזען לעבן זיך אַ ייִנגעלע די גרייס פון זיין

פּוס, האָט ער געקוקט אויפֿן יינגעלע און מיטביידע הענט פֿאַרשטעלט זיין פּנים, ווי צו פֿאַרטרייבן אַן אומאָנגענעמע דערמאָנונג. נאָך דעם האָט ער געזען דאָס אָפּגעדעקטע אויג פֿון ביק. דער גאַנצער קאָפּ איז געווען פֿאַרדעקט מיטן זאַק, חוץ דאָס אָרט וואָס דער געהילף האָט פֿאַרקאָשערט.

ס׳איז געווען אַ גרויס, קיילעכדיק אויג. ס׳האָט מער נישט געהאַט דעם ביסטרען בליק פֿון אַ ביק. עס האָט אויסגעזען ווי דאָס אויג פֿון אַ קו: ווייך, וואַרעם און קיילעכדיק. אַן אויג מיט אַ גרויסן שוואַרצאַפּל, גלאַנציק און פֿייכט. בלויז דאָס ווייסל איז געווען פֿאַרלאָפֿן מיט אַ בליצטראָפּן.

באַלד האָט זיך נח אַ ריר געטאָן. ער איז צוגעגאַנגען צום בוים, זיך געשטעלט ביי דער בלינדער זייט פֿון ביק, און מיט אַ מאַך פֿון דער האַנט אַראָפּגעשאַרט דאָס שטיק פֿאַרקאָשערטע זאַק און צוריק פֿאַרשטעלט דאָס אויג. נאָך דעם האָט ער זייער געשיקט און פֿאָרזיכטיק, ווי פֿאַר אים וואָלט זיך געפֿונען אַן איידעלע זאַך, פֿאַרוואָרפֿן שלייפֿן, זיי פֿאַרצויגן מיט איין ציִ, און דער ביק איז געבליבן ליגן מיטן ווייסן בויך אַרויף. שפּעטער האָט דער אויסגעשטרעקטער האַלדז פֿון ביק זיך צעעפֿנט רויט און שוואָמיק און דערמאָנט אין אַ צייטיקן אַרבוז, ווען מען צעשניידט אים אויף דער העלפֿט.

ס׳איז שוין געווען נאָך מיטאָג, ווען דאָרקע איז פֿאַרבייגעגאַנגען דאָס אָרט וווּ מען האָט דעם ביק געשאָכטן. זי האָט זיך אָפּגעשטעלט און גע־קוקט ווי נח האָט איינגעזאַמלט די שעכט־כלים און זיי איינגעפּאַקט אין אַ קעסטל.

— שוין? — האָט זי געפֿרעגט — און געשפּילט מיט אַ פֿינגער ביי איר גאָמבע.

נח איז צוגעגאַנגען צו איר, ווישנדיק די הענט אין די הויזן. די מחשבה פֿון פֿרימאָרגן האָט אים איצט וויי געטאָן. ער האָט עס אויך אין דאָרקען דערזען; בייסיק און גוט, אָבער זי האָט אים געלאָזן שטיין און איז אַוועק. נח האָט איר נאָכגעקוקט מיט איין אויג. הינטער אים איז געשטאַנען די ליידיקע תליה פֿון דריי שטאַנגען מיטן אייזערנעם האַקן אין מיטן. אינעם שאָטן פֿון באָקסערבוים איז געלעגן די פֿעל פֿונעם ביק — אַ קליין שוואַרץ פּעקעלע, איינגעלייגט פּירקאַנטיק, ווי אַן איידל טונקל געוואַנט.

דובין און זיין ברודער

דובין האָט געוואָלט איך זאָל זיך האַלטן לעבן אים אויף זיין ברודערס לוויה.

דער טראַקטאָר אויף קייטן האָט געשלעפּט די נידעריקע פּלאַטפאָרמע מיטן ארון איבערן בלאָטיקן וועג, און מיר זענען נאָכגעגאַנגען אַ ביסל אָפּגערוקט, כדי נישט צו ווערן באַשפּריצט. ס׳גערויש פון מאָטאָר איז געווען צו שטאַרק פאַר דעם מנין באַגלייטער, אָנגעטאָן אין הויכע גומענע שטיוול און איינגעהילטע אין צעיוירענע רעגן־מאַנטלען, האָט מען געמאַכט אַ סימן צום טראַקטאָריסט, ער זאָל נישט וואַרטן, נאָר פאָרן. דער טראַקטאָר האָט אַוועקגעפּאַטשט מיט רעש און מיט רויך צום בית־עולם און דעם רעשט וועג פון דער לוויה זענען מיר געגאַנגען אָן דעם ארון.

שפּעטער איז דובין געשטאַנען אין הויף לעבן חדר־האוכל און דער־ציילט, ווי אַזוי ס׳איז געשען. מען האָט דעם ברודער געפונען ליגן אויפן דיל, און אין שפּיטאָל האָבן די דאָקטוירים געזאָגט, אַז אַן אַלטער, פאַר־לאָזענער אולקוס האָט געפּלאַצט. זיי האָבן אים אָפּגעראַטעוועט אויף עטלעכע שעה און דעמאָלט האָט דער ברודער דערציילט, אַז אין מיטן ביינאַכט, ווען ער איז אַראָפּגעפאַלן פון בעט, האָט ער געקלאַפּט מיט די פויסטן אין דער הילצערנער וואַנט און געשריגן מען זאָל הערן, אָבער אין דרויסן האָט גערעגנט, די אַנדערע צימערן זענען געשטאַנען ליידיק און קיינער חוץ אים האָט שוין מער נישט געוווינט אין דער חרובער בודע, פאַררוקט אין אַ ווינקל פון הויף. דער ברודער האָט אויך געוואָלט פּלוימענ־סאָק און מען זאָל רופן אַן אַדוואָקאַט, וועט ער אָפּשרייבן ס׳פאַרמעגן אויף דובינס נאָמען. פאַר פּלוימענסאָק איז שוין געווען צו שפּעט און אויך קיין אַדוואָקאַט האָט מען נישט גערופן, ווייל קיינער אין דער משפּחה האָט מער

נישט געלעבט און סיי ווי איז דובין געווען דער איינציקער יורש. די גרייס פון דער ירושה האָט מען נאָך נישט געוווּסט, מחמת די צוויי וואַליזעס, וואָס דער ברודער האָט געבראַכט מיט זיך זענען נאָך געשטאַנען פאַרשלאָסן און די שליסלען זענען געהאַנגען אויפן ברודערס האַלדז. אויך דעם ברודער האָט דובין כמעט נישט געקאַנט. נישט געזען און נישט געהערט פון אים אַ סך יאָרן און ווען ער האָט דערהאַלטן דאָס בריוול, אַז דער ברודער קלייבט זיך צו קומען קיין ישראל, איז ער אַריין צו מיר אין צימער, איך זאָל פאַרטייטשן דעם ענגליש.

— אויך פון אויסטראַליע. דיין לאַנד — האָט דובין געזאָגט און געוויזן אַן אַלטע פאָטאָגראַפיע פון ברודער, נאָך פון די יינגלשע יאָרן.

כ׳האָב פאַרטייטשט דאָס בריוול און באַקוקט די פאָטאָגראַפיע. אַ בחור, הויך און דאַר, מיט פאַרזשמורעטע אויגן און די גאָמבע לאַנג און ליידיק, ווי אַ מדבר. דובין האָט געוואָלט וויסן, צי איך האָב אַ מאָל דאָרטן דעם ברודער געטראָפן. כ׳האָב אים דערציילט וועגן מיין ערשטער באַגעגעניש מיט אים אין דער אַרמיי, ווי אַזוי ער איז געשטאַנען אין קאַזאַרמע־הויף מיט אַ פאַרריסענער גאָמבע צום הימל און געשמייכלט צו דער זון מיט זיינע גרינע ציין; ווי מען האָט אים גערופן און ער האָט זיך געמאַכט נישט הערן, ביז אַן אָפיציר האָט אים אַריינגעשטופּט מיט זידלעריי און געמיינע נעמען אין קאַנצעלאַריע אַריין. ער איז אַרויסגעקומען פון דאָרט זייער אַ צופרידענער, וואָס גלייך פון אָנהייב איז אים געלונגען צו מאַכן אויפן קאָמאַנדיר אַ רושם פון אַ פאָלנעם גולם.

דובין האָט נישט געהאַט קיין געדולד פאַר דער מעשה. ער איז געווען שווער און צעוואָקסן און מיינע ווערטער זענען פאַרלוירן געגאַנגען אין די ליידיקע שטחים אויף זיין פּנים. דובין האָט געוואָלט הערן ממשות. האָב איך אים דערציילט, אַז דער ברודער איז פאַרבליבן אַן אַלטער בחור און אַז ער פאַרמאָגט זיין אייגנס אַ האַלבע גאַס מיט נידעריקע הייזער. דאָס האָט דובין אויסגעהערט און ער האָט אָנגעהויבן וואַרטן אויפן ברודער. ער האָט געפּועלט, מען זאָל אויסקאַלכן זיין דירה, זיך אָפּגעשטעלט נאָכקוקן די אויטאָבוסן אויפן שאָסיי און זיך געגרייט חתונה האָבן צום צווייטן מאָל.

מיט אַ טעקע אין דער האַנט, אין אַ ווייס העמד, האָט ער אָנגעהויבן פאָרן אין שטאָט אַריין זוכן אַ ווייב.

„פאַר וואָס נישט מיט וועמען אין ילון?", האָב איך פאַרגעלייגט, ווייל פרויען אין קיבוץ זענען געקומען אין זיין צימער פאַרברענגען און מיט איינער פון זיי, אַ געגטע נייטאָרין, האָט שוין אַ מאָל געהאַלטן ביי אַ חתונה, נאָר אין טאָג פון דער חופה האָט דובין חרטה באַקומען, זיך פאַרמאַכט אין זיין צימער און נישט געעפנט די טיר ביז אַלע זענען זיך צעגאַנגען. די נייטאָרין האָט דעמאָלט איינגענומען סם און מען האָט זי אָוועקגעשיקט זיך לערנען אויף אַ האַלב יאָר אין אַ קיבוצישן סעמינאַר. ווען זי איז צוריקגעקומען פון דאָרט האָט זי זיך איבערגעבעטן מיט דובינען, אָבער חתונה געהאַט האָבן זיי נישט.

דובין האָט אויף מיין פראַגע נישט געענטפערט. ער האָט אַריינגעהוסט טרוקענע הוסטלעך אין זיין פויסט אַריין, געבראַכט אַ פרוי פון שטאָט און פאַרהאַנגען זיינע פענצטער. די פרוי איז אין דרויסן נישט אַרויס און דובין איז צו דער אַרבעט נישט געגאַנגען. ער האָט זיך אָנגעקליבן גענוג שבתים, צו קאָנען אַרומגיין פראַנק־און־פריי אַ לאַנגע צייט. אין די שבת־דיקע בגדים און אין לאַפּטשעס האָט ער זיך אַדורכגעכאַפּט מיט די כלים צום חדר־האוכל און געטראָגן דאָס עסן אין שטוב אַריין. פאַרנאַכט, אויפן וועג צום חדר־האוכל, האָט ער זיך אַריינגעכאַפּט צו מיר אין צימער און געוואָלט וויסן, פאַר וואָס דער ברודער האָט אין דער אַרמיי זיך געמאַכט פאַר אַ גולם, און ווען ער האָט איינגעקויפט די הייזער. דובין האָט זיך אָוועקגעזעצט אויפן בעט, אָבער פאַר דעם האָט ער פאַררוקט דעם פאָר־האַנג, פאַרבייגייער זאָלן נישט אַריינקוקן. זיינע אייגענע פאַרהאַנגענע פענצטער זענען שוין געוואָרן אַ טעמע אין קיבוץ. דער שוסטער פון ילון האָט אַ פאַרנאַכט פריער מיך אָפּגעשטעלט און געוואָלט וויסן, וואָס איך ווייס וועגן דובינען. ער אַליין האָט געוווּסט וועגן בריוו פון אויסטראַליע, וואָס איך האָב פאַרטייטשט, און וועגן ברודערס פּלאַן צו ליקווידירן די געשעפטן, פאַרקויפן זיינע הייזער, ברענגען דאָס געלט קיין ישראל און ווערן אַ תושב. דעריבער איז דעם שוסטער איינגעפאַלן, אַז דער ברודער איז שוין געקומען צו פאָרן און ביידע זיצן זיי הינטער פאַרהאַנגענע פענצטער

און ציילן דאָס געלט. דער שוסטער האָט געליטן פון איינפאַלן און פאַנ־טאַזיעס און ער האָט מיר געזאָגט, אַז די גאַנצע מעשה מיט דער פּרעמדער פּרוי פון שטאָט, וואָס דובין זאָל האָבן אַראָפּגעבראַכט, איז נישט געשטויגן נישט געפלויגן, אָבער אַז מען פאַרקויפט אַ גאַס מיט הייזער איז דאָ וואָס צו ציילן.

כ׳האָב דובינען דערציילט וועגן ברודער און ווי אַזוי ער האָט תמיד זיך אַרומגעטראָגן מיט פאָרטלען אין קאָפּ צו ווערן רייך. די ערשטע טעג אין דער אַרמיי האָט ער געביטן אויסטראַלישע פּעניס אויף ענגלישע און צוגעצאָלט, כאָטש ביידע האָבן געהאַט דעם זעלבן ווערט. דער קאָמאַנדיר האָט זיך דערוווּסט וועגן דעם געשעפט און גערופן דעם ברודער אויף אַ פאַרהער. פון דער אויספאָרשונג איז ער צוריקגעקומען אין אַ פריילעכער שטימונג, אַריין אין געצעלט, אויסגערופן „שוין, שוין״, און אויסגעשאָטן אויפן בעט דאָס זעקל מיט די אויפגעקויפטע מטבעות. ער האָט אונדז דעמאָלט געוויזן, אַז די ענגלישע פּעני איז שווערער אין וואָג ווי די אויסטראַלישע פּעני, אַז דער קופּער אין רויער פאָרעם איז מער ווערט ווי די מטבע גופא און אַז פון איצט אָן וועט ער קאָנען האַנדלען אומ־געשטערט, ווייל ביים קאָמאַנדיר איז פאַרבליבן דער רושם, אַז דער גאַנצער האַנדל נעמט זיך פון טיפּשות. אָבער גלייך אויף צו מאָרגנס האָט דער ברודער צוריק אויסגעביטן די מטבעות אויף פּאַפּירגעלט און אויפגעהערט מיט דעם צו האַנדלען. אַרויסגעוויזן האָט זיך, אַז ער האָט דעם גאַנצן מסחר געמאַכט צוליב אַ נסיון, אַ פּרוּוו, צי עס וואָלט אים געלונגען רייך צו ווערן, ווען ער וואָלט נאָר געוואָלט.

דובין האָט זיך אויפגעהויבן פון בעט און געוואָלט וויסן, צי דער ברודער האָט נאָך דער אויספאָרשונג טאַקע געשריגן „שוין, שוין״. אויך דובינס קול איז געווען אַזוי ווי זיין ברודערס און ער האָט דעם „שוין״ אַרויסגעזאָגט אַזוי ווי יענער, ווען ער האָט זיך אַריינגעקאָלערט פון רעגן און פון פינצטערן דרויסן אין געצעלט אַריין און געשריגן „שוין, שוין״. דובין האָט פּאַמעלעך אַ פיר געטאָן אַ האַנט איבער די ליידיקע שטחים פון זיין פּנים און מיר דערציילט, אַז ווען זיין ברודער איז נאָך געווען אַ

יינגל האָט ער אַ מאָל אונטערגעצונדן מיט די שבת־ליכט דעם פאָרהאַנג אין שטוב און געשריגן „שוין, שוין".

דובין האָט אַ נעם געטאָן די כלים צו גיין אין חדר־האוכל, אָבער דורכן פענצטער האָט מען גערופן זיין נאָמען און באַלד איז זאָסיע, דעם שוסטערס ווייב, אַריינגעקומען און געזאָגט, אַז זי וועט ברענגען דובינען דאָס עסן. דובין האָט איר געהייסן ברענגען צוויי פּאָרציעס. אַ מאָל איז זאָסיע געווען אַ גימנאַזיסטין און דובין איז אין ביאַליסטאָק געווען אַ קצב פון טרייף פלייש, דערפאַר האָבן זיי גערעדט צווישן זיך אויף פויליש. איידער זאָסיע איז געוואָרן דעם שוסטערס ווייב איז זי געווען דובינס חברטע און אָנהייב האָט מען זי נישט געוואָלט צונעמען אין קיבוץ אַריין און מען האָט אויף אַן אַסיפה באַשלאָסן זי זאָל פאַרלאָזן ילון. האָט דעמאָלט דובין צוגערעדט דעם שוסטער, ער זאָל מיט איר חתונה האָבן און די חתונה האָט מבטל געמאַכט דעם באַשלוס פון דער אַסיפה. אָבער אויך נאָך דער חתונה איז זאָסיע געבליבן וווינען אין איר צימער באַזונדער, און איר מאַן באַזונדער, ווייל ער האָט געטענהט, אַז צו וווינען צוזאַמען מיט אַ ווייב אין איין דירה איז צו ענג פאַר אים. דער שוסטער האָט געוואָלט, אַז זאָסיע זאָל זיך אונטערקוקן און אים זאָגן, וואָס זי זעט דאָרט ביי דובי־נען, ווען זי ברענגט אים דאָס עסן, אָבער נאָך אַ וואָך צייט האָט ער אַליין אַלץ געזען.

ער האָט שפּאַצירט מיט זיין מיידעלע אויף אַ ראָוועראָל פון דריי רעדלעך. דאָס מיידעלע האָט געליטן פון אַ האַרצפעלער און ער האָט אונטערגעשטופּט דאָס ראָווערל פון הינטן מיט אַ לייסט. ווען ער איז צוגעקומען צו דובינס באַלקאָן און ער האָט אויפגעהויבן די לייסט, אַראָפּ־צוציען דאָס שטריקל מיטן צוקערל, וואָס דובין פלעגט צוגרייטן פאַרן מיידעלע, האָט ער געזען הענגען אויפן באַלקאָן, פאַרצויגן אויף אַ שטריק פון עק צו עק, ווייבערשע אונטערוועש. מיט דער אויפגעהויבענער לייסט איז דער שוסטער אָפּגעגאַנגען עטלעכע טריט הינטערוויילעכץ. ער האָט געציילט די שטיקלעך וועש און לויט די קאָלירן געוווּסט, אַז זי איז נישט פון הי.

— זי וועט זיך דאָ נישט האַלטן — האָט ער געזאָגט מיט אַ שאָקל

פון קאָפּ און ער האָט זיך אַרומגעקוקט, צו זען אויב ער איז נישט אַליין.

פרידאַ סיני, די הויפּטקעכין, האָט אויך געזען די וועש: זייד און ניילאָן, שוואַרץ און גרין, און אַ נאַכטהעמד פון אַ דורכזיכטיקן קאָליר.

— זי וועט זיך דאָ נישט האַלטן — האָט זי געענטפערט. אַ רעשטל פון אַן אויסגעלאָשן פּאַפּיראָסל מיט א קעפּעלע אַש האָט געשטעקט צווישן אירע ליפּן. באַלד האָט זי אויסגעשטרעקט אַ שטראָפנדיקן פינגער אויפן שוסטער און געזאָגט:

— דיין חבר! און זאָסיע דיין ווייב ברענגט אים עסן אין שטוב אַריין.

אַ פאַרנאַכט שפּעטער זענען שוין דובינס פענצטער געווען אין גאַנצן צעעפנט און דובין גופא איז געזעסן אויפן באַלקאָן, מיט די אָרעמס צעשפּרייט איבערן פאַרענטש, און אַריינגעקוקט דורך דער אָפענער טיר אין זיין אייגענעם אויסגעליידיקטן צימער. נאָך דעם האָט ער צוגעבונדן אַ צוקערל צו אַ שטריקל און עס אַראָפּגעלאָזט פּאַמעלעך אין די אויסגע־שטרעקטע הענטלעך פון דעם שוסטערס מיידעלע.

— ווו איז זי? — האָט דער שוסטער אַרויפגעפרעגט מיט סוד.

דובין האָט נישט געענטפערט. ער האָט אַריינגעהוסט עטלעכע טרוקענע הוסטלעך אין זיין פויסט אַריין, נאָך דעם געעפנט די האַנט און זיי אַראָפּגעלאָזט פון באַלקאָן אַראָפּ. אַליין האָט דובין אויפגעהערט פאָרן אין שטאָט אַריין זוכן אַ ווייב און אויך וועגן ברודער האָט ער אויפגעהערט צו רעדן. אָבער פון מאָל צו מאָל, ביים באַגעגענען זיך, פלעגט ער אַ שאָקל טאָן מיט אַ האַנט אָדער אַ הייב טאָן מיט אַן אַקסל אָדער טאָן אַן איבעריקן ווונק, איך זאָל וויסן, אַז דאָס וויל ער מיר זאָגן עפּעס, וואָס האָט אַ שייכות צום ברודער, אַז עס איז אים איינגעפאַלן אַ געדאַנק, אַז ער האָט זיך אין עפּעס דערמאָנט, נאָר ס'איז מער נישט כדאי, ווייל ער האָט מבטל געמאַכט דעם ענין און ער האַלט נישט פאַר נייטיק צו זאָגן. איך האָב אים אָפּגע־ענטפערט מיט ענלעכע סימנים און אויך נישט געפונען די פאַסיקע שעה צו דערציילן אים וועגן דעם ברודערס צוואה, וואָס ער האָט פאַר מיין אַוועקפאָרן פון אויסטראַליע געלאָזן אָפּשרייבן ביי אַן אַדוואָקאַט, אַז מען זאָל אים קרעמירן נאָכן טויט, שיקן דאָס אַש קיין ישראל און איך זאָל עס דאָ אָפּנעמען. די זאַך איז אים נישט אָנגעקומען אַזוי לייכט, ווייל ער

האָט געוואָלט ס'זאָל געטאָן ווערן לויטן יידישן דין און די רבנים האָבן זיך פון דעם אָפּגעזאָגט. אָבער דער ברודער האָט געקאָנט אַ פּרעזידענט פון אַ חברה־קדישא, וואָס איז דערויף איינגעגאַנגען. ער האָט אים געקאָנט נאָך פון די צייטן, ווען מיר זענען געווען אין דער אַרמיי, בעת אַ יידישער זעלנער איז דערטרונקען געוואָרן און דער חברה־קדישא־מאַן מיטן אַרמיי־טשעפליין זענען אַראָפּגעקומען אַדורכפירן די לוויה. ביז זיי זענען געקומען האָט דער ברודער זיך מטפל געווען מיטן מת. צוזאַמען מיט נאָך אַ פרומען זעלנער, אַ קליין שניידערל אין גלאַנציקע שטיוול, האָבן זיי געקויפט לייוונט, אויפגענייט תכריכים, איבערגענומען ס'איינציקע קריסטלעכע מתים־שטיבל אין שטעטל און געהייסן דעם אייגנטימער אַרויסנעמען פון דאָרט אַלע צלמים און איקאָנעס. דער ברודער האָט אויך געפּועלט ביים קאָמאַנדיר מען זאָל באַפרייען אַ מנין יידן פון דער אַרבעט, זיי זאָלן זאָגן תהלים און האַלטן וואַך. וואַכנדיק ביים מת שפּעט אין דער נאַכט האָב איך געהערט ווי דער ברודער האָט דערציילט דעם שניידערל, פאַר וואָס ער פאַרנעמט זיך מיט לוויות. ער האָט אים געזאָגט, אַז געוויינלעך איז ער אַ נערוועזער מענטש אין לעבן, אַלץ רעגט אים אויף, אָבער לוויות באַרויִקן אים. אויך קינאָ. ביידע. אין דרויסן האָט שוין אָנגעהויבן עטוואָס צו טאָגן, די ליכט האָבן געצאַנקט. אַלע מאָל איז אַ שטיקל אייז אַראָפּגעפאַלן פון מת טיפער אין קאַסטן אַריין, און אַצינד האָט דער שניידערל פאַרטרוילעך דער־ציילט דעם ברודער, פאַר וואָס ער טראָגט גלאַנציקע שטיוול און פאַר וואָס ער הייסט יאַנקל און ער רופט זיך דווקא טאָם.

„יעדער מענטש וואָס רעספּעקטירט זיך אַליין — האָט ער געזאָגט — טראָגט גלאַנציקע שטיוול", און צום נאָמען טאָם איז ער געקומען אויף אַ גאַנץ פּשוטן אופן. ער האָט פאַרבויגן דריי פינגער, נאָך דעם זיי אויסגע־גלייכט איינעם נאָכן אַנדערן און ביי יעדן פינגער אָנגערופן אַ נאָמען:

„יאַנקל" — אַ פינגער.

„דזשעק" — אַ פינגער.

און נאָך דעם „טאָם".

דער חברה־קדישא־מאַן, וואָס איז אַראָפּגעקומען דורכפירן די לוויה, איז אַריין אין מתים־שטיבל ווי אין אַ היימיש געשעפט, געדריקט די הענט

און צעטיילט וויזיט־קאַרטעס, אַז מען וועט דאַרפן, זאָל מען אים רופן. ער איז געווען דיק, קליין און אָנגעבלאָזן און אויך מיטן קריסטלעכן באַגרעבער האָט ער זיך היימישלעך באַגריסט. זיי האָבן זיך געטוישט מיט זייערע וויזיט־קאַרטעס און פאַרפירט אַ שמועס וועגן טויט, וועגן גאָט און וועגן וועטער. דערווייל האָט מיסטער זאַלבער געזען אַן אויסגעקריצטן צלם אויף אַ מאַרמאָרשטיין און אַ מלאכל מיט די פליגל פון הינטן האַלב־צעעפנט, האָט ער געהייסן מען זאָל עס פאַרדעקן. מען האָט אים געפאָלגט. איינגעהילט אין אַ שוואַרצן טוך איז דאָס מלאכל געוואָרן אַן אַלטיטשקע פרוי, געבויגן אין טרויער. מיטן ברודער און מיטן שניידערל האָט דער חברה־קדישא־מאַן זיך גאָר אַרומגעכאַפּט. אַרויסגעוויזן האָט זיך, אַז מיטן ברודער איז ער שיפסברודער, געקומען צוזאַמען קיין אויסטראַליע אויף איין שיף. און טאָמען האָט ער געקאַנט, ווייל ער איז אַליין אויך געווען אַ שניידער פון מענערשע הויזן. איצט צו דער לוויה איז ער געקומען צוזאַמען מיטן אַרמיי־טשעפּליין און ער האָט אויך געבראַכט אַ פאָטאָגראַפיסט צו מאַכן פאָטאָגראַפיעס. די לוויה־פאָטאָגראַפיעס האָט ער אויפגעהאָנגען אין זיין שניידער־פאַבריק. יאָרן שפּעטער, נאָך דער מלחמה, ווען דער ברודער האָט מיך גענומען צו מיסטער זאַלבער, זיין אַן עדות און אונטערשרייבן, אַז איך וועל אָפּנעמען דאָס אַש אין ישראל, האָב איך דאָרט געזען די פאָטאָגראַפיעס אויף די ווענט. איין פאָטאָגראַפיע — ער מיטן טשעפּליין אויף דער לוויה פון יידישן זעלנער, אַ צווייטע — ער מיטן הויפּט־רב אויף דער לוויה פון טשעפּליין, אַ דריטע — ער מיט אַ מיניסטער אויף דער לוויה פון הויפּט־רב.

אויך טאָם דער שניידער איז דאָרט געווען אַלס צווייטער עדות און כאָטש צווישן ברודער און מיסטער זאַלבער איז שוין געווען אַלץ אָפּגעמאַכט, האָט דער חברה־קדישא־מאַן איבערגעחזרט פאַר אונדז זייער זאַכלעך, וואָס מ׳עז וועט דאַרפן טאָן. אַז פריער וועט מען דאַרפן מאַכן אַ לוויה לויטן יידישן דין און נאָך דעם אויסגראָבן דעם גוף און אים פאַרברענען און דאָס וועט אַריינטרייבן אין עקסטרע קאָסטן. אַז דאָס פאַרברענען אַליין וועט אויסמאַכן אַ פינף פונט.

— טייער, — האָט דער ברודער געזאָגט.

מיסטער זאַלבער האָט מיט אַ שטיקל קרייד געצייכנט אַ חשבון אויף אַ

פּאַפּירענער הויזן־פֿאַרמע און דער ברודער האָט געוואָלט וויסן, וויפֿל בכלל עס דאַרף קאָסטן שיקן אַ קאַסטן אַש קיין ישׂראל.

— אַ קאַסטן ? אַ קעסטל, — האָט מיסטער זאַלבער געזאָגט.

— ווי גרויס ? — האָט דער ברודער געפֿרעגט.

דער חברה־קדישא־מאַן האָט מיט בײדע הענט געמאַכט אַ שמאָל קאַרי־דאָרל. דער ברודער האָט אים נאָכגעטאָן, אָבער ער האָט געהאַלטן די הענט אַ ביסל ברייטער.

— שמעלער, שמעלער — האָט מיסטער זאַלבער געזאָגט און צוגע־גאַנגען צום ברודער און געוואַרט ביז זייערע הענט וועלן זיך אָנטרעפֿן.

— אָט אַזוי — האָט ער געזאָגט, ווען זייערע הענט האָבן זיך אָנגע־טראָפֿן, אָבער דעמאָלט האָט דער ברודער ראַפּטעם צעפּאַכעט זיינע הענט און זיך אויפֿגעשטעלט. ער האָט זיך אויסגעצויגן נאָך העכער פֿאַר זיין געוויינלעכער הייך און געזאָגט מיט ביטול, אַז פֿאַר טאָם דעם שניידערל וועט געננג זיין אַ קליין קעסטעלע, אָבער נישט פֿאַר אים. נאָך דעם, אין דרויסן, האָט ער אַרויסגעצויגן פֿון קעשענע אַ קוויטל און אונדז געוויזן, אַז ער האָט שוין געמאַכט אַ קאָנטראַקט מיט אַן אַנדער פֿירמע, וואָס וועט אים קרעמירן פֿאַר איין פֿונט ווייניקער. דער ברודער איז געווען אין כּעס אויף מיסטער זאַלבער און ער האָט דערציילט, אַז אויף דער שיף קיין אויסטראַליע איז יענער געפֿאָרן צוזאַמען מיט זיין ווייב, אָבער אָנגעגעבן האָט ער, אַז ער איז איר מינדעריעריק ברודערל, געטראָגן קורצע הייזלעך און געפֿאָרן אויף אַ האַלבן בילעט. אָבער מען האָט זיי געכאַפּט זיין צוזאַמען און ער האָט נאָך דעם באַצאָלט די אַנדערע העלפֿט פֿון בילעט.

ווינטער, צווישן איין רעגן און צווייטן איז דער ברודער געקומען קיין ילון. דער שוסטער האָט אים געזען אויפֿן שאָסיי און ער האָט אים אַרויפֿ־געפֿירט צו דובינען אין צימער אַריין. אָבער דובין איז דאָרט נישט געווען און דער שוסטער איז אים געגאַנגען זוכן. ער האָט אים געפֿונען ביי זיין אייגן ווייב טרינקען קאַווע. ווען דובין איז אַריינגעקומען אין זיין צימער, האָט ער געזען זיין ברודער דרעמלען אויף דער ליגשטול, די פֿיס אויסגע־צויגן און דאָס פּנים פֿאַרדעקט מיט זיין שוואַרצן דורבי־קאַפּעליוש. בלויז

די גאָמבע האָט זיך אָנגעזען. ער האָט אַ נעם געטאָן דעם ברודערס צוויי וואַליזעס און געגאַנגען מיט זיי אויף די שפּיץ פינגער צום ווינקל, ווו דער אַלמער איז געשטאַנען.

— ריר נישט די וואַליזעס — האָט דער ברודער געשטאַמלט.

דובין האָט זיך צוריקגעקערט און זיי האָבן זיך ביידע אַרומגענומען אָן אַ וואָרט. נאָך דעם האָט ער אים צוגעפירט צום בעט, ער זאָל זיך לייגן שלאָפן. דער ברודער האָט פאַררוקט דעם פאָרהאַנג, וואָס האָט אָפּגעטיילט דאָס בעט פון דעם אַנדערן טייל צימער און זיך אָנגעהויבן אויסטאָן.

— עפּעס עסן? — האָט דובין געפרעגט.

נישט באַקומענדיק קיין ענטפער האָט ער אַ ביסל אונטערגעוואַרט, נאָך דעם האָט ער אויסגעלאָשן דאָס ליכט, אַרויס פון שטוב און אַריין צו מיר אין צימער.

— ער איז קראַנק און ער שטאַמלט — האָט ער געזאָגט.

די ערשטע טעג איז דער ברודער נישט אַרויס אין דרויסן און דובין האָט אים געבראַכט דאָס עסן פון חדר־האוכל. דובין האָט אויך געוואָלט איך זאָל אַרויפקומען זען זיין גאַסט, ווייל ער האָט אים דערציילט וועגן מיר. האָב איך אים דערציילט וועגן דער צוואה. האָט דובין מיר געזאָגט, אַז אויך איצט רעדט דער ברודער אַ סך וועגן טויט. ער קוקט אַרויס דורכן פענצטער אויפן נאַסן דרויסן און זאָגט, אַז מענטשן שטאַרבן אין ווינטער. מען קילט זיך צו און מען שטאַרבט. נאָך גוט וואָס דער שוסטער איז שוין געוועזן ביי אים, זיי זענען זיך גלייך געפעלן געוואָרן און זיי שפּילן אין קאָרטן. איך האָב פאַרגעלייגט דובינען, אַז צוריקוועגס פון חדר־האוכל זאָל ער מיך רופן, וועל איך אַרויפגיין מיט אים צוזאַמען, נאָר דובין האָט געוואָלט איך זאָל קומען אין אָוונט, ווייל דער ברודער האָט נישט ליב געהאַט צו עסן אין געזעלשאַפט. אָבער צוריקוועגס האָט דובין מיך יאָ אַרויסגערופן און אָנגע־וויזן אויף זיין באַלקאָן, ווו פאַרצויגן אויף אַ שטריק האָט זיך געוויגט אויפן ווינט מענערשע אונטערוועש: ווינטער־גאַטקעס, אַ לייבל מיט די אַרבל אַראָפּ־צו און אויך זאָקן.

— מיין ברודערס וועש — האָט דובין געזאָגט.

אין דער פרי האָט ער געמאַכט פון דעם אַ פּעקל, אַוועקצוטראָגן עס

אין דער וועשעריי, האָט דער ברודער נישט געלאָזט, ער איז נישט געווען זיכער צי עס וועט צוריקקומען.

— פאַר וואָס זאָל מען נישט זיין זיכער? — האָט ער אים געפרעגט.

— מען קאָן נישט וויסן — האָט אים יענער געענטפערט.

דעמאָלט האָט אים דובין דערציילט, אַז ילון איז אַ קיבוץ, אַז מען לעבט דאָ צוזאַמען און מען געטרויט זיך איינער דעם אַנדערן. האָט אים דער ברודער געזאָגט, אַז ער געטרויט נישט קיינעם אויף דער וועלט. אַז מענטשן זענען ליגנערס און נאַרן אָפּ.

— אַלע מענטשן? — האָט דובין געפרעגט.

— פינף און אַכציק פּראָצענט.

— פון וואַנען וויס מען?

— פון אַ זיכערער קוועלע. סטאַטיסטיק. — האָט דער ברודער געזאָגט.

— אָבער אין קיבוץ לעבן דאָך מענטשן ווי זיי וואָלטן געווען איין משפחה — האָט דובין גערעדט צו אים.

— נאָך ערגער, — האָט דער ברודער געענטפערט און אַריינגעלייגט ס׳וועש אין דער וואַליזע אַריין. ווען דובין האָט געוואָלט וויסן ווי אַזוי ער וועט עס וואַשן, האָט ער אים געזאָגט, אַז ער וועט שוין עפּעס אויסטראַכטן און ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף דער ליגשטול, אויסגעצויגן די פיס און אַראָפּגעצויגן דעם קאַפּעליוש איבערן פּנים.

אַ שטאַרקער ווינט האָט געריסן די וועש פון שטריק.

„ער וועט זיך דאָ נישט האַלטן״, האָט דובין גערעדט צו זיך, פאַרנומען די פאָלעס פון זיין לאַנגן מאַנטל זיי זאָלן נישט פּאַכען אין ווינט און אַ ביסל געבויגן איז ער געגאַנגען צו זיך אַהיים.

אין אָוונט, ווען איך בין געגאַנגען צו דובינען, האָט גערעגנט. פאַר זיין טיר האָב איך אויסגעטאָן די שטיוול. נאָך שטיוול זענען שוין דאָרטן געשטאַנען. כ׳האָב געהערט דובינען רעדן און כ׳האָב אונטערגעוואַרט, צו הערן דעם ברודערס קול. איך האָב געהערט אַנדערע שטימען. זאָסיע איז שוין דאָרטן געווען, אויך דער שוסטער און איטע, די געגטע נייטאָרין, מיט וועמען דובין האָט אין טאָג פון דער חופּה נישט חתונה געהאַט. איך האָב געהערט ווי זי פרעגט זיך אויף וועמען אין אויסטראַליע.

— לעבט — האָב איך געהערט דעם ברודערס ענטפער.

איטע האָט אָנגערופן נאָך אַ נאָמען.

— לעבט — האָט ער ווידער געענטפערט.

איך האָב אָנגעטאָן די שטעקשיך און געעפנט די טיר. דובין און זאָסיע זענען געזעסן ביים טיש. איטע, אויף דער ליגשטול, דער שוסטער און דער ברודער האָבן געשפּילט אין קאָרטן לעבן פענצטער. דער טיש איז געווען געגרייט מיט לעקעך, מיט וויין און מיט ווינטער־פּירות.

איטע האָט זיך געפרעגט אויף נאָך עמעצן אין אויסטראַליע.

— לעבט אויך — האָט דער ברודער געענטפערט און אַוועקגעלייגט אַ קאָרט אויפן טיש. ער האָט זיך עטוואָס אונטערגעהויבן און געשאָקלט מיין האַנט. דורך די יאָרן איז ער געוואָרן דיקער און זיין פּנים, אַרומבאַוואַקסן מ׳יט מער פּנים, אָבער אין צענטער האָט געשטעקט דער ברודער, וואָס איך האָב געדענקט פון די זעלנערשע צייטן, ווען מיר האָבן זיך געטראָפן צום ערשטן מאָל אין זעלנערשן לאַגער, ווו ער איז געשטאַנען מיט אַ פאַרריסענער גאָמבע צום הימל און געשמייכלט מיט זיינע גרינע ציין צו דער זון. ווי נאָר מיר האָבן דעמאָלט אָפּגעלייגט די זאַכן אין געצעלט איז ער גלייך אַוועק אין שטעטל אַריין און אָפּגעדונגען ליידיקע צימערן. זעלנער האָבן נאָך דעם אַראָפּגעבראַכט זייערע כלות און מיידלעך און זיי זענען געקומען צום ברודער, ער זאָל זיי פאַרדינגען חדרים.

דובין האָט טועם געווען אַ טראָפּן וויין און געוואָלט, אַז דער ברודער און איך זאָלן עפּעס א רעד טאָן צווישן זיך. איך האָב אָפּגעלאָזט דעם ברודערס האַנט און זיך נאָכגעפרעגט אויף טאָם דעם שניידער.

— געשטאָרבן — האָט ער געענטפערט און אַרויסגעלייגט אַ קאָרט אויפן טיש.

קיין סך שותפותדיקע באַקאַנטע האָבן מיר נישט געהאַט. אין דער אַרמיי האָבן מיר זיך יאָ געהאַלטן צוזאַמען, אָבער נאָך דער מלחמה האָבן מיר זיך נישט געטראָפן. איך בין געווען אַן אָנגעשטעלטער אין אַ יידישער ביבליאָטעק און ער האָט געוווינט צווישן גריכן און איטאַליענער. אַ מאָל פלעגט ער יאָ אַריינקומען אין דער ביבליאָטעק און אַ מיש טאָן אַ צייטונג. איין מאָל האָט ער געוואָלט וויסן, וואָס עס קומט פאַר אין גרעסערן זאַל.

ווען איך האָב אים געזאָגט, אַז מען רעדט דאָרט וועגן שלום־עליכם, האָט ער מיר געזאָגט, אַז שלום־עליכם איז געווען אַ גרויסער שרייבער און אַז אַ מאָל, ווען ער איז נאָך געווען אַ יינגל, האָט ער אין ביאַליסטאָק געהערט רעדן וועגן שלום־עליכמס אַ בוך, דער בלוטיקער שפּאָס. ער אַליין האָט עס נאָך נישט געלייענט, אָבער ער וועט זיך אַ מאָל אַ נעם טאָן אין די הענט אַריין און דורכשטודירן דאָס בוך דורך און דורך. פאַר מיין פאָרן קיין ישראל האָט ער געקלונגען איך זאָל אים קומען זען. ער האָט געוווינט אין אַן אָרעמער געגנט פון דער שטאָט און ווען איך בין געקומען צו אים, האָט מיר געעפנט די טיר אַ פרוי מיט געלע האָר. איר גאַנץ פּנים איז געווען באַדעקט מיט קלייען, אויך די אויערן און די ליפּן, און אירע גאָר בלויע אויגן האָבן נישט פייכט געמאַכט די טריקעניש אויף איר פּנים.

זי האָט שוין געוווּסט נאָך וואָס ער האָט מיך גערופן און זי האָט אַריינגעשריגן אויף ענגליש אינעם שמאָלן טונקעלן קאָרידאָר:

— Its about your ashes!

זי האָט אונטערגעוואַרט און איבערגעחזרט:

— Its the Man about your ashes!

און נאָך דעם האָט זי מיך געפירט איבערן לענגערן קאָרידאָר, פאַרביי פאַרמאַכטע טירן, אַ שפּיגל מיט הענגערס ביי די זייטן, אַן אַלטער זייגער מיט אַן אומרו. דובין איז געלעגן אין אַ קליין צימערל אויף אַ טאַפּטשאַן. ער האָט זיך אויפגעזעצט און שאָקלענדיק מיין האַנט געזאָגט איר נאָמען: „גלענדאַ, נישט קיין יידישע״. גלענדאַ האָט געשמייכלט און מיר געזאָגט, אַז דעם פּלאַן וועגן זיין אַש קאָן זי שוין פון אויסנווייניק און אַז זי אַליין זאַמלט אויך געלט אויף צו מאַכן אַ מאָל אַ רייזע אין הייליקן לאַנד. דעם זעלבן טאָג זענען מיר געגאַנגען צו מיסטער זאַלבער דעם חברה־קדישא־מאַן, ווו טאָם דער שניידער האָט שוין געהאַט געוואַרט אויף אונדז.

— און מיסטער זאַלבער, וואָס מאַכט ער? — האָב איך געפרעגט.

— אויך געשטאָרבן, — האָט דער ברודער געענטפערט און אַרויסגעלייגט נאָך אַ קאָרט אויפן טיש.

איך האָב מער נישט געפרעגט. זאָסיע האָט געטיילט קאַווע מיט לעקעך. פון מאָל צו מאָל האָט דער ברודער אַוועקגעשאַרט דאָס פאַרהאַנגל פון

פענצטער און אַרויסגעקוקט אין נאַכטיקן דרויסן, ווו ס'האָט שטאַרק גערעגנט. איטע האָט געוואָלט וויסן פאַר וואָס דער ברודער קוקט אַלע מאָל אין דרויסן אַרויס און דובין האָט דערקלערט, אַז דער ברודער איז פון תמיד אָן געווען אַ נייגעריקע נאַטור און ער האָט דערציילט אַ מעשה ווי אַזוי דער ברודער האָט אַ מאָל מיט די שבת־ליכט אונטערגעצונדן אין שטוב דעם פאָרהאַנג. ער האָט געוואָלט וויסן צי דער פאָרהאַנג וועט ברענען און צי מען וועט אים פאַרלעשן אום שבת. מען האָט אים דעמאָלט געשלאָגן מכות־רצח. ווען דובין האָט אויפגעהערט רעדן האָט דער ברודער זיך אויפגעשטעלט און געלאַכט. ס'איז שוין מער נישט געווען דאָס געלעכטער אין די קאַזאַרמעס. איצט האָבן געפעלט זיינע גרינע ציין. אין זיין טונקל מויל האָבן געשטעקט אַ דריי־פיר רויִנען, איינזאַמע חורבות, געבויגן און פאַרפוילט.

ווען ס'האָט אויפגעהערט צו רעגענען איז דער ברודער אַרויסגעפאָרן מיטן שוסטער אויף אַ שפּאַציר און ווען זיי זענען צוריקגעקומען האָט ער געזאָגט דובינען, אַז ער וועט דאָ האַנדלען מיט גאָלד און מיט לאַנד. אָבער פון זאָסיען האָט דובין זיך דערוווּסט, אַז זיי האָבן קוים געגעסן צו דער זעט אין די צוויי טעג, וואָס זיי זענען געווען אַוועק פון דער היים, און אַז געגעכטיקט האָבן זיי ביי איר מאַנס אַ קרוב. זיי האָבן ווייטער געשפּילט אין קאָרטן און דער ברודער איז אַוועק וווינען מיטן שוסטער. ווען דובין איז אַהיימגעקומען פון דער אַרבעט און געפונען דאָס צעטל, וואָס זיי האָבן איבערגעלאָזט איז ער אַוועק צום שוסטער, אָבער נישט געפונען דאָרט קיין שפּור פון דעם ברודערס זאַכן. איז ער אַוועק צו זאָסיען און איר וועגן דעם דערציילט. זאָסיע האָט נישט געגלייבט, אַז איר מאַן וועט טאָן אַזאַ זאַך, האָט ער דאָך נישט געוואָלט וווינען צוזאַמען מיט איר צוליב ענגשאַפט. ערשט אין אָוונט, אין חדר־האוכל, האָט דובין געטראָפן דעם שוסטער נעמען עסן פאַרן ברודער און יענער האָט אים דערציילט, אַז זיין כוונה איז געווען אָפּגעבן זיין דירה דעם ברודער און אַליין וועט ער גיין וווינען צוזאַמען מיט זאָסיען, צוליב דער טאָכטער, וואָס האָט שוין אָנגעהויבן אונטערוואַקסן און פאַרשטיין. אויפן וועג אָבער האָט דער ברודער חרטה באַקומען און געזאָגט, אַז ער וויל וווינען אין דער חרובער בודע אינעם

ווינקל פון הויף, דאָרט ווו די ערשטע חלוצים האָבן אַ מאָל געוווינט. ער האָט אויך געוואָלט שפּירן דעם טעם פון זיין אַ חלוץ. דובין איז אַוועק צו דער חורבה. דער ברודער איז דאָרט געזעסן אויפן אייזערנעם בעטל, דער קאַפּעליוש איבערן פּנים, און ער האָט געוואָרעמט לעבן אַ נאַפט־אייוועלע זיינע אויסגעצויגענע פיס.

— האָסט געבראַכט ווייסן קעז? — האָט ער געפרעגט ווען דובין איז אַריינגעקומען — און ער האָט נישט אַראָפּגענומען דעם קאַפּעליוש פון פּנים. דובין האָט אַריינגעהוסט עטלעכע טרוקענע הוסטלעך אין זיין פויסט אַריין. דער ברודער האָט אַ צי געטאָן זיינע אויסגעצויגענע פיס צו זיך.

— ווער האָט דאָס אַלץ געבראַכט? — האָט דובין געפרעגט, אָנווייזנדיק אויפן אייוועלע, אויפן בעטגעוואַנט, אויפן טשייניק.

דער ברודער האָט אַריינגעלאַכט אין זיין קאַפּעליוש. ער האָט אָפּגעדעקט דאָס פּנים און געזאָגט, אַז דער שוסטער האָט אים געוואָלט באַשווינדלען: אים אָפּגעבן זיין דירה אויף צו וווינען און נאָך דעם וועט ער מאָנען דירה־געלט.

— דירה־געלט? — האָט זיך דובין געחידושט.

— וואָס דען? בחינם?

דובין האָט אים געזאָגט, אַז אין קיבוץ נעמט מען נישט קיין דירה־געלט, אַז מען לעבט דאָ אין שותפות, אַזוי ווי אין קאָמוניזם, און אַז ער האָט מסתמא וועגן דעם געהערט. אויף דעם האָט אים דער ברודער געזאָגט, אַז ער האָט באַקוקט דעם קיבוץ און אַז עס האָט אים אַ ביסל דערמאָנט אין די קאַזאַרמעס אין אויסטראַליע. דעמאָלט איז דער שוסטער אָנגעקומען מיטן עסן און דובין האָט זיי איבערגעלאָזט, געקומען אין חדר־האוכל, ווו מיר האָבן צוזאַמען מיט זאָסיען געגעסן אָוונטברויט.

— וואָס פאַר אַ ברודער האָב איך? — האָט דובין געפרעגט.

— אַ ברודער, אַן עושר. אַ צוויי הונדערט טויזנט — האָט זאָסיע געענטפערט.

— מען האָט שוין איבערגעציילט? — האָט ער געפרעגט.

— מיין מאַן — האָט זאָסיע געזאָגט.

איר מאַן האָט איר דערציילט, אַז דער ברודער האָט פאַרקויפט אַלע הייזער אין אויסטראַליע און געבראַכט אַהער מזומן געלט.

— און דאָ, וועט ער האַנדלען מיט לאַנד און מיט גאָלד. — האָט דובין געזאָגט.

— דערווייל האָט ער איינגעהאַנדלט אַ פּאָר אָפּגענוצטע זעלנערשע הויזן אויף זיין שפּאַציר מיט מיין מאַן — האָט זאָסיע געזאָגט.

— וואָס האָט דיין מאַן דערזען אין אים? — האָט דובין געפרעגט.

— געלט — האָט זאָסיע געענטפערט.

— ער האָט דאָך שוין זיין צוואה געמאַכט — האָט דובין געזאָגט.

אויך זאָסיע האָט שוין געוווּסט וועגן דעם, וועגן דעם חברה־קדישא־מאַן, וועגן דעם שניידער און וועגן גלענדאַ. האָב איך זיי אַצינד דערציילט, אַז ווען מיר זענען דעמאָלט צוריקגעקומען פון מיסטער זאַלבער, צוריק צום ברודער אין שטוב אַריין, האָט אונדז גלענדאַ געעפנט די טיר און געזאָגט, אַז זי איז אויך אָקערשט צוריקגעקומען פון אַ באַקאַנטן, וואָס האָט געאַרבעט אין דער זעלבער פירמע, מיט וועלכער דער ברודער האָט אונטער־געשריבן דעם קאָנטראַקט זיי זאָלן אים קרעמירן בלויז פאַר פיר פונט. דער באַקאַנטער האָט איר געזאָגט, אַז די פירמע מאַכט עס ביליקער, אָבער זיי זענען נישט ראַיעל. זיי מישן אויס דאָס אַש און מען קאָן נישט וויסן, וועמענס אַש וועט געשיקט ווערן אין הייליקן לאַנד.

— דערפאַר איז ער אַליין געקומען אַהער — האָט דובין געזאָגט.

מיר האָבן אַלע געלאַכט.

די זעלבע נאַכט האָט מען געפונען דעם ברודער ליגן אויפן דיל האַלב־טויט.

דובין איז געווען מיט אים די גאַנצע צייט אין שפּיטאָל. פאַרנאַכט צו, זיצנדיק לעבן בעטל, האָט ער באַקוקט דעם ברודערס פּנים און געזוכט אַן אָרט וווּ אַריינצוקומען. בלויז אין די אויגן האָט נאָך פון מאָל צו מאָל דורכגעוואַנדערט אַ שאָטן פון אַ תוהו־ובוהו־לעבן, האָט ער זיך צוגעבויגן גאָר נאָענט צו זיי און גערופן זיין נאָמען. נאָך דעם האָט ער אַראָפּגענומען פון ברודערס האַלדז די שליסלען צו די וואַליזעס.

צוזאַמען מיט זאָסיען און איטען איז געווען אַ מנין אויף דער לוויה.

דובין האָט אָפּגעמוטלט אַן אַלטן קדיש און מיטן זעלבן טראַקטאָר אויף קייטן איז מען צוריקגעפֿאָרן. אין אָוונט האָט דובין אויסגעטאָן די שטיוול און זיך געזעצט שבעה. די ליידיקע שטחים אויף זיין פּנים האָבן זיך אָנגעהויבן באַדעקן מיט באָרד. די וועלכע זענען געקומען אים מנחם אָבל זיין, האָט איטע מכבד געווען מיט טיי. זי האָט דערלאַנגט זאָסיען אַ גלאָז און געזאָגט, אַז דער ברודער האָט דערשפּירט אין זיך דעם מלאך־המוות און ער איז געקומען קיין ישראל שטאַרבן. און זי האָט געדענקט, אַז מיט אירס אַ פֿעטער איז געשען דאָס זעלבע. ער האָט דערשפּירט דעם טויט, איז ער אַוועק צום טייך און דערטרונקען געוואָרן. דער שוסטער האָט דערציילט, ווי אַזוי ער האָט געזען דעם ברודער אָנקומען קיין ילון. שפּאַצירנדיק מיט זיין מיידעלע האָט ער געזען ווי דער אויטאָ איז אָפּגעפֿאָרן און איבערגעלאָזט אַ מענטש מיט צוויי וואַליזעס אויפֿן טונקעלן, גליטשיקן שאָסיי. אינעם גרויען פֿאַרנאַכט, איינער אַליין, האָט ער אויסגעזען ווי אַן אונטערגעוואָרפֿענער אין דער וועלט. גאָר אַנדערש האָט דער שוסטער זיך פֿאָרגעשטעלט דעם ברודערס אַריינקומען קיין ילון. כאָטש אין אַן אייגענעם אויטאָ מיט אַ געדונגענעם שאָפֿער. אויך נישט אַליין. רייכע לייט פֿאָרן אין געזעלשאַפֿט. אָבער דער ברודער האָט אים וועגן דעם שפּעטער געזאָגט, אַז עס ליגט נישט אין זיין נאַטור צו וועלן מאַכן אויף וועמען אַ רושם. דובין איז געזעסן אויף אַ נידעריק בענקל און געלייענט די צייטונג צום צווייטן מאָל, און דער שוסטער האָט ווייטער דערציילט, אַז דער ברודער האָט זיך קיין מאָל נישט געקלאָגט פֿאַר אים אויף זיין אולקוס. אויך דעם לעצטן אָוונט, אין דער חורבה, האָבן זיי געשפּילט אין קאָרטן און יענער האָט גאָרנישט געזאָגט, אַז עפּעס טוט אים וויי. שפּעטער האָט ער אים געהאָלפֿן מאַכן דאָס בעט, אים אָנגעזאָגט, נישט פֿאַרגעסן צו פֿאַרלעשן דאָס נאַפֿטאייוועלע פֿאַרן איינשלאָפֿן, און ער האָט אויך אַוועקגעשטעלט דעם שטיילאָמפּ אויפֿן טיש, ס׳זאָל אים זיין ליכטיקער צו לייענען דעם ענגלישן זשורנאַל, וועלכן ער האָט תמיד געהאַלטן מיט זיך.

— און דער לאָמפּ האָט געברענט אַ גאַנצע נאַכט — האָט פֿרידאַ סיני, די הויפּטקעכין, זיך אָנגערופֿן. זי איז געזעסן אויף אַ בענקל לעבן דער טיר, ס׳אויסגעברענטע פּאַפּיראָסל צווישן אירע ליפּן און די הענט — פֿאַרנומען

אין יאָמער. אין די אָוונטן איז זי נישט געגאַנגען צו קיינעם צו גאַסט. ס'איז נישט געווען איר טבע צו באַזוכן אַנדערע מענטשן, אַחוץ מבקר־חולה און מנחם־אָבל־זיין. אַ חולה — נאָך עטלעכע חדשים, אַן אָבל — די ערשטע נאַכט. פרידאַ סיני האָט דערציילט, ווי אַזוי זי האָט געפונען דעם ברודער ליגן אויפן דיל, ווען זי איז אַריינגעקומען פאַרלעשן דעם לאָמפּ. מיט די קני צום בויך און די הענט אַריינגענומען, ווי ס'וואָלט אים קאַלט געווען, איז ער געלעגן. זי וואָלט גאָרנישט געוווסט, ווער ער איז, ווען זי וואָלט אים נישט געהאַט געזען אין קיך, ווען דער שוסטער האָט אים אַרומגעפירט איבערן הויף. ער האָט געמאַכט אויף איר דעם איינדרוק פון זייער אַ פיינעם, איידעלן מאַן מיט אַ געשטעל.

דוביך האָט אָנגעהויבן נאָך אַ מאָל לייענען די ערשטע זייט פון דער צייטונג. אויך נאָך דער שבעה האָט ער די באָרד נישט אָפּגעשוירן. ער האָט געוואָלט איך זאָל אים העלפן דורכקוקן דעם ברודערס פאַפּירן. ער אַליין האָט שוין געהאַט אַריינגעקוקט. דאָ און דאָרט האָט ער געכאַפּט דעם מיין פון אַן ענגליש וואָרט, אָבער פאַרשטאַנען האָט ער נישט. סך־הכל האָט ער דערוויל געפונען אַ צוויי טויזנט דאָלאַר און עטלעכע ענגלישע פונטן. איך האָב נישט געאַרבעט עטלעכע טעג ביי די שעפסן און אויפן חשבון פון דובינס „שבתים" האָב איך דורכגעקוקט מיט אים די פאַפּירן. מיר האָבן געפונען די צוואה און איך האָב אַרויפגעבראַכט דעם בריוו פון מיסטער זאַלבער צו אַ רעפאָרמירטן רב אין חיפה, מיט אַ בקשה צו העלפן קובר זיין דאָס אַש. די הוצאות און דעם שכר פאַרן רב האָב איך געדאַרפט דעקן פון דעם חלק ירושה, וואָס איז געווען פאַרשריבן אויף מיין נאָמען. די אַנדערע יורשים זענען געווען: אַ ישיבה אין ירושלים, מיסטער זאַלבער, טאָם דער שניידער, גלענדאַ. דוביך האָט אַריינגעלייגט די צוואה מיטן בריוו אין אַ באַזונדערן קאָנווערט און מיר האָבן דורכגעקוקט די אַנדערע פאַפּירן. די וואַליזעס זענען פול געווען מיט קוויטלעך. אַ קוויטאַנציע פון אַ האָטעל, אַז ער האָט דאָרט איבערגענעכטיקט אַ נאַכט מיט אַ צוואַנציק יאָר צוריק. אַ באַנבילעט, די קבלה פון די אָפּגענוצטע הויזן, וואָס ער האָט איינגעהאַנדלט אין חיפה. אַן אויסגעשריבן ביכל פון אַ שפּאַרקאַסע. אַ טראַנזאַקציע וועגן קאַרטאָפל מיט אַ

סוחר, ווען מיר זענען נאָך געווען אין דער אַרמיי. דער ברודער האָט זיך דעמאָלט אונטערגענומען צוצושטעלן קאַרטאָפל צום לאַגער. ער האָט אָפּגעדונגען אַ פעלד, געלאָזן צעאַקערן, פאַרזייען, און קאַרטאָפל זענען געוואַקסן, אָבער אין מיטן האָט מען דעם לאַגער מיט די זעלנער אַריבער־געפירט אין גאָר אַן אַנדער געגנט פון דער אויסטראַלישער יבשה.

— ווי האָט ער גענומען צייט אויף די געשעפטן, איר האָט דאָך אַלע געאַרבעט? — האָט דובין זיך געחידושט.

איך האָב דובינען דערציילט, אַז דער ברודער האָט ווייניק געאַרבעט ביים לאָדן באַנען. ס׳זענען געווען נאָך זעלנער, וואָס האָבן נישט געאַרבעט נאָר געשפּילט אין קאָרטן. זיי האָבן געדונגען אַנדערע זעלנער וואָס זאָלן פאַר זיי אַרבעטן. די אַנדערע זעלנער האָבן זיך געמאַכט קראַנק און גע־אַרבעט פאַר די קאָרטן־שפּילער, כדי צו פאַרדינען אַ פּאָר פונט. אויך דער ברודער האָט געהאַט געדונגענע זעלנער. ס׳קאַרטאָפל־פעלד האָבן זעלנער באַאַרבעט. שפּעטער האָט דער ברודער אַריינגענומען דאָס גע־שעפט פון פאַרמיטלונג אין זיינע הענט. אַ קאָרטן־שפּילער האָט געזוכט אַ פאַרטרעטער, אַ זעלנער האָט זיך געוואָלט פאַרדינגען, איז ער געקומען פרעגן דעם ברודער, ווען ער זאָל זיך מאַכן קראַנק. אַ פאַרנאַכט פריער האָט שוין דער ברודער געוווסט וויפל קראַנקע עס וועלן זיך צושטעלן אויף צו מאָרגנס צום דאָקטאָר.

ווען איך בין געגאַנגען מיט דובינען עסן מיטאָג אין חדר־האוכל האָט מען אים נאָכגעקוקט, ווי ער וואָלט געוואָרן אַ פרעמדער אין ילון. ביי די טישן האָט מען גערעדט וועגן אים און וועגן דעם ברודערס ירושה. דער שוסטער האָט אָפּגעשאַצט די ירושה געגוג גרויס, אַז מען זאָל קאָנען פון דעם אויפבויען אַ נייעם חדר־האוכל. ער האָט דערווייל נישט געאַר־בעט אין דער שוסטעריי, נאָר געטיילט עסן אין חדר־האוכל. ווען ער איז צוגעקומען צו אונדזער טיש, האָט ער איבערגעלאָזט דאָס וועגעלע מיט די טעלער, אַוועק אין קיך אַריין און צוריקגעקומען פון דאָרטן מיט אַ פאַרציע עסן אויף אַ טאַץ, ספּעציעל פאַר דובינען. אַ פערטל עוף, פּופּיק־לעך, צימעס, פלוימענסאָק. ער האָט עס אַוועקגעשטעלט אויפן טיש מיט אַ קעניגלעכן פאַרנייג. נאָך דעם האָט ער אונדז דערלאַנגט די געוויינלעכע

פּאַרציעס: קאַלטן סאַלאַט מיט צוויטן פליש. פרידאַ סיני האָט זיך געמאַכט נישט זען און זי האָט געזוכט אַן אַשבעכערל אויף אַריינצושיטן דאָס אַש פון איר פּאַפּיראָסל. דער סעקרעטאַר פון ילון האָט אַריינגעלייגט דאָס פּנים אין דער צייטונג, וואָס ער האָט געלייענט. אָבער דער שוסטער האָט אים נישט געלאָזט לייענען און ער האָט פאַרגעלייגט, מען זאָל גלייך אויפן אָרט דערליידיקן דעם ענין. אַז אָט זיצן די צוויי ציילערס פון דער ירושה, וואָס וויסן שוין אויף זיכער וויפל ס'איז דאָ, זאָל דער סעק־רעטאַר אַ פרעג טאָן און פרידאַ סיני, וואָס האָט אויף דער אַסיפה געוואָלט וויסן צי מען האָט שוין עפּעס וועגן דעם געטאָן, וועט גלייך האָבן דעם ענטפער. דער סעקרעטאַר פון ילון האָט אַ נעם געטאָן די איינגעלייגטע צייטונג נאָך נעענטער צום פּנים און דעם שוסטערס ווערטער זענען פאַרביי אין אַ זייט. האָט ער אָפּגעלאָזט דאָס וועגעלע, אַ פּעטשל געטאָן דעם סעקרעטאַר אין דער פּלייצע און אים געזאָגט, אַז אַ חבר רעדט צו אים, זאָל ער הערן. דער סעקרעטאַר האָט אַראָפּגענומען די צייטונג פון זיין פּנים און געשמייכלט צום שוסטער און צו אונדז אַלעמען מיט פאַר־מאַכטע ליפּן. נאָך דעם האָט ער צוריק אָנגעהויבן לייענען און פאַרשטעלט דעם שמייכל. פרידאַ סיני האָט געמאַכט איר האַנט ווי אַ שיסעלע און אַריינגעשאָטן דאָרטן דאָס אַש. דובין האָט אַריינגעהוסט טרוקענע הוסט־לעך אין זיין פויסט אַריין און אויפגעגעסן דאָס פערטל עוף מיטן צולאָג. אויפן וועג צוריק האָט ער געזאָגט, אַז מען וועט אויפהערן עסן אין חדר־האוכל. ער וועט זאָגן זאָסיען און זי וועט ברענגען די מיטאָגן אין שטוב אַריין.

אויך אין די אָוונטן און אין די פרימאָרגנס האָט ער אויסגעמיטן צו עסן אין חדר־האוכל. אָבער ביים אָפּנעמען די וועש אויף שבת האָט ער געזען, אַז מען האָט אים אַריינגעלייגט אַ ניי העמד. אויך דער שניידער האָט אים אַריינגערופן אָנצומעסטן אַ פּאָר נייע הויזן. מיר האָבן געררוי־כערט יום־טובדיקע פּאַפּיראָסן, וואָס דער פאַרטיילער האָט אַ געב געטאָן דובינען, די אַנדערע מענטשן אין דער ריי זאָלן נישט באַמערקן, און ווען מיר האָבן פאַרענדיקט דורכקוקן די פּאַפּירן האָט דובין איבערגעגעבן דעם סעקרעטאַר פון ילון און יענער האָט פאַרשריבן, אַז ס'איז געבליבן

צוויי טויזנט דאָלאַר און קיין הייזער זענען נישטאָ. דער איינציקער דאָקו־מענט פון די הייזער איז געווען דער קאָנטראַקט פון דער פאַרזיכערונגס־געזעלשאַפט, וואָס לויט דעם האָט מען אין דער צוואה געשאַצט זייער ווערט און פאַרטיילט די ירושה. אָבער דאָס איז געווען מיט יאָרן צוריק.

איך בין צוריקגעגאַנגען פאַשען שעפּסן, אָבער דובין איז צו דער אַרבעט נישט געגאַנגען. די רעגנס האָבן זיך אָפּגעשטעלט און אין די וואַרעמע פאַרנאַכטן איז ער געזעסן אויף זיין באַלקאָן און אַראָפּגעקוקט אין הויף אַריין. דער שוסטער האָט אויפגעהערט קומען מיט זיין מיידעלע אַראָפּציען די שאָקאָלאַד פון שטריקל. דאָס מיידעלע איז אונטערגע־וואַקסן, אָבער דער האַרצפעלער האָט זיך נישט פאַרבעסערט און ער האָט נאָך אַלץ אונטערגעשטופּט דאָס ראָווערל מיט אַ לייסט. שטופּנדיק דאָס ראָווערל האָט ער אָנגעטראָפן פרידאַ סיני און ער האָט איבערגעחזרט פאַר איר, וואָס ער האָט שוין עטלעכע מאָל געזאָגט אויף די אַסיפות, אַז עס איז יאָ געבליבן אַ ירושה און אַז דובין האָט דעם אמת נישט געזאָגט. דער ברודער האָט די הייזער פאַרקויפט און געבראַכט אין לאַנד אַריין דאָס געלט. דערפאַר האָט ער געשטימט אויף דער אַסיפה, אַז מען זאָל נישט נעמען די צוויי טויזנט דאָלאַר, אָדער גאָר, אָדער גאַרנישט. פרידאַ סיני האָט אויסגעהערט און אים געפרעגט מיט אַן אויסגעשטרעקטן פינגער:

— מיט וויפל פּופּיקלעך האָסטו אָנגעפּאַשעט דובינען, חבר?

דובין איז צו די אַסיפות נישט געגאַנגען, און וואָס מען האָט דאָרטן גערעדט האָט אים איטע דערציילט. האָט ער אָנגעהויבן נאָך אַ מאָל דורכקוקן דעם ברודערס פּאַפּירן. ס׳קאָן זיין, אַז מען האָט עפּעס פאַרקוקט, האָט ער מיר געזאָגט. ער האָט געמיינט, אַז דער ברודער האָט די גאַנצע צייט געוואָלט רעדן און דערציילן, נאָר מען האָט אים נישט געהערט. אין דער זעלבער נאַכט ווען ער איז געשטאָרבן האָט מען אַפילו געלאַכט פון אים. ער האָט געדענקט, אַז דער ברודער האָט אים צוויי מאָל געבעטן ער זאָל רופן אַן אַדוואָקאַט און ער איז שוין דעמאָלט געווען פאַרן טויט. אַפילו דאָס לעפּעלע פלוימענסאָק, וואָס די שוועסטער האָט געפּרוּווט אַריינגיסן, האָט זיך צוריק אַרויסגעגאָסן. דובין האָט זיך דעמאָלט איינגע־

בויגן אָפּצווישן אַ פֿאַרגעסענעם טראָפּן סאָק, וואָס איז פֿאַרבליבן אויף דער גאָמבע, האָט ער אים דערמאָנט צו רופן אַן אַדוואָקאַט. דעמאָלט האָט ער זיך נישט איינגעהערט, איצט האָט ער נאָך אַ מאָל געלייענט דעם ברודערס בריוו. אָבער דעם ברודערס בריוו זענען גאָר קיין בריוו נישט געווען. בלויז אָנהייבן. אַ דאַטע, אַן ערשטע שורה און מער נישט. „טייע־רער ברודער..." לויט די דאַטעס האָט דער ברודער געשריבן די אָנהייבן אין משך פון אַ צען יאָר און צו קיין גאַנצן בריוו האָט ער זיך נישט דערשריבן. איך האָב דובינען געוויזן דעם אַלטן ענגלישן בריוון־שטעלער וואָס מיר האָבן געפונען צווישן די פּאַפּירן און אַז ער האָט פון דאָרט אַרויסקאָפּירט די אָנהייבן פון די בריוו, וואָס ער האָט נישט געשיקט. אויך די קליינע נישט־פֿאַרענדיקטע בריוולעך צו פֿאַרשידענע פרויען זענען געווען קאָפּיעס פון בריוון־שטעלער — מוסטערן פון שידוכים־בריוולעך.

דובין האָט אַוועקגענומען פון מיר דעם בריוון־שטעלער און אים אַרויפגעלייגט אין דער הויך אויף דער שאַפּקע, ער האָט אַראָפּגענומען פון דאָרטן דעם ברודערס קאַפּעליוש. די אַנדערע בגדים האָט מען צוגע־נומען אין מאַגאַזין, דעם קאַפּעליוש נישט, ס'האָט צו גאָרנישט געטויגט, האָט מען אים געזאָגט, אפשר אויף פּורים.

— אַזעלכע קאַפּעליושן טראָגט מען אוודאי אויף חתונות ביי אייך אין לאַנד — האָט דובין געזאָגט און ער האָט מיר געוויזן אַ קליין בילדל, וואָס ער האָט געפונען צווישן די פּאַפּירן. ער האָט געדענקט, אַז עס איז געמאַכט געוואָרן אויף זייער שוועסטערס חתונה. ער און דער ברודער זענען נאָך געווען קליינע יינגלעך. אויפן בילד האָט אים דער ברודער צוגעהאַלטן ביי דער האַנט. דער ברודער האָט אים תמיד צוגעהאַלטן ביי דער האַנט און אָפּגעהיטן. אויך אין חדר אַריין פלעגט ער אים אַזוי פירן.

דובין האָט אָנגעטאָן דעם קאַפּעליוש אויפן קאָפּ.

— ווי אַזוי זע איך אויס? — האָט ער געפרעגט.

— אַזוי ווי דער ברודער — האָב איך געענטפערט.

מיט אַ מאָל האָט ער פֿאַרביסן אַ ליפּ און זיין גאָמבע האָט אָנגעהויבן ציטערן.

— וואָס איז געשען? — האָב איך געפרעגט, נאָר ער האָט נישט געענטפערט. ער האָט פאַרקרימט דאָס מויל, אונטערגעוואָרט, זיך צו שטאַרקן, און אַ זאָג געטאָן האַרט און בייסיק:

— ער פוילט שוין דריי חדשים אין דער ערד. און זיין גאַמבע האָט זיך אויפגעהערט צו טרייסלען.

פון נישט אַרבעטן איז דובין געוואָרן פעטער און קישעלעך זענען אָנגעוואַקסן אונטער זיינע אויגן. זיינע חברטעס האָבן אויפגעהערט קומען צו אים. אויך איטע די נייטאָרין. זי האָט אים דערציילט, אַז אויף די אַסיפות האָט מען פון מאָל צו מאָל גערעדט וועגן אים און מען האָט געוואָרט ער זאָל אָוועקגעבן די גאַנצע ירושה. אויך זאָסיע איז נישט געווען. איר מיידעלע איז געלעגן אין שפּיטאָל צוליבן האַרצפעלער. אַזוי פלעגט זי אים ברענגען דאָס עסן און אַפילו פאַררוכטן אַ העמד. איצט האָב איך אים געטראָגן דאָס עסן. אַרויפקומענדיק האָב איך אים געזען זיצן מיט אַ נאָדל־פאָדעם אין דער האַנט. ער האָט אָנגענייט אַ קנעפּל אין די הויזן. דעם ברודערס קאַפּעליוש איז געלעגן אונטערן טיש. איך האָב זיך איינגעבויגן און אויפגעהויבן.

— זאָל ער ליגן דאָרט — האָט דובין געזאָגט.

כ׳האָב אים געפאָלגט. ער האָט שוין מער נישט געזוכט אין די פּאַפּירן. ער האָט אויך אַליין געוואַשן זיין אייגענע וועש און געוואָרט אויף זאָסיען. די וועש האָט ער אויפגעהאַנגען אויפן באַלקאָן און אַז זאָסיע האָט זיך אַרויפגעכאַפּט צו אים אין אַן אָוונט, האָט ער איר דערציילט, אַז אַפילו פאַרן טויט האָט אים דער ברודער אָפּגענאַרט און ער וויל אים מער נישט געדענקען. זאָסיע האָט אים דערציילט וועגן מיידעלע און וואָס די דאָקטוירים מיינען, אַז אַן אָפּעראַציע אין אַמעריקע וועט אפשר העלפן, אָבער מען איז נישט זיכער, דערפאַר איילט מען זיך נישט אין ילון עפּעס צו טאָן וועגן דעם. דובין האָט אָפּגעשוירן זיין באָרד און אָוועקגעגעבן זאָסיען די צוויי טויזנט דאָלאַר, זי זאָל פאָרן קיין אַמעריקע. אַליין האָט ער צוריק אויפגעלעבט און געפאָרן מיט איר אין שטאָט אַריין דערליידיקן די רייזע־ענינים. זיין אָפּגעשוירענע באָרד האָט צוריק אויפ־געוועקט אין ילון דעם עניין וועגן דער ירושה און דער סעקרעטאַר איז

געקומען צו דובינען מיט אַ פּלאַן וועגן איבערבעטן זיך. דובין זאָל דערווייל אָפּגעבן דאָס געלט וואָס ער האָט און מען וועט פאַרגלעטן די עוולות, וואָס מען האָט אים אָפּגעטאָן. דובין האָט אַריינגעהוסט טרוקענע הוסטלעך אין זיין פויסט אַריין און דעם זעלבן אָוונט איז ער אַוועק צו דער חרובער בודע, מיטגענומען לעמפּלעך, ס'זאָל זיין ליכטיק, און אָנגעהויבן באַטאַפּן די ווענט און די צעבראָכענע שאַפעס, וואָס איז דאָרטן געשטאַנען. די זאַכן, וואָס האָבן זיך דאָרטן געוואַלגערט האָט ער צונויפגעזאַמלט אין אַ קעסטל און אַ סך שפּעטער האָט ער עס מיר געוויזן: צעריסענע שונדביכלעך, רפואה־פלעשלעך, אַלטע קאָנווערטן, בריוולעך, זאַכן וואָס צופעליקע איבערנעכטיקער האָבן איבערגעלאָזט. אויך דעם ענגלישן זשורנאַל, אין וועלכן דער ברודער פלעגט תמיד אַריינקוקן, האָט ער דאָרטן געפונען. מער איז גאָרנישט געווען. האָט ער זיך אַוועקגעלייגט אויפן בעטל און געקוקט אויף די ווענט. דעמאָלט איז פרידאַ סיני אַריינגעקומען פאַרלעשן די לאָמפּן און זיך געוווּנדערט, וואָס ער טוט דאָ. ער האָט איר געזאָגט, אַז ער איז געקומען זוכן דעם ברודערס ירושה. האָט זי אים געזאָגט, אַז ער זאָל בעסער אָפּגעבן דאָס געלט און נישט מאַכן קיין חוזק פון קיינעם.

— אַזוי טראַכטסטו? אַז איך מאַך חוזק? — האָט דובין געפרעגט.

— איך טראַכט בלויז וואָס דער קיבוץ טראַכט — האָט זי געזאָגט.

— און דו אַליין? — האָט ער געפרעגט.

— ווער בין איך דען אַליין? — האָט זי געענטפערט און אַרויסגעגאַנגען.

באַלד איז זי צוריק אַריינגעקומען און אים געבעטן, ער זאָל נישט פאַרגעסן צו פאַרלעשן דעם לאָמפּ, ווען ער וועט אַרויסגיין פון דער חורבה, אָבער דובין איז דאָרטן געבליבן נעכטיקן. אויף צו מאָרגנס האָט ער דערציילט דעם סעקרעטאַר וואָס ער האָט געטאָן מיטן געלט און זאָסיע איז אָפּגעפאָרן. דער שוסטער איז נישט געווען צופרידן, וואָס זיין קינד וועט זיך היילן מיט דער הילף פון דובינס געלט. דער קיבוץ וואָלט עס סיי ווי געטאָן, האָט ער געמיינט, און געטענהט אויף דער אַסיפה, אַז עס איז נישט די טבע פון אַ מענטש זיך צו וואָרפן מיט טויזנטער דאָלאַרן.

און אויב דובין האָט עס געטאָן, איז עס אַ סימן, אַז ער האָט זיך מיט וואָס צו וואָרפן. דערפאַר האָט ער געפאָדערט, מען זאָל דובינען אויסשליסן פון ילון.

דובין איז צו די אַסיפות נישט געגאַנגען. זיינע שבתים האָבן זיך אויסגעלאָזט און ער האָט צוריק געאַרבעט אויף די פעלדער. דער זומער האָט זיך דערנענטערט צום סוף און אין די פאַרנאַכטן איז דובין נאָך געזעסן אויף זיין באַלקאָן, מיט די הענט צעשפּרייט איבערן פּאָרענטש, און אַריינגעקוקט אין זיין שטילן צימער. ער האָט געוואַרט אויף זאָסיען, זי זאָל צוריקקומען.

ווען די ערשטע רעגנס האָבן אָנגעהויבן פאַלן, זענען מיר ביידע געפאָרן אין שטאָט אַריין ברענגען די מצבה, וואָס ער האָט באַשטעלט צום יאָר פאַרן ברודערס קבר. אויפן וועג האָט דובין מיר געוויזן דעם זשורנאַל, וואָס דער ברודער האָט תמיד געלייענט. ער האָט צופעליק אַ מיש געטאָן און ס'האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז ער האָט דאָרט געזען אָפּגעדרוקט דעם ברודערס נאָמען. אין זשורנאַל האָט זיך געשריבן, אַז דער ברודער האָט געוואָלט באַשווינדלען די רעגירונג. דער שווינדל איז באַשטאַנען אין אַ פּרווו צו פאַרזיכערן שיפן מיט מאַשינען און אויף דעם סמך אַרויסבאַקומען פון דער רעגירונג גרויסע הלוואות. דער ברודער האָט געפירט די רעגירונגס־מענטשן צום פּאָרט, כדי צו ווייזן די מאַשינען, וואָס ער האָט אַראָפּגעבראַכט; אויפן וועג, האָט ער געמיינט, וועלן זיי זיך איבערקלערן און אים גלייבן אויפן וואָרט, אָבער זיי האָבן עס נישט געטאָן און ווען מען איז צוגעקומען צום ים זענען קיין מאַשינען נישט געווען.

דובין האָט נישט געהאַט קיין געדולד פאַר די פּרטים און ער האָט געוואָלט וויסן, צי עס שרייבט זיך אויך וועגן די הייזער. אויך די הייזער זענען געווען אַ שווינדל מיט אַן ענלעכן פּלאַן. אויך דער ענין מיט דער צוואה.

— וואָס נאָך שרייבן זיי? — האָט ער געוואָלט וויסן.

— אַז ער האָט געזאָגט ליגנט ביז דער לעצטער מינוט און געמיינט, עס וועט אים געלינגען — האָב איך אַרויסגעלייענט.

דובין האָט צוגענומען ביי מיר דעם זשורנאַל און אָנגעהויבן צערייסן די בלעטער. איך האָב זיך געבעטן ביי אים ער זאָל עס נישט טאָן. ס׳איז דאָך געווען דער איינציקער עדות, אַז עס איז קיין ירושה נישט געבליבן, אַז קיין ירושה איז קיין מאָל נישט געווען און אין ילון האָט מען געמיינט, אַז עס איז דאָ און מען האָט געוואַרט ער זאָל עס אָפּגעבן. אָבער דובין האָט מיך נישט געפאָלגט. ער האָט צעריסן די בלעטער און די פּיצלעך אַרויסגעוואָרפן ביסלעכווייז דורכן פענצטער פון פאָרנדיקן אויטאָבוס.

אויף צו מאָרגנס איז דובין געגאַנגען איינער אַליין אָפּדעקן דעם ברודערס מצבה. איך בין געשטאַנען מיט די שעפּסן הינטער די שטאַלן און אים געזען פאַרבייגיין מיטן בלאָטיקן וועגל, וואָס האָט געפירט צום בית־עולם. ווייט אין מזרח איז געהאָנגען דער רעגן און דובין איז גע־גאַנגען אָנגעטאָן אין זיין לאַנגן, טונקעלן מאַנטל, הויכע, גומענע שטיוול און דעם ברודערס שוואַרצן קאַפּעליוש האָט ער געטראָגן אויפן קאָפּ. פאַרבייגייענדיק דאָס מיסטבערגל האָט ער איבערגעשראָקן די פייגל, וואָס האָבן זיך דאָרטן געיאָוועט. שוואַרצע פייגל מיט געלע בייכער — זיי האָבן אַ פלי געטאָן מיט געשריי צום פאַררעגנטן הימל. באַלד האָבן זיי זיך צוריק אַראָפּגעלאָזט אויף דער ערד און געהינקט צום בערגל מיסט. דובין אַליין איז שוין געווען ווייטער. ער איז געוואָרן קלענער, ביז ער איז אויך געוואָרן אַ פויגל, וואָס האָט זיך אָפּגעזונדערט פון דער טשאַטע, אַ טונקעלער פויגל אויפן וועג.

וועגער

פון צווישן דיביימער האָב איך געזען די ברעגן פון גרויען טייך ווו וועגער איז געשווומען. כ'האָב גערופן צו אים און ער האָט נישט געהערט. בין איך אַראָפּ נידעריקער צום ברעג און נאָך אַ מאָל גערופן. וועגער האָט נישט געוואָלט אַרויסגיין פון וואַסער. ער האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ אין מיטן טייך און געשאָקלט אויף ניין, אַזוי ווי דעמאָלט, ווען ער איז געווען ברוגז אויף מיר און נישט געוואָלט מיט מיר רעדן. אָבער איצט זענען מיר נאָך געווען חברים און זעלנער אין זעלבן לאַגער, כאָטש מיר האָבן מער נישט געוווינט צוזאַמען אין איין געצעלט. וועגער האָט געוווינט מיט פּאַפּאַ־דימיטריו, דעם מאַקעדאָנער, און מיט מיכאַילאָוויטשן, וועלכער האָט געהאַט אויסגערופן ביים עסן, אַז קיינער וועט זיך נישט קאָנען פאַרגלייכן מיט אַ יוגאָסלאַוו און לויפנדיק איבערן טיש, לעבן וועלכן די זעלנער זענען געזעסן, האָט ער איבערגעקערט וועגערס טעלער. וועגער האָט אים געבעטן ער זאָל מער נישט טאָן אַזאַ זאַך, נאָר יענער האָט זיך געהאַלטן ביי זיינס. האָט וועגער געוואָלט ויסן, וואָס אַ שטייגער אַ יוגאָסלאַוו קאָן טאָן?

— שווימען אַ גאַנצן טאָג אין וואַסער, — האָט מיכאַילאָוויטש געענטפערט.

אין אָוונט, אין געצעלט, האָט אים וועגער איבערגעפרעגט וועגן דעם, זיי האָבן די זאַך אַרומגערעדט און נאָך דעם האָבן זייביידע אָנגעהויבן גיין צום טייך זיך לערנען אויסהאַלטן אַ גאַנצן טאָג אין וואַסער. איין מאָל איז דער יוגאָסלאַוו אַוועק אַליין צום טייך און מער נישט צוריקגעקומען. זיינע קליידער האָט מען שפּעטער געפונען ביים ברעג. אָבער וועגער האָט נישט אויפגעהערט גיין צום טייך. ער האָט זיך ווייטער געגרייט צום פאַר־מעסט.

— צו וואָס ? — האָב איך אים געפרעגט.

— צוגעזאָגט — האָט ער געענטפערט.

זיצנדיק אויף אַן אומגעפאַלענעם בוים האָב איך געקוקט אויף וועגערן אין וואַסער. דער טייך איז געווען ברייט און די ברעגן זענען געווען באַוואַקסן און ווילד. אַ ביסל ווייטער איז אַ שטיק וואַלד געווען פאַרברענט.

„צוגעזאָגט", האָב איך געחזרט זיין ענטפער אין זיך.

„צוגעזאָגט וועמען ?" — האָב איך גערעדט צו אים אין מיין געדאַנק, ווי צו זיך אַליין, און געדענקט, אַז צוליב אַן ענלעך צוזאָגן האָט מען וועגערן אַוועקגעפירט קיין דאַכאַו. ער האָט געהאַט צוגעזאָגט צו שרייבן אַ בריוו וועגן אַ ליגנט אין היטלערס „מיין קאַמף". ס'איז געווען נאָך פאַר דער מלחמה און וועגער איז שוין מער נישט געווען קיין לערער אין דער שטוטגאַרטער הויכשול, נאָר געהאַט אַוועק אין אַ דאָרף אַריין אַרבעטן ביי אַ פּויער. דאָרט האָט ער געזען דעם פּויער לייענען היטלערס בוך, האָט ער אים געזאָגט, אַז אויף דער און דער זייט איז פאַראַן אַ ליגנט. האָט דער פּויער אים אַריינגעטריבן אין אַמביציע, ער זאָל שרייבן וועגן דעם אַ בריוו און וועגער האָט אַזוי געטאָן.

— בלויז איין ליגנט איז דאָרט פאַרשריבן ? — האָב איך זיך געוווּנדערט ווען ער האָט מיר וועגן דעם דערציילט.

— צוגעזאָגט — האָט וועגער געענטפערט און געשמייכלט. נאָך דעם איז ער אַוועק קיין דאַכאַו.

פון דאַכאַו איז וועגער געקומען קיין אויסטראַליע און דאָרט האָט ער זיך ווידער פאַרדונגען צו אַ פּויער אויף אַ פאַרם. אין דער מלחמה האָט מען אים גענומען אין דער אַרמיי. צוזאַמען מיט אַנדערע אויסלענדער, נישט קיין בירגער, האָט מען אים אַוועקגעשיקט לאָדן באַנען אויף דער גרענעץ צווישן צוויי אויסטראַלישע שטאַטן. ס'איז געווען ביים איבערלאָדן אַ באַן מיט געשאָכטענע שעפסן, ווען מיר האָבן זיך געטראָפן צום ערשטן מאָל. וועגער איז געזעסן אויף אַ בלעכענער פאַס מיט אַ ביכל נאָענט צום פּנים. ס'איז שוין געווען אין מיטן ביינאַכט, איין באַן האָט מען שוין געהאַט אָנגעלאָדן און מען האָט געוואַרט מען זאָל אַריינוועקסלען אַ צווייטע, איז וועגער דערוויל געזעסן אויף דער פאַס אונטערן גרינעם סטאַציע-לאָמפּ און געלייענט. בין

איך צוגעגאַנגען פון הינטן און אַריינגעקוקט. ווי די אַנדערע זעלנער, האָט אויך וועגער געטראָגן אויפן קאָפּ אַ זאַק מיט אַ שפּיץ, כדי די נעץ און די קעלט פון די געפרוירענע שעפסן זאָל נישט צו פיל דורכדרינגען דאָס לייב. ער האָט אַ קוק געטאָן אויף מיר און ווייטער געלייענט. האָב איך זיך אײַ־בערגעבויגן איבער זיין אַקסל און אָנווייזנדיק מיט אַ פינגער אויף די דראָבנע שורות געזאָגט:

— שאָפּענהויער.

וועגער האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ אויף יאָ.

האָב איך אים געזאָגט, אַז איך בין אויך אַ פּעסימיסט. האָט ער זיך אויסגעדרייט אַ ביסל מער און מיך באַקוקט מיט אַ בליק, ווי ער וואָלט נאָר וואָס אויפגעהויבן זיין פּנים פון גמרא לערנען.

— אויך אַ פּעסימיסט — האָב איך אָנווייזנדיק אויף זיך נאָך אַ מאָל איבערגעחזרט.

וועגער האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ אויף ניין.

דערווייל האָט מען אַריינגעוואָרפן נאָך אַ באַן מיט געשאָכטענע שעפסן און ווען מיר האָבן פאַרענדיקט די אַרבעט און געגאַנגען אַהיים האָט שוין אָנגעהויבן צו טאָגן. דער לאַגער איז געווען עטלעכע מייל פון דער באַנ־סטאַציע און דער וועג אַהין צו האָט געפירט דורך שטחים ווילדע פּאַשע און בוש. אויפן וועג זענען געלעגן שוואַרץ־פאַרברענטע ביימער און ווייסע ביינער פון שאָף און רינדער. גייענדיק ביי מיין זייט האָט וועגער די גאַנצע צייט געשוויגן און נאָך דעם האָט ער געוואָלט וויסן, צי איך געצעלט ווו כ׳וווין איז דאָ אַן אָרט אויף נאָך אַ בעט. אַ סך שפּעטער האָט וועגער מיר דערציילט פאַר וואָס ער האָט געטוישט געצעלטן. ס׳איז געווען זיין געוווינ־שאַפט פאַרן איינשלאָפן צו לייענען שאָפּענהויער און קייען שאָקאָלאַדע. דאָרט ווו ער האָט געוווינט האָט מען אים געשטערט. אויך אין אונדזער געצעלט האָט וועגער זיך לאַנג נישט אויפגעהאַלטן. מען האָט דאָרט גערעדט צו פיל יידיש און דאָס האָט אים דערמאָנט אין דייטש, זיין שפּראַך, וואָס ער האָט געוואָלט פאַרגעסן. שאָפּענהויער האָט ער געלייענט אין ענגליש. איז וועגער אַוועק וווינען מיט פּאַפּאַ־דימיטריו, דעם מאַקעדאָניער, וועלכער איז געווען אַ שווייגער און כמעט נישט גערעדט.

ווען פּאַפּאַ־דימיטריו איז געוואָרן אַ זעלנער האָט ער אַראָפּגעבויגן דעם קאָפּ און אים מער נישט אויסגעגלייכט. האָט מען אים געגעבן אין דער האַנט אַריין אַ שטעקן מיט אַ טשוואָק אויפן עק, ער זאָל אַרומגיין צווישן די געצעלטן און אויפקלויבן דאָס מיסט און די פּאַפּירלעך, וואָס האָבן זיך דאָרטן געוואַלגערט. פּאַפּאַ־דימיטריו האָט אַזוי געטאָן. אַ פאַרשוויגענער, אַראָפּקוקנדיק אויף די שיך איז ער געגאַנגען מיטן שטעקן צווישן די געצעלטן, געשטאָכן דעם טשוואָק אין די פאַרוואַלגערטע פּאַפּירלעך און געדענקט, אַז ער האָט איבערגעלאָזט אין גריכנלאַנד אַ ווייב און קינדער. ער האָט געוואָלט אַהיים צו זיי און נישט זיין קיין זעלנער, נאָר דאָ איז געווען מלחמה און מען האָט אים נישט געוואָלט באַפרייען. אַ הויכער, אַן איבערגעוואָקסענער, אויך ביז די אַקסלען העכער פון אַלע אַנדערע זעלנער, האָט פּאַפּאַ־דימיטריו, קלייבנדיק מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ פּאַפּירלעך אויפן שטעקן, זיך איין מאָל אַנגעטראָפן אויף וועגערן. ער איז צוגעגאַנגען, זיך איינגעבויגן און אַ שמעק געטאָן וועגערס אַקסל. ער האָט גאָרנישט געזאָגט און אוועקגעגאַנגען.

דאָס איז געווען זייער ערשטע באַגעגעניש.

„אַזוי ווי אַ הונט“, האָט וועגער שפּעטער איבערגעחזרט פאַר אונדז אין געצעלט.

די צווייטע באַגעגעניש איז געווען ביים עסן. מען האָט געטיילט פלייש און מאַרמעלאַדע. זיצנדיק לעבן פּאַפּאַ־דימיטריו האָט ער אים געזען אַוועקרוקן די מאַרמעלאַדע אין אַ זייט פון דער מענאַשקע, אויף נישט צו עסן. האָט וועגער געמאַכט מיט אים אַ טויש. גענומען די מאַרמעלאַדע און געגעבן אים זיין פלייש. נאָך דעם האָט וועגער זיך אַריבערגעצויגן צום מאַקעדאָנער אין געצעלט אַריין.

אין די אָוונטן, בעת וועגער פלעגט זיצן אויף זיין בעט און ביי דער שיין פון אַ פעלדלאָמפּ און נאָך עטלעכע צוגעשטעלטע ליכט אויף אַ קעסטל צוקאָפּנס לייענען שאָפּענהויער, פלעגט פּאַפּאַ־דימיטריו זיצן אויף זיין אייגן בעט, אָקעגן איבער, די עלנבויגנס אויף די קני, דאָס פּנים אין די הענט, און נישט אַראָפּנעמען פון וועגערן קיין אויג. ער האָט נישט געוווסט, אַז ביכער לייענט מען און ער האָט קיין מאָל קיינעם נישט געזען טאָן אַזאַ זאַך.

— ער רעדט קיין מאָל נישט אַרויס קיין וואָרט? — האָב איך געוואָלט וויסן ביי וועגערן.

פּאַפּאַ־דימיטריו האָט איין מאָל יאָ דערציילט וועגערן, אַז ער פּלאָנט צו אַנטלויפן פון דער אַרמיי. און אויב עס וועט אים נישט געלינגען, וועט ער באַלד נאָך דער מלחמה זיך אָנדינגען אויף אַ פּראַכטשיף און אַהיימ־פאָרן. און ער האָט פאַרגעלייגט וועגערן צו מאַכן די רייזע צוזאַמען, יעדער צו זיין אייגענער היים. וועגער האָט אים געזאָגט, אַז ער האָט נישט קיין היים אויף צוריק צו פאָרן, נאָר דער מאַקעדאָנער האָט עס נישט פאַרשטאַ־נען. פון דאָרט ווו מען קומט, דאָרט איז די היים און אַהין דאַרף מען צוריק־פאָרן, האָט פּאַפּאַ־דימיטריו געמיינט.

אָבער וועגער האָט געטראַכט, אַז נאָך דער מלחמה וועט ער זיך ווידער אָנדינגען צו אַ פּויער אויף אַ ווייטער פאַרם. עסן און שלאָפן און עפּעס קליינגעלט. פאַר דעם וועט ער אַרבעטן און דאָס וועט גענוג זיין. ער זאָל נאָר פּטור זיין פון דער זאָרג פאַר זיין קיום און קאָנען רויִק לייענען אַ בוך און שפּילן פּיאַנאָ.

— לעבן אַזוי איינזאַם ווי אַט דער מאַקעדאָנער? — האָב איך געפּרעגט.

וועגער האָט געהויבן מיט די אַקסלען. ער האָט געהאַלטן, אַז פּאַפּאַ־דימיטריו האָט איבערגעלאָזט ערגעץ ווו אַ ווייב און קינדער, האָט ער דערפאַר געבענקט און זיך געפילט איינזאַם, אָבער וועגער האָט קיינעם אין ערגעץ נישט איבערגעלאָזט און ער האָט נישט נאָך וועמען צו בענקען און צו זיין איינזאַם. ווען ער איז געווען אין דאַכאַו האָט ער געבענקט נאָך זיין שוועסטער און איר טעכטערל. זיי האָבן נאָך דעמאָלט געלעבט. ער אַליין איז געווען זיכער, אַז ער וועט שוין אין דאַכאַו שטאַרבן און ער פלעגט זיך איינגלייבן אין סימנים. זיין איילעניש צו פאַרענדיקן אַן אַרבעט וועגן פיזיק איז געווען אַ סימן. דאָס וואָרט „טויט" און „סוף" איז אויך געוואָרן אַ סימן, האָט ער אויסגעמיטן צו ברענגען די ווערטער אויפן מויל. ער האָט זיך געכאַפּט, אַז אויך אַנדערע ווערטער, „פינצטער" און „נאַכט", האַלט ער זיך אָפּ פון אַרויסזאָגן, ביז ער האָט אין גאַנצן אויפגעהערט צו רעדן, כדי ער זאָל זיך נישט אַרויסכאַפּן מיט אַ וואָרט, וואָס טראָגט אין זיך דעם סימן פון

טויט. ער פלעגט זען זיך אַליין אַ געשטאָרבענעם און זיין שוועסטער און איר טעכטערל באַוויינען אים און טרויערן וואָס ער איז מער נישטאָ. איצט זענען זיי שוין מער נישט געווען און ער האָט מער נישט געהאַט נאָך וועמען צו בענקען. דאָרט ווו ער איז — איז ער, און ער דאַרף ערגעץ אַנדערש מער נישט זיין.

נאָך אַ סך אָוונטן קוקן אויף וועגערן ווי ער לייענט, האָט דער מאַקע־דאָניער געבראַכט אַ קליין געבעטביכל מיט שוואַרצע טאָוולעך און אַן איינגעפּרעסט צלמל אין מיטן. און ווען וועגער פלעגט זיך אין די אָוונטן אָוועקזעצן לייענען, פלעגט ער אויך עפּענען זיין תהילימל און אָנהייבן זאָגן. אַזוי ווי וועגער, האָט ער אויך אַוועקגעשטעלט אַ קעסטל לעבן זיין בעט, אָנגעצונדן עטלעכע ליכט ער זאָל בעסער זען און געפּרעפּלט אַ תפילה אויף זיין שפּראַך. ער האָט די תפילה כסדר איבערגעחזרט מיט אַ ניגון, וואָס האָט אויך נישט געהאַט קיין סוף.

אין די פרייע שעהען פלעגט וועגער גיין צום טייך זיך לערנען אויס־האַלטן אַ גאַנצן טאָג אין וואַסער, כדי צו געווינען דעם פאַרמעסט. דאָס מאָל איז ער אַוועק אין אַ זונטיק אין דער פרי, ווען די זעלנער האָבן גערוט. ער האָט זיך אָפּגעראַזירט, אָפּגעשוירן און אַוועק צום בוש וואָס האָט געפירט צום טייך, כדי אויסצופירן וואָס ער און מיכאַילאָוויטש, דער יוגאָסלאַוו, האָבן זיך געהאַט פאַרגענומען. אַ ביסל שפּעטער בין איך אים נאָכגעלאָפן צום טייך און, זיצנדיק ביים ברעג אויף אַן אומגעפאַלענעם בוים, געקוקט אויף וועגערן אין וואַסער. ווייל מיכאַילאָוויטש איז דאָך שוין דעמאָלט געווען טויט. אַ וואָך נאָך דעם ווי ער איז פאַרשוווּנדן געוואָרן האָט מען געפונען זיין גוף פאַרוויקלט אין וואַסערגראָז און די וועלכע האָבן אים אַרויסגעצויגן האָבן דערציילט, אַז ס'איז אים מער נישט געווען צו דערקענען, שוין אָפּגע־רעדט מיכאַילאָוויטש דער טומלער, דער באַרימער. און אַ באַרימער איז ער געווען. שוין דעם ערשטן טאָג, ווען ער איז געקומען אין לאַגער האָט ער אויסגערופן, אַז קיינער וועט זיך נישט קאָנען פאַרגלייכן מיט יוגאָסלאַוויש בלוט. דעמאָלט האָבן די גריכן אַרויסגעשטעלט פּאַפּאַ־דימיטריו, ער זאָל זיך אָננעמען פאַרן גריכישן כבוד. מען איז דעמאָלט געשטאַנען ביי דער קיך

אין דער ריי, צום עסן, האָט דער יוגאָסלאַוו, זעענדיק אַ קוכער מיט אַ פּאַטעלניע, פֿאַרגעלייגט מען זאָל זיך קלאַפּן מיט פּאַטעלניעס איבער די קעפּ, צו זען ווער עס וועט לענגער אויסהאַלטן. האָט מען אַזוי געטאָן.

מען האָט אַרויסגענומען פֿון קיך נאָך אַ פּאַטעלניע, דער יוגאָסלאַוו און דער מאַקעדאָנער האָבן אויסגעטאָן די היטלען און זיי האָבן זיך אָנגעהויבן קלאַפּן איבער די קעפּ. דער האָט געטאָן יענעם אַ קלאַפּ און יענער האָט געענטפֿערט. גריכן און יוגאָסלאַוון האָבן זיך צערוקט אין צוויי מחנות און אויך די אַנדערע זעלנער, יידן און גויים פֿון פֿאַרשידענע לענדער, האָבן געפּייפֿט און געשריגן און געמאַכט אַ טומל. ס'איז נישט געווען קיין ווילד געשלעג. זיי האָבן זיך נישט געוואָרפֿן איינער אויפֿן אַנדערן, נאָר געטאָן אַ קלאַפּ און געוואַרט אויף אַ קלאַפּ. מיכאַילאָוויטש איז געווען אַ פֿריילעכער בחור און ער האָט ליב געהאַט, אַז אַרום אים זאָל זיך טומלען. ס'האָט אים הנאה געטאָן וואָס אַלע קוקן אויף אים און פֿון מאָל צו מאָל האָט ער ביים דערלאַנגען אַ קלאַפּ און אויך ביים באַקומען אַ זעץ איבערן קאָפּ אויסגע־שאָסן אין אַ געלעכטער. אָבער פּאַפּאַ־דימיטריו האָט געשלאָגן שטום און אַ ביסל פֿאַרפֿינצטערט, כאָטש זיין לויזע אונטערשטע ליפּ האָט געשמייכלט ווי ביי אַ פֿערד. זיין קאָפּ איז געווען אַראָפּגעבויגן די גאַנצע צייט פֿון געשלעג. אַנישט, וואָלט מיכאַילאָוויטש נישט געקאָנט דערלאַנגען מיט דער פּאַטעלניע צו זיין קאָפּ.

זיי האָבן זיך געשלאָגן ביז עס איז געוואָרן פֿינצטער און אויך נאָך דעם, לעבן דעם פֿייער פֿון אַן אונטערגעצונדענעם שייטער. די זעלנער האָבן געליאַרעמט און זיך געשטופּט און נישט געלאָזן זיי איינשטיין אויף איין אָרט. זיי האָבן זיך אין אָנהייב געלאָזן שטופּן און נאָך דעם זענען זיי גע־גאַנגען מיטן אייגענעם אימפּעט. אַ קלאַפּ און אַ גיי. זעלנער האָבן געהאַלטן ברענענדיקע צווייגן און באַלויכטן דעם וועג. אַזוי זענען זיי אַרויף אויפֿן ברייטערן שליאַך, וואָס האָט זיך געצויגן צווישן פּאַשע און בוש צו דער באַנ־סטאַציע און, אַ ביסל ווייטער, צום קליינעם שטעטל. צו ערשט איז מען נישט אויסן געווען, אָבער נאָך דעם איז שוין געווען קלאָר, אַז זיי וועלן אַזוי קלאַפּנדיק דערגיין אין שטעטל אַריין. מען האָט זיי נישט געקאָנט אָפּ־שטעלן. נישט אַזוי דעם יוגאָסלאַוו און דעם מאַקעדאָנער, ווי די צעהוליעטע

זעלנער אַרום זיי. מען האָט יאָ געפּרוווט, צו ערשט די אָפיצירן און נאָך דעם דער קאַפּיטאַן פון לאַגער, נאָר אויך ער האָט זיך שנעל אָפּגערוקט. ער האָט שוין דעמאָלט געוווסט מיט וועמען ער האָט צו טאָן, צוליב דער מעשה מיט די ביקסן. איין מאָל האָט מען געבראַכט אין לאַגער אַריין אַ לאַסט־אויטאָ מיט ביקסן, כדי צו לערנען די זעלנער שיסן. דאָס האָט טאַקע דער קאַפּיטאַן אַליין אַרויסגעפּאָדערט דאָס געווער, כדי צו הייבן זיין כבוד און אויך דעם כבוד פון זיינע זעלנער, אַז זיי זענען נישט סתם טרעגער, וואָס לאָדן באַנען, נאָר סאָלדאַטן גרייט אויף מלחמה. ער האָט לאַנג געוואַרט אויפן געווער און ווען דער אויטאָ איז אָנגעקומען אין לאַגער, האָט ער געשיינט. אָבער מער ווי איין טאָג זענען די ביקסן אין לאַגער נישט געווען. די ידיעה האָט זיך שנעל פאַרשפּרייט און זעלנער האָבן אָנגעהויבן אַרומ־באַשמעקן דעם פאַרשלאָסענעם שפּייכלער, ווו מען האָט די אַלטע ביקסן אָפּגעלייגט. אין קליינע גרופּעס, העגט פאַרפלאָכטן צווישן אַרעמס, פאַר־שטעקטע טיף אין די קעשענעס, האָבן זיי מיט ביסטרע בליקן געציילט די ברעטער פון די שפּייכלער, זיך איבערגעפּייפט און איבערגערופן אויף שפּראַכן וואָס דער קאַפּיטאַן און זיינע אָפיצירן האָבן נישט פאַרשטאַנען. נאָך די זעלבע נאַכט, ווען די זעלנער זענען געשלאָפן, האָבן דער קאַפּיטאַן מיט זיינע אָפיצירן אַרויסגעלייגט די ביקסן אויף אַ וואָגן און זיי צוריק אַרויסעקספּעדירט פון לאַגער. זינט דעמאָלט האָט מען מער קיין געווער אין לאַגער נישט געבראַכט.

דער יוגאָסלאַוו און דער מאַקעדאָנער האָבן איינער דעם אַנדערן גע־קלאַפּט איבער די קעפּ. אַ גיי און אַ קלאַפּ. אַ פּאַרטיע זעלנער, אַהיימגייענ־דיק פון דער אַרבעט, איז אָנגעקומען אַנטקעגן און אַראָפּ אין אַ זייט, צו מאַכן וועג פאַר דער פריילעכער פּראָצעסיע מיט שטורקאַצן אין די הענט. נאָך דעם איז וועגער אָנגעקומען און ער איז נישט אַראָפּ אין אַ זייט, נאָר אַריין גלייך צווישן די שלעגער, אָבער די זעלנער פון הינטן האָבן אים פאַרשטעלט דעם וועג און נישט געלאָזט דורכגיין. ס'איז געווען דעם מאַקע־דאָנערס ריי צו געבן דעם קלאַפּ. ער האָט אויפגעהויבן די פּאַטעלניע אין דער הייך און זיך פאַרהאַלטן. אינעם ליכט פון די אָנגעצונדענע דרענגער האָט ער געזען וועגערן לעבן זיך. האָט ער קיין קלאַפּ נישט געטאָן און, נאָך

אַ רגע, געלאָזן די פּאַטעלניע אַראָפּפאַלן אויף דער ערד. אויך דער יוגאָ־סלאַוו האָט זיך פאַרהאַלטן און נאָך דעם אַ שליידער געטאָן, ווי אַ טעלער, זיין פּאַטעלניע אין דער נאַכט אַריין. ער האָט אַוועקגעשטופּט וועגערן און אַרומכאַפּנדיק דעם מאַקעדאָנער געשווירן אייביקע פריינדשאַפט און ברו־דערשאַפט צווישן יוגאָסלאַוויש און גריכיש בלוט. אַלס אָנערקענונג פאַר פּאַפּאַ־דימיטריו, וואָס ער האָט אויסגעהאַלטן אַזוי לאַנג דעם פּאַרמעסט און נישט אויפגעגעבן, האָט ער געלאָזן וויסן, אַז ער וועט נאָך די זעלבע נאַכט זיך אַריבערציען צו פּאַפּאַ־דימיטריו אין געצעלט אַריין.

אין אָנהייב איז וועגערן די זאַך נישט געפעלן געוואָרן. ער האָט נישט געוואָלט מיכאַילאָוויטשן פאַר אַ שכן. ווױנען מיט פּאַפּאַ־דימיטריו איז געווען ווי וווינען אַליין. אין די אָוונטן, פאַרבייגייענדיק זייער געצעלט, האָב איך אַפילו אין דרויסן, לויט זייערע שאָטנס, וואָס האָבן זיך אָפּגעצייכנט אויף די לייוונטענע ווענט, געקאָנט זען ווי זיי זיצן, יעדער אויף זיין בעטל, און לייענען. פּאַפּאַ־דימיטריו, באַגלייטנדיק זיין תפילה פון עטלעכע ווערטער מיט אַ טונקל, נידעריק געברום. מחמת פּאַפּאַ־דימיטריו איז געווען אַן אָפּ־טער אַריינגייער אין דער קיך, פלעגט ער ברענגען פון מאָל צו מאָל אַ פּושקע מאַרמעלאַדע פאַר וועגערן. אַז וועגערן האָט אויסגעפעלט שאָקאָ־לאַד, פלעגט ער ביים לייענען שאָפּענהויער, פאַרן שלאָפנגיין, צולעקן אַ לעפעלע מאַרמעלאַדע. אָבער מיכאַילאָוויטש איז געווען אַ טומלער. וועגער האָט זיך באַקלאָגט אַז מיט אַזעלכע ציין, וואָס דער יוגאָסלאַוו פאַרמאָגט, קאָן מען בייסן אַ מענטש. און ס׳איז אמת געווען. ס׳האָט לאַנג נישט געדויערט און נאָך דעם קלאַפּן מיט די פּאַטעלניעס איבער די קעפּ, האָט מען געהערט אַז מיכאַילאָוויטש האָט געביסן. אין שטאָטישן שענק, ווו ער האָט געשיכורט, האָט אים אַן אויסטראַלישער זעלנער באַליידיקט. האָט אים דער יוגאָסלאַוו געוואָרנט ער זאָל עס מער נישט טאָן, אַנישט וועט ער אים בייסן. אָבער דער זעלנער האָט אים נאָך אַ מאָל גערופן מיט אַ געמיינעם צונאָמען. איז דער יוגאָסלאַוו צוגעגאַנגען, אָנגענומען דעם זעלנער ביי ביידע אויערן און איינגעביסן אַ באַק.

אין די אָוונטן איז מיכאַילאָוויטש געווען לרוב פאַרשיכורט און גע־וואָלט ס׳זאָל זיין פריילעך. קודם־כל האָט ער באַהאָנגען די ווענט פון גע־

צעלט מיט פאָטאָגראַפיעס פון פרויען, אויסגעשניטענע פון זשורנאַלן. איבער פאַפּאַ־דימיטריוס בעט האָט ער צוגעשפיליעט אַ גאַנצן פּלאַקאַט, אַלס סימן פון פריינדשאַפט. ער האָט געהאַט נאָך אַזאַ פּלאַקאַט און ער האָט אים געוואָלט אויפהענגען איבער וועגערס בעט. ער האָט אַזוי אויסגעמאָסטן, אַז בעת וועגער וועט ליגן אויפן בעט זאָל ער האָבן דאָס גאַנצע מיידל פאַר זיינע אויגן. נאָר וועגער האָט נישט געוואָלט. מיכאַילאָוויטשן האָט עס גע־חידושט. ער איז צוגעגאַנגען צו וועגערן און אים אַ קיצל געטאָן. נאָר וועגער האָט נישט געלאַכט. מיכאַילאָוויטש האָט יאָ געלאַכט, געשמייכלט שיכורלעך און געוויקלט זיינע פייגע, שטאַרקע וואָנצעס.

— קוק אויף דעם! קוק אויף דעם! — האָט ער געשריגן, אָנווייזנדיק וועגערן אויפן מיידל, וואָס איז געלעגן אויסגעצויגן איבער דער גאַנצער לענג פון פּלאַקאַט.

נאָר וועגער האָט נישט געענטפערט. שפּעטער, אין אָוונט, ווען איך בין אַריינגעקומען צו אים אין געצעלט, און זעענדיק די באַהאַנגענע ווענט גע־הויבן די אַקסלען מיט חידוש און געזאָגט: „גיב נאָר אַ קוק אויף דעם", נישט וויסנדיק, אַז דער יוגאָסלאַוו האָט שוין פריער דאָס זעלבע געשריגן, דעמאָלט האָט וועגער יאָ געשמייכלט און געזאָגט גאָר אויף דייטש, די שפּראַך וואָס ער האָט פיינט באַקומען און געוואָלט פאַרגעסן:

— נו יאָ, די גרעטכען־פראַגע.

אָבער לעבן זיין בעט איז יאָ געווען צוגעשפיליעט אַ פאָטאָגראַפיע — פון אַ מאַן.

— אָטאָ וויינינגער — האָט וועגער געזאָגט.

און ער האָט מיר דערציילט, ווער יענער איז געווען: אַ יונגער־מאַן וואָס האָט אָנגעשריבן אַ פילאָזאָפיש ווערק און באַרימט געוואָרן אויף דער וועלט. ער איז אויך געווען אַ פרויענפיינט און צו איין און צוואַנציק יאָר האָט ער זיך דערשאָסן אויף די טרעפּ פון אַ בעטהאָווען־זאַל.

וועגער האָט אויסגעשניטן די פאָטאָגראַפיע פון בוך, וואָס ער האָט געלייענט, און צוגעשפיליעט צו דער וואַנט, כדי דער יוגאָסלאַוו זאָל זיך אָפּטשעפּען פון אים און נישט האָבן קיין אויסרייד, אַז די וואַנט איז ליידיק און ער מוז זי באַהענגען. און ס'האָט אויך געהאָלפן. אָטאָ וויינינגער האָט

אָפּגעשטופּט פון זיך, לפּחות אויף דער לענג פון וועגערס בעט, דעם יוגאָ־סלאַווס מיידלעך.

איצט האָט פּאַפּאַ־דימיטריו אויפגעהערט אַריינקוקן אין זיין געבעט־ביכל און ליגנדיק אויפן בעט געקוקט צום מיידל איבער אים, אויפן פּלאַ־קאַט. דער יוגאָסלאַוו איז אין די אָוונטן אין געצעלט נישט געווען. ער האָט געשיכורט און געשפּילט אין קאָרטן, אין עסזאַל, ביז שפּעט אין דער נאַכט. פּאַפּאַ־דימיטריו איז אין די אָוונטן אין עסזאַל נישט געגאַנגען. ער איז געווען אַ פרעמדער צווישן מענטשן, אַזוי ווי וועגער.

— איך אַנטלויף נאָך אַלץ פון דייטשלאַנד — האָט וועגער מיר גע־זאָגט — און דאָס ווייטסטע אָרט פון דאָרטן איז דער מאַקעדאָנער.

אָבער איין מאָל האָט דער מאַקעדאָנער זיך אָפּגעשיידט פון וועגערן און אַריינגעשטופּט אים, ער זאָל שטיין צווישן יידן און וועגער האָט עס נישט געוואָלט.

ס'איז געווען חנוכה און אַ יידישער אַרמיי־ראַביי איז אַראָפּגעקומען האַלטן אַ דרשה פאַר די זעלנער. אין אַ זונטיק, ווען די זעלנער האָבן נישט געאַרבעט, האָט מען זיך פאַרזאַמלט אין עסזאַל און דער ראַביי, אַ הויכער, אַ גרויער, אין דער ראַנג פון אַ וויכטיקן אָפיציר, האָט זיך אַרויפ־געשטעלט אויף אַ ברייטער באַנק, אָנגעצונדן אַ מנורה און אָנגעהויבן זיין דרשה:

When I kindle the candles — — האָט ער אָנגעהויבן אויף ענגליש און דערציילט וועגן די יידן אַ מאָל אין ארץ־ישראל. ער האָט דערציילט וועגן אַנטיאָכעס דעם רשע, וועגן די מכבייער און די מלחמות צווישן די יידן און די גריכן. נישט נאָר יידישע זעלנער זענען געזעסן אין זאַל, אויך גריכן זענען דאָרט געווען און זעלנער פון אַנדערע פעלקער. זיי זענען געזעסן אינעם צווייטן טייל און געשפּילט אין קאָרטן. זיי וואָלטן זיך מסתמא נישט געכאַפּט וואָס עס קומט פאָר, ווען דער ראַביי וואָלט זיך נישט געהיצט און געשריגן. פאַרכאַפּט פון זיינע אייגענע רייד און פון דער אַמאָליקער יידישער גבורה, האָט ער האַלב־זאָגנדיק, האַלב־ניגונדיק דערציילט וועגן דעם אייביקן געראַנגל פון די יידן מיט די

שונאים פון יידישן גאָט און ער האָט נישט באַמערקט די רמזים פון די יידישע זעלנער, ער זאָל רעדן שטילער, ווייל פון הינטן האָט מען זיך שוין אָנגעהויבן אונטערהערן. דאָ און דאָרט האָט אַ גריך אַרויסגעקוקט פון די קאָרטן, א שמעק געטאָן די לופט און אונטערגעשטעלט אַן אויער. אַ צווייטער גריך האָט אים נאָכגעטאָן און געגעבן אַ פייף. עמעצער האָט אויף דעם פייף געענטפערט. באַלד האָט אַ גריך מיט לאַנגע באַקנבערד א שמיץ געטאָן זיינע קאָרטן, אַרויפגעשפּרונגען אויפן טיש און אויסגערופן, אַז ווער עס איז פון ריין גריכיש בלוט, זאָל זיך שטעלן אויף זיין זייט. מען האָט אים געפאָלגט. ס׳איז געוואָרן אַ סומאַטאָכע איבער בענק און איבער טישן. טומלענדיק אויף זייער שפּראַך האָבן די גריכן אַלע מאָל געשריגן „קאַנאַדעזאָס״, מיינענדיק בלשון־סתר די יידן, און די יידישע זעלנער האָבן געשריגן „גימעלעך״, מיינענדיק בלשון־סתר די גריכן, און דאָס אַלץ, כדיביידע צדדים זאָלן זיך נישט כאַפּן וועמען מען מיינט. שוין עטלעכע יאָר ווי ביידע צדדים האָבן געלעבט אין איין לאַגער און זיי האָבן גאָרנישט אָנגעהויבן צו וויסן, אַז זיי האָבן אַ מאָל געפירט צווישן זיך מלחמות און אַז זיי דאַרפן זיך זיין שונאים. אָבער די גריכן, הערנדיק אַצינד וואָס דער ראַביי האָט געזאָגט, זענען אַרויס אין דרויסן אין איין מחנה. די יידן נאָך זיי, באַזונדער. און ביידע מחנות זענען געווען גרייט אויף געשלעג. ווען פּאַפּאַ־דימיטריו, ליגנדיק אין געצעלט אויף זיין בעט, האָט געהערט אַז מען רופט ריין גריכיש בלוט, האָט ער גענומען דעם שטעקן אין דער האַנט, אַרויס אין דרויסן און אַוועק צום פּלאַץ ווו די גריכן האָבן זיך געזאַמלט. אויך וועגער איז אַרויס פון געצעלט זען, וואָס עס איז געשען, אָבער ער איז געבליבן שטיין באַזונדער און זיך מיט קיינעם נישט געמישט. ער איז נישט צוגעגאַנגען צו קיין שום מחנה. ווען פּאַפּאַ־דימיטריו האָט געזען וועגערן שטיין באַזונדער און אַליין, איז ער אַרויס פון צווישן די גריכן און צוגעגאַנגען צו אים, אים אָנגענומען ביים אָרעם און אים צוגעפירט צום אָרט ווו די יידן זענען געשטאַנען. ער אַליין איז צוריק אַוועק צו דער מחנה פון די גריכן. ווי נאָר ער האָט זיך אַוועקגעשטעלט און אויסגעדרייט, האָט ער געזען, אַז וועגער איז שוין ווידער געשטאַנען באַזונדער אויפן זעלבן אָרט, פון וואַנען ער האָט אים אַוועק־

געפּירט. איז פּאַפּאַ־דימיטריו נאָך אַ מאָל צוגעגאַנגען מיטן שטעקן אין דער האַנט צו וועגערן און געבליבן שטיין לעבן אים מיט אַ געבויגענעם קאָפּ.

„שלאָג דעם קאַנאַדעזאָס!״ — האָט מען פון צווישן די גריכן גע־שריגן און מען האָט געוואָרט אַז פּאַפּאַ־דימיטריו זאָל אויפהייבן זיין שטעקן.

„שלאָג דעם קאַנאַדעזאָס!״ — האָט מען געשריגן צו אים העכער און פון אומעטום. אָבער פּאַפּאַ־דימיטריו איז געשטאַנען און געשוויגן און זיין קאָפּ איז געווען געבויגן איבער וועגערן, ווי איבער אַן אָבל.

דעמאָלט איז מיכאַילאָוויטש געקומען צו רייטן אויף אַ פערד. ער פלעגט אַלע מאָל דינגען אַ פערד אין שטעטל און קומען צו רייטן אין לאַ־גער אַריין. זעענדיק צוויי מחנות אָפּגעטיילט איינע פון דער אַנדערער איז ער אַריין אין מיטן, זיכער, אַז דאָס האָט מען געמאַכט פאַר אים אַ וואַרע. ער האָט אַ ציִ געטאָן די לייצעס, אַז דאָס פערד זאָל זיך שטעלן אויף די הינטערשטע פיס און אַליין האָט ער אויסגערופן צוביידע מחנות, אַז זיין נאָמען איז מער נישט מיכאַילאָוויטש. אַז מיכאַילאָוויטש, דער פירער פון יוגאָסלאַווישן פאָלק, איז געוואָרן אַ בוגד און דערפאַר זאָל מען אים פון איצט אָן רופן מיט אַ נייעם נאָמען — טיטאָ. מיכאַילאָוויטש האָט געריטן אויפן פערד ווי אַ מלך און פון ביידע מחנות האָט מען געוואָרפן היטלען אין דער לופט און געשריגן „טיטאָ!״.

דערווייל איז דער כעס פאַרגעסן געוואָרן און אויף צו מאָרגנס, קומענ־דיק פון דער אַרבעט, האָט וועגער געבראַכט אין געצעלט אַריין אַ שאַרבן פון אַן אָקס, וואָס ער האָט געפונען אויפן וועג. כ׳בין דעמאָלט געגאַנגען מיט אים צוזאַמען פון דער אַרבעט און אים געהאָלפן טראָגן דעם שאַרבן. וועגער האָט מיר געזאָגט, אַז דער שאַרבן וועט אים צו נוץ קומען צו די לעקציעס וואָס ער האָט באַשלאָסן צו האַלטן פאַר פּאַפּאַ־דימיטריו אין די אָוונטן. ווייל נאָך דעם זעלבן אָוונט, נאָך דער געשעעניש מיט די גריכן האָט וועגער אין געצעלט זיך אַוועקגעזעצט דערקלערן דעם מאַקעדאָנער פאַר וואָס ער, וועגער, איז געשטאַנען באַזונדער און זיך נישט געוואָלט אויסמישן מיט קיינעם און פאַר וואָס פּאַפּאַ־דימיטריו האָט אים נישט געדאַרפט אַריינשטופן צווישן די יידן.

— פאַר וואָס טאַקע? — האָב איך גייענדיק לעבן אים זיך גע־חידושט.

— אויף פּאַפּאַ־דימיטריו האָט עס געפּרעגט — האָט וועגער גע־ענטפערט און ער האָט מיר געגעבן צו האַלטן דעם שאַרבן, כדי ער זאָל קאָנען אויסווישן די ברילן. מיר זענען ביידע געווען האַלב־נאַקעט, ווייל ס'איז געווען הייס און אויך די נאָכמיטאָג־זון האָט געברענט.

לענג־אויס דעם וועג האָט זיך געצויגן אַ פעלדפּאַרקאַן, אָפּגערוקט אַ ביסל, אויף דער צווייטער זייט וועג, האָבן זיך געצויגן די הייסע באַנ־שינעס. דער וועג גופא איז געלעגן אין שטויב און געשלאָגן מיט אַ טרו־קענער היץ. וועגער האָט צוריק אָנגעטאָן די ברילן און געזאָגט: „נאָר נישט צו זיין מיט אַן אָנגעלאָפּענעם המון”. אַז צו לעבן איינזאַם און אַליין איז אַ לוקסוס, וואָס ער מוז עס האָבן, אַפילו אַזוי צו שטאַרבן. דאָס שטענדיקע שטיין אין דער ריי צום עסן, אַריינגעשטופּט צווישן אַקסלען און פּלייצעס, האָט אים ווי געטאָן. נאָך דער מלחמה וועט ער זיכער אַוועק אויף אַ ווייטער פאַרם און שוין דאָרטן פאַרבלייבן אַליין אויף שטענדיק.

אָבער נאָך דער מלחמה, ווען מיר זענען געוואָרן אויס זעלנער, איז וועגער אַוועק קיין ישראל, ווו מיר האָבן זיך ווידער געטראָפן און גע־לעבט צוזאַמען אין איין קיבוץ. איין מאָל, צו מיטאָגצייט, אַרויסקומענדיק פון די שעפּסן־שטאַלן, ווו איך האָב געאַרבעט, האָב איך געזען וועגערן וואַרטן אויף מיר ביי אַ שעפּסן־הייפל. ער איז געווען אָנגעטאָן אין זעלנער־שע קליידער, אַזוי ווי דעמאָלט אין דער אַרמיי אין אויסטראַליע, כאָטש זינט דאַן זענען שוין אַוועק עטלעכע יאָר. מיט איין קני עטוואָס געבויגן, אַ סימן פון שעמעוודיקייט, האָט ער אומזיכער געשמייכלט, צוליב זיין קורצזיכטיקער ראיה, צוליב דעם, וואָס מיר האָבן זיך נישט געהאַט געזען אַזאַ לאַנגע צייט, צוליב דעם, וואָס נאָך דער מלחמה איז ער ברוגז גע־וואָרן אויף מיר און נישט געוואָלט מיט מיר רעדן, און אַצינד האָט ער נישט געוווּסט ווי אַזוי איך וועל אים אויפנעמען. מיר זענען געגאַנגען עסן אין חדר־האוכל און נאָכן מיטאָג האָט וועגער געזאָגט, אַז ער וואָלט געוואָלט פאַרבלייבן אין קיבוץ. אויפן צווייטן טאָג בין איך דעריבער געפאָרן מיט

אים, העלפֿן ברענגען זײַנע זאַכן אין קיבוץ אַרײַן. אויפֿן וועג האָט ער מיר דערציילט, אַז ער האָט שוין אויסגעפּרוווט עטלעכע קיבוצים און אין מײַן קיבוץ האָט אים דאָס עסן געשמעקט צום בעסטן. דער עיקר די קאַרטאָפֿל־זופּ. ס׳האָט אים דערמאָנט אין זײַן היים, ווען ער איז נאָך געווען אַ ייִנגל.

וועגער האָט געוווינט ווײַט און איך בין געבליבן נעכטיקן בײַ אים. מיר האָט ער אָפּגעגעבן זײַן אײַזערן בעטל און פֿאַר זיך האָט ער געמאַכט אַ געלעגער אויפֿן דיל. די זעלנערשע קאָצן אויפֿן בעט האָבן דערמאָנט אין אונדזערע יאָרן אין דער אַרמיי. צוקאָפּנס פֿון בעט איז געשטאַנען האַלב אָנגעשטאָפּט מיט אָנטועכץ זײַן זעלנערזעקל, מיט וועלכן ער האָט זיך באַ־פֿרײַט פֿון דער אַרמיי און געקומען קיין ישׂראל. זײַן נאָמען און זײַן נומער איז נאָך געווען אָנגעמאָלט אויפֿן זעקל, נאָר דאָ און דאָרט האָט שוין גע־פֿעלט אַן אות. אויפֿן וואַנט איז געהאַנגען אַ קליינע פֿאָטאָגראַפֿיע. כ׳האָב זיך צוגעבויגן נעענטער און זי באַקוקט. אָטאָ ווײַנינגער. „איך וועל זיך אײַנבויגן און אַ זוך טאָן אונטערן בעט״, האָב איך געטראַכט, און איך וועל דאָרט געפֿינען דעם שאַרבן פֿון אָקס, וואָס וועגער האָט געהאַט אַ מאָל אַהיימגעבראַכט, כדי צו לערנען פּאַפּאַ־דימיטריו די געשיכטע פֿון מענטשן אויף דער וועלט.

דעם שאַרבן פֿון אָקס האָט דער קאַפּיטאַן פֿון לאַגער געפֿונען אונטער וועגערס בעט אויף איינע פֿון זײַנע רעוויזיעס אין די געצעלטן. וועגער איז דעמאָלט, ווי אַלע אַנדערע זעלנער, געווען בײַ דער אַרבעט, אָבער פּאַפּאַ־דימיטריו איז געווען אין געצעלט. ער האָט שוין דעמאָלט מער נישט גע־קליבן קיין פּאַפּירלעך מיטן שטעקן, נאָר צו רעכט געמאַכט צעריסענע געצעלטן. ער האָט שוין געהאַט דעמאָלט געוואָרפֿן אַן אומחן אויפֿן שאַרבן פֿון אָקס און ווען מען האָט אים געפֿרעגט, ווער עס האָט דעם שאַרבן גע־בראַכט אין געצעלט אַרײַן און צו וועמען ער געהער, האָט ער דערציילט — צום סאַלדאַט וועגער. און וועגערן האָט דער קאַפּיטאַן געדענקט צוליבן פּיאַ־נאָ־שפּילן. אין דער גרויסער פּאַלאַטע, וווּ די זעלנער האָבן געגעסן, איז געשטאַנען אַ פּיאַנאָ און וועגער פֿלעגט אָפֿט שפּילן אויף איר. איין מאָל,

אין אַ זונטיק, איז דער קאַפּיטאַן אַריינגעקומען און זיך איינגעהערט. ער האָט געוואָלט וויסן וואָס וועגער שפּילט. וועגער האָט אים געזאָגט. האָט דער קאַפּיטאַן מבטל געמאַכט מיט דער האַנט די מוזיק. קלאַפּנדיק פּאַטער־לעך וועגערן איבערן אַקסל, האָט ער אים פאַרגעלייגט איבערלאָזן באַכן און די אַנדערע מאָצאַרטס און בעסער אויפשפּילן אַ פריילעכן שלאַגער, וואָס ער און אויך אַלע זעלנער האָבן ליב. גלייך האָט דער קאַפּיטאַן זיך אַרויפגע־שטעלט אויף אַ טיש, געפּאַטשט מיט די הענט, ס'זאָל ווערן שטיל, און אויסגערופן, אַז פון איצט אָן וועט מען מאַכן פאַרוויילונגען אין לאַגער. מען וועט ברענגען מיידלעך פון שטאָט, צו טאַנצן מיט די זעלנער, און דער סאָלדאַט וועגער וועט צושפּילן אויף דער פּיאַנאָ. אויף דעם האָט וועגער זיך נישט געריכט און ער האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ, אַז ער איז נישט מסכים אויף דעם. דאָס האָט דעם קאַפּיטאַן אויפגערעגט. אַ פּראָסטער זעלנער זאָל וואַגן אים אָפּזאָגן און פאַר אַלעמען אין די אויגן. ער איז געוואָרן אין כעס און פון גרויס צאָרן האָט ער געשמייכלט. ער האָט אָנגעצילט אַ פינגער אויף וועגערן און געשאָקלט מיט זיין קאָפּ אויף יאָ. אָבער וועגער האָט ווידער געשאָקלט מיטן קאָפּ אויף ניין און אַ ווײַלע זענען זיי אַזוי געשטאַנען און ביידע, אַריינגעטריבן אין אַמביציע, ווער עס וועט אויסהאַלטן לענגער, האָבן זיי געשאָקלט מיט די קעפּ אין פאַרקערטע ריכטונגען. וועגער האָט נישט נאָכגעלאָזט. דער קאַפּיטאַן האָט געשריגן, אַז וועגער וועט שוין יאָ שפּילן, אַז ער וועט אים דערצו צווינגען און אַ סך זעלנער האָבן זיך גע־שטעלט אויפן קאַפּיטאַנס צד און געפייפט און געשריגן מיט אים, האָט וועגער אויפגעהויבן העכער דעם קאָפּ און געשאָקלט מיט אים אויף ניין צו אַלעמען אין דער פּאַלאַטע. זינט דעמאָלט האָט ער זיך מער נישט צוגע־רירט צו דער זעלנערשער פּיאַנאָ. ער האָט אויסגעפונען אין שטעטל אַן אַלטן מאַן, וואָס האָט געהאַט אַ פּיאַנאָ ביי זיך אין שטוב און ער פלעגט גיין צו אים שפּילן.

דער קאַפּיטאַן האָט דאָס וועגערן נישט פאַרגעבן און ער פלעגט זיך אָפּרעכענען מיט אים ביי יעדער געלעגנהייט. אויך דעמאָלט האָט ער באַ־פוילן מען זאָל דעם שאַרבן אַרויסוואַרפן אין מיסט און מען זאָל אָנזאָגן וועגערן, אַז אויב ער וועט ווען קוקן אויף אַ שאַרבן פון אַן אָקס, זאָל ער

קומען אים זען. און וועגער האָט עס געטאָן. גלייך פון דער אַרבעט, אומ־געוואַשן, איז ער געלאָפן צום קאַפּיטאַן.

איך האָב דערציילט וועגערן אין וואָס איך האָב זיך דערמאָנט, און וועגער האָט מיר געזאָגט, אַז דאָס איז עס אייגנטלעך, וואָס האָט אים געפעלט די גאַנצע צייט זינט ער איז געקומען קיין ישראל — אַ פּיאַנאָ. אויף צו דינגען אָדער קויפן אַ פּיאַנאָ האָט ער קיין געלט נישט געהאַט, מחמת ער האָט זיך אויסגעהאַלטן פון שוואַרצער אַרבעט און ווייניק פאַר־דינט. ער האָט געפּלאַנצט ביימער און גערייניקט וועגן. איין מאָל האָט מען אים געשיקט רייניקן דעם הויף פון אַ קיבוץ, האָט ער רייסנדיק דאָס ווילדגראָז אַרום עסזאַל געזען דורכן אָפענעם פענצטער אַ פּיאַנאָ אין אַ ווינקל. האָט ער איבערגעלאָזט דעם רידל אין דרויסן, אַריין אינעווייניק, צוגערוקט אַ שטול און זיך אַוועקגעזעצט שפּילן. מענטשן האָבן שוין גע־האַט אָפּגעגעסן און בלויז די סאַרווערס האָבן זיך געפּאַרעט ביים רייניקן די טישן. איינער פון די סאַרווערס האָט אויסגעדרייט זיין פּנים און זיך איינגעהערט צו די פּלוצעמדיקע קלאַנגען. ער האָט אָנגעקוקט מיט אַ לענגערן בליק דעם מאַן, וואָס האָט אָקערשט געריסן ס׳ווילדגראָז און שפּילט איצט אויף דער פּיאַנאָ. צום סוף האָט ער אַ הייב געטאָן אַן אַקסל און געזאָגט זיך אַליין, אַז ער ווייס נישט ווער דאָס איז און ווייטער געוואַשן דעם טיש. אַן עלטערער מאַן האָט זיך אָפּגעשטעלט לעבן וועגערן און גע־וואַרט אויף אַ הפסקה. ווען וועגער האָט זיך פאַרהאַלטן, האָט ער אים געפרעגט צי ער האָט ליב שפּילן פּיאַנאָ און גלייך האָט ער אים פאָרגע־לייגט ער זאָל ברענגען זיין משפּחה אַהער, בלייבן אין קיבוץ, ווערן אַ חבר, וועט ער קאָנען שפּילן אויף דער פּיאַנאָ יום־ולילה. אַזאַ מין רעיון איז וועגערן ביז איצט גאָרנישט געהאַט איינגעפאַלן און ער איז גרייט געווען צו בלייבן גלייך אויפן אָרט. אָבער די פּיאַנאָ איז געווען צעבראָכן. אַ חורבה. און אויך דאָס עסן, מיט וועלכן מען האָט אים גלייך נאָך דעם מכבד געווען, איז נישט געווען פאַר זיין טעם. אָבער דער רעיון איז גע־בליבן. האָט ער אָנגעהויבן פאָרן איבער קיבוצים אין דער געגנט, ווו ער האָט געווינט, כדי אויסצופּרוּוון די פּיאַנאָס און דאָס עסן. נישט אומעטום איז געווען אַ פּיאַנאָ און נישט אומעטום האָט דאָס עסן אים געשמעקט.

ביז ער איז געקומען צו מיר אין קיבוץ אַריין. איידער ער האָט מיך אָפּגעזוכט ביי די שעפסן־שטאַלן האָט ער שוין געהאַט געזען, אַז אין טעאַטער־זאַל אויף דער בינע שטייט אַ גרויסער קלאַוויר מיט אַ פליגל און ווען ער האָט נאָך דעם געגעסן די זופ וואָס האָט אים דערמאָנט אין זיין היים, ווען ער איז געווען אַ ייִנגל, האָט ער שוין געוווּסט, אַז דאָ, אין זעלבן קיבוץ ווו איך בין, וועט ער אויך בלייבן.

נאָך דעם זעלבן טאָג, ווען ער איז צו מיר געקומען, האָט ער זיך באַפריינדעט מיטן אויפזעער פון טעאַטער־זאַל, אַן אַלמן פון עסטרייך, וואָס האָט אַליין אויך געשפילט פידל, און פאַר נאַכט, ווען מענטשן האָבן שפּאַצירט אין הויף, האָט דורך די פאַרמאַכטע טירן און אָפענע פענצטער פון בנין זיך געהערט דאָס שפּילן פון מוזיק. צו אָוונטברויט זענען וועגערס באַקן געווען פריש און פאַררויטלט און ס'האָט אים באַנג געטאָן, וואָס ער האָט מיך נישט געהאַט אָפּגעזוכט אַ סך פריער.

גאָר אין דער פרי האָבן מיר אַלץ איינגעפּאַקט, אַ וואַליזע און אַ זעלנערזעקל, און אַרויס אויפן וועג צוריק צום קיבוץ. ס'איז געווען וואַרעם און פריש אין דרויסן. ס'הייזל ווו וועגער האָט געוווינט איז געווען אַן אַראַביש און ס'איז געשטאַנען אַראָפּ צו אין אַן אָפּגערוקט געסל. מיר זענען געגאַנגען מיטן זאַמדיקן שטעגל, וואָס האָט געפירט צו דער גאַס. איינצלנע, הויכע עוקאַליפּטוס־ביימער זענען געוואַקסן ביי דער זייט. פּאַשע און פאַר־לאָזענע שטחים האָבן זיך געשפּרייט ביז צו די אַנדערע הייזער. וועגער האָט מיר געזאָגט, אַז זומערצייט, ווען אַלץ איז געווען פאַרטריקנט, האָט די געגנט דאָ אים דערמאָנט אין דער אויסטראַלישער לאַנדשאַפט, ווו דער זעלנערשער לאַגער איז געווען. מיר האָבן ביידע געדענקט דאָס פאַרוואָר־פענע שטעטל און דעם וועג פון דער באַנסטאַציע צום לאַגער, וואָס זומער איז ער געלעגן אין שטויב און די טרוקענע היץ האָט געשלאָגן פון דער דער ערד. אויף דעם שאַרבן פון אָקס וואָס וועגער האָט געפונען אויפן וועג. טראָגנדיק דעם שאַרבן האָט ער אים דעמאָלט פאַרשטעלט מיט זיין העמד, ווייל מיר האָבן געהערט אָנקומען אַ פאַרטיע זעלנער אויפן וועג צו דער אַרבעט, און וועגער האָט נישט געוואָלט, אַז דער שאַרבן זאָל זיך

וואַרפן וועמען אין די אויגן. די זעלנער זענען געגאַנגען צום טאַקט און געזונגען. אַ בחור מיט אַ לאַנג פּנים און גרינלעכע ציין האָט געזונגען יידישע ווערטער און די אַנדערע האָבן געענטפערט מיט דעם רעפריין:

„. . . . . יאָסל שוטה
דו גייסט ווערן אַ סאָלדאַט ביי די רויטע"

אויך די נישט־יידישע זעלנער האָבן מיטגעזונגען. לעבנדיק צוזאַמען אין לאַגער האָבן זיי זיך אויסגעלערנט איינער דעם אַנדערנס לידער. באַלד האָט טאַקע אַן איטאַליענער אויפגעהויבן זיין קול און ס'האָט זיך פאַרטראָגן אויפן שטויביקן וועג אַן אַלטער רוימישער מאַרש.

וועגער האָט געוואַרט ביז די זעלנער זענען פאַרשוווּנדן, ביז אויך זייער געזאַנג האָט זיך מער נישט געהערט און ער האָט געזאָגט, אַז ער טראָגט נישט אויף קיינעם קיין שנאה און אַז ער האָט נישט צו קיינעם קיין טענות, נאָר יעדער מין אַנגעלויף פון מענטשן איז אים דערווידער, ער קאָן עס נישט פאַרטראָגן און ער מיידט עס אויס. כ'האָב דערמאָנט וועגערן אין דעם אַנגעלויף פון די זעלנער, בעת דער יוגאָסלאַוו און דער מאַקעדאָנער האָבן זיך געשלאָגן מיט די פּאַטעלניעס איבער די קעפּ, און אַז דעמאָלט האָט ער גאָרנישט געפרווּווט אויסמיידן דעם המון, נישט אַראָפּ פון וועג, נאָר אַריין גלייך אין זייער מיטן. וועגער האָט געטוישט דעם שאַרבן פון אָרעם צו אָרעם און מיר געזאָגט, אַז אין יענעם אָוונט איז געווען זייער פינצטער. ווען ער האָט געהערט דעם ליאַרעם, האָט ער אין אָנהייב געמיינט, אַז מען האָט אונטערגעצונדן אַ בוים און מען מאַכט זיך פריילעך, ווי די זעלנער פלעגן עס אָפט טאָן. אָבער באַלד האָט ער דערזען די פייערן, וואָס האָבן זיך באַוועגט פון די ברענענדיקע דרענגער און גע־קומען אים אַנטקעגן. פון די פייערן און די שאָטנס און דעם געליאַרעם האָט עס אויסגעזען ווי מען וואָלט געפירט וועמען פאַרברענען, ווי אין די אַמאָליקע צייטן. ס'האָט אים פאַרכישופט און אַ צי געטאָן און ער האָט נישט געקאָנט אָפּטרעטן אין אַ זייט און ער האָט דעמאָלט געדענקט, אַז ס'איז שוין איין מאָל געשען אַזאַ פאַל מיט אים נאָך אין די סטודענטישע יאָרן. און וועגער האָט מיר אָנגעהויבן דערציילן דעם פאַל, נאָר ער האָט נישט פאַרענדיקט זיינע רייד. אַ סטאַדע צעבריקעוועטע ביקעס און קי־

זענען אַנגעלאָפֿן אויף אונדז. איך בין אַריבער דעם פּאַרקן און געשריגן צו וועגערן, ער זאָל טאָן דאָס זעלבע, נאָר ער האָט דעם פּאַרקן נישט אַריבערגעשפּרונגען און ער איז געגאַנגען, ווי נאַטירלעך, דער אַנלויפֿנ־דיקער סטאַדע אַנטקעגן. ווען די ביקעס זענען אָפּגעלאָפֿן און דער וואָלקן שטויב האָט זיך אָפּגעזעצט, איז וועגער געשטאַנען אַ ביסל ווייטער ווי איך האָב אים איבערגעלאָזט און ער האָט נאָך אַלץ געהאַלטן דעם שאַרבן אונטערן אָרעם. דאָס העמד מיט וועלכן ער האָט געהאַט פֿאַרדעקט דעם שאַרבן איז נישט געווען. ס'איז געלעגן אַ ביסל ווייטער צעקנוידערט און צעטראָטן פֿון די ביקעס, וואָס האָבן עס פֿאַרשלעפּט. וועגער האָט מיר געגעבן צוהאַלטן דעם שאַרבן, כּדי ער זאָל קאָנען נאָך אַ מאָל אויסווישן די ברילן, און אויפֿן וועג ביז צום לאַגער האָט ער מיר דערציילט דעם פֿאַל פֿון זיינע סטודענטישע יאָרן, ווען ער האָט נאָך געלערנט אין אוני־ווערסיטעט. גייענדיק איין מאָל צום שול־בנין, אין אַ שמאָל, אַלטערטימ־לעך געסל, ברוקירט מיט שטיינער, האָט ער מיט אַ מאָל דערזען ווי ס'גייט אים אַנטקעגן אַ כאָפּטע סטודענטן מיט שטעקענעס און פּיקעס אין די הענט. זיי האָבן זיך אַרויסגעלאָזט מיט געליאַרעם, צו האַקן שויבן און שלאָגן יידן. צוליב זיין קורצזיכטיקער ראיה האָט ער זיי דערזען שוין פֿון גאָר נאָענט און פֿון צוריקלויפֿן און זיך באַהאַלטן איז קיין רייד נישט געווען. סיי ווי זענען טויערן און טירן געווען פֿאַרמאַכט אין דער פֿריער נאָכמיטאָג־שעה. ס'האָט אים אַ ציִ געטאָן, און ווי פֿאַרכישופֿט איז ער זיי געגאַנגען אַנטקעגן, אַריין אין זייער מיטן און זיי אַדורכגעגאַנגען.

ווען מיכאַילאָוויטש האָט געהאַט אויסגערופֿן, אַז נאָר אַ יוגאָסלאַוו וועט קאָנען אויסהאַלטן אַ גאַנצן טאָג אין וואַסער, איז שוין דעמאָלט פּאַפּאַ־דימיטריו אין לאַגער נישט געווען, און נאָך דעם ווי מיכאַילאָוויטש איז דערטרונקען געוואָרן איז וועגער געבליבן ווינען אַליין אין געצעלט. דורך דער צייט, וואָס ער האָט געוווינט מיטן מאַקעדאָנער און מיטן יוגאָסלאַוו האָט ער זיך דערווייטערט פֿון די אַנדערע זעלנער און אויך פֿון די, מיט וועלכע ער האָט זיך געהאַלטן נאָענט אין די ערשטע טעג: בחורים פֿון זיין שטאָט און פֿון זיינע שוליאָרן. נאָך דעם ווי ער איז געבליבן אַליין האָט ער

זיך צו זיי צוריק נישט דערנענטערט. זייער קאַרגשאַפט איז אים געווען דערווידער. אין געצעלט ווו ער האָט די ערשטע צייט געוווינט מיט זיי צוזאַמען איז תמיד געפירט געוואָרן אַ חשבון, ווער וועמען ס'איז שולדיק צוויי ציינדלעך שאָקאָלאַד, דריי כזיתלעך פּאָמעראַנץ. צוויי בחורים האָבן דאָרטן געשלאָסן אַ שותפות אויף אַ פּושקע קאָנסערוון, וואָס זיי האָבן געקויפט יעדן טאָג. איינער האָט ליב געהאַט דעם סאָק און דער צווייטער די באַרנעס. פלעגן זיי יעדן טאָג זיצן אויף זייערע בעטלעך, איינער האָט מיט אַ גאָפּל אַרויסגעצויגן פון דער פּושקע אַ באַרנע נאָך באַרנע און ביידע האָבן זיי געדולדיק געוואַרט ביז די טראָפּנס פון דער אַרויסגעצויגענער באַרנע האָבן אָפּגעטריפט צוריק אין דער פּושקע אַריין. איינעם פון זיי האָט וועגער נאָך געקאָנט פון די שוליאַרן, אַ בחור, וואָס פון יסורים איז ער יונג ווייס געוואָרן, און דער צווייטער פלעגט זיך קעמען די האָר אונטער די אָרעמס.

אָבער אין געצעלט מיט פּאַפּאַ־דימיטריו און מיט דעם יוגאָסלאַוו איז גאָר אַנדערש געווען. דער מאַקעדאָנער האָט זיך קיין מאָל נישט אָפּגעזאָגט פון קייען וועגערס שאָקאָלאַד ביים פּרעפּלען זיין תפילה. און ביי מיכאַי־לאָוויטשן דעם יוגאָסלאַוו איז אין גאַנצן נישט געווען קיין דיינס און מיינס. אַלע זיינע זאַכן זענען תמיד געווען צעוואָרפן איבערן געצעלט און וואָס ער האָט געהאַט אין זיין זעקל, פלעגט ער אַרויסשלעפּן און פאַרטיילן. אַהיימקומענדיק פון שטעטל האָט ער תמיד געהאַט אין זיינע קעשענעס פלעשער ביר פאַר וועגערן און פאַר פּאַפּאַ־דימיטריו. און איידער ער פלעגט אַריינקומען אין געצעלט אַריין שפּעט ביי נאַכט נאָכן קאָרטן־שפּילן, פלעגט ער אין זינען האָבן איינצוקויפן ביי די קוכערס אין עס־זאַל הייסע וווּרשטלעך, האַמבורגער קאָטלעטן געפּרעגלט מיט אייער. אין הייסע זעמעלעך, וואָס פלעגן פאַרשמעקן דאָס געצעלט. אַפילו אין מיטן שלאָף פלעגן זיי דערשפּירן דעם גוטן ריח און מיט אַ ברום, אָדער גאָר־נישט זאָגנדיק אין דער פינצטער, פלעגן זיי זיך אויפזעצן אין די בעטן, קייען מיט הנאה די בולקעס און האַלב־יאָ, האַלב־נישט זיך איינהערן צו די אָן אַ שיעור רייד, וואָס מיכאַילאָוויטש פלעגט רעדן צו זיך אַליין, טאַפּנ־דיק אין דער פינצטער אַרום זיין בעט. ער האָט באַדויערט וועגערן און

פּאַפּאַ־דימיטריו, וואָס זיי ווייסן נישט פון קיין תענוגים, שפּילן נישט אין קאָרטן, זענען קיין מאָל נישט שיכור, ווייסן נישט פון אַ לעבן און מעלה־גרהן אָפּ זייערע טעג. וועגער האָט אים אַמאָל געהאַט געשענקט אַ טאַשנ־לעמפּל, ער זאָל זען ווו צו גיין אין דער פינצטער, און אַריינקומענדיק אין געצעלט אין די שפּעטע נעכט, זאָל ער נישט אומפאַלן און נישט מאַכן קיין גערודער. אָבער מיכאַילאָוויטש האָט קיין מאָל דאָס לעמפּל ביי נאַכט נישט געפונען. אין דער פרי פלעגט ער עס, צו זיין גרויס דערשטוינונג, יאָ געפינען.

אַ סך מאָל, געווינענדיק געלט אין קאָרטנשפּיל, פלעגט מיכאַילאָוויטש זיי נעמען אין שטעטל אַריין, אויף צו עסן און טרינקען, אָדער ער פלעגט אַהיימברענגען גאַנצע סטיקן פלייש און פּאַפּאַ־דימיטריו האָט געפּרעגלט און געבראָטן. אויך פון אורלויב פלעגט מיכאַילאָוויטש נישט צוריקקומען מיט ליידיקע הענט. און אויף אורלויב איז ער געפאָרן מער ווי אַנדערע זעלנער, מחמת מען האָט מורא געהאַט פאַר אים. איין מאָל האָט מען אָפּגעשטעלט דעם אורלויב פאַר אַלע זעלנער אויף אַ לאַנגע צייט, איז דער יוגאָסלאַוו אַריין צום קאַפּיטאַן אין צימער, געעפנט דעם קראַק און געוויזן זיין אבר. אַרויסגעקומען פון דאָרט איז דער יוגאָסלאַוו מיט אַן אורלויב־שיין אויף צוויי וואָכן. ווען מיכאַילאָוויטש איז דעמאָלט צוריקגעקומען פון אורלויב האָט ער מיטגעבראַכט אַ וואַסערפלאַש, ס׳זאָל אויך אין די הייסע שעהען זיין קאַלט וואַסער צום טרינקען. די וואַסערפלאַש האָט ער אויפגע־האַנגען אויפן געצעלטדראַנג איבער פּאַפּאַ־דימיטריוס בעט, ווו דער ווינט האָט אַריינגעיאָגט דורך די צוויי עפענונגען. ס׳איז געווען אין דער זעלבער צייט, ווען וועגער האָט געהאַט אַהיימגעבראַכט דעם שאַרבן פון אַן אָקס און אָנגעהויבן אין די אָוונטן לערנען פּאַפּאַ־דימיטריו די געשיכטע פון מענטשן אויף דער וועלט.

— מענטשן שטאַמען פון מאַלפּעס — האָט וועגער דערקלערט דעם מאַ־קעדאָנער. ער איז געזעסן אויף זיין בעט, דעם שאַרבן פון אָקס האָט ער אַוועקגעשטעלט אויף אַ קעסטל און אין דעם שאַרבן, אין די אויסהוי־לונגען זיינע, אַריינגעשטעלט אָנגעצונדענע ליכט. פּאַפּאַ־דימיטריו איז געלעגן אויסגעצויגן אויף זיין בעט. ער האָט אַרויפגעקוקט צום מיידל

אויפֿן פּלאַקאַט און צום וואַסער־בייטל דערנעבן. פֿון וואַסער־בייטל האָבן געקאַפּעט טראָפּנס אויף פּאַפּאַ־דימיטריוס בעט. די טראָפּנס האָבן זיך געזאַמלט זייער לאַנגזאַם און פּאַפּאַ־דימיטריו האָט געקוקט ווי עס זאַמלט זיך אַ טראָפּן, ווי ער ווערט פֿולער, גיט אַ גלאַנץ, ציט זיך אויס לענגער און פֿאַלט אַראָפּ אויף זיין קאָץ. פּאַפּאַ־דימיטריו האָט מיט אַ פֿינגער באַ־גלייט דעם פֿאַל פֿון אַ טראָפּן, פֿונעם בייטל אַראָפּ ביז צו דער קאָלדרע, ווו עס איז שוין געווען אַ טונקעלע, קיילעכדיקע פֿליאַמע.

— מענטשן שטאַמען פֿון מאַלפּעס? — האָט פּאַפּאַ־דימיטריו איבער־געפֿרעגט און געקוקט ווי ס'זאַמלט זיך אַ פֿרישער טראָפּן וואַסער. ס'איז אים נישט געלונגען זיך אַרויפֿצוכאַפּן אויף אַ שיף, ווי ער האָט אין אָנהייב געפּלאַנט צו טאָן. די מלחמה האָט זיך פֿאַרשפּרייט און געוואָרן שטאַרקער און פֿון זיין ווייב און צוויי קינדער, וואָס ער האָט איבערגעלאָזט אין זיין היים אין גריכנלאַנד, האָט ער גאָרנישט געהערט. צו מאָל פֿלעגט ער אַרויס־נעמען אַ פֿאָטאָגראַפֿיע, קוקן אויף זיין ווייב און קינדער און אונטערברומען זיין אָנסופֿיקן ניגון.

— מענטשן שטאַמען פֿון מאַלפּעס — האָט וועגער איבערגעחזרט.

פּאַפּאַ־דימיטריו האָט נאָך אַ מאָל אַ פֿיר געטאָן זיין פֿינגער פֿון וואַסער־בייטל ביז צו דעם קאָץ.

— מענטשן שטאַמען פֿון מאַלפּעס? — האָט ער ווידער געפֿרעגט, אַרויפֿקוקנדיק צום יוגאָסלאַווס מיידל.

דער יוגאָסלאַוו איז אַריינגעקומען און הערנדיק וועגן וואָס מען רעדט האָט ער אויסגעשאָסן אין אַ געלעכטער. וועגער איז אים אויף ס'ביי געפֿעלן געוואָרן און ער האָט זיך געשווירן, אַז מאָרגן וועט ער דערציילן דעם וויץ פֿאַר אַלעמען. זאָל מען הערן און לאַכן.

פּאַפּאַ־דימיטריו האָט מיט אַ פֿינגער אָנגעוויזן אויפֿן בייטל און אויפֿן נאַסן פֿלעק אויף זיין בעט און געמאַכט אַ צייכן צו מיכאַילאָוויטשן, ער זאָל דעם וואַסער־בייטל אַוועקרוקן פֿון איבער זיין בעט. אָבער דער יוגאָ־סלאַוו האָט אים נישט געפֿאָלגט. ער האָט געוויקלט זיינע בלאָנדע וואָנצעס און זיינע ציין האָבן געבלישטשעט ווייס און פֿירקאַנטיק, ווען ער האָט זיך אונטערגעלאַכט פֿון וועגערס וויץ.

אויף צו מאָרגנס האָט פּאַפּאַ־דימיטריו געפרעגט וועגערן, צי ער מיינט טאַקע אויף אַן אמת, וואָס ער האָט אים נעכטן געזאָגט, און אים פאַרגעלייגט ער זאָל עס מער נישט איבערחזרן. ווייל מען זעט דאָך, וואָס דער יוגאָסלאַוו וועט טאָן. ער וועט צעפּויקן די זאַך פאַר אַלעמען און דער גאַנצער לאַגער וועט לאַכן פון וועגערן. פּאַפּאַ־דימיטריו האָט נישט געוואָלט, מען זאָל פון וועגערן חוזק מאַכן.

— ביסט דאָך אַ געלערנטער מענטש, — האָט ער געזאָגט.

אָבער וועגער האָט נישט נאָכגעגעבן און אַוועק צו דער אַרבעט. ווען ער איז צוריקגעקומען אין אָוונט איז פּאַפּאַ־דימיטריו געלעגן אויפן בעט און געקוקט ווי די טראָפּנס טריפן פון דער וואַסער־פלאַש אויף זיין בעט אַראָפּ. דער נאַסער פלעק אויף זיין בעט איז געוואָרן גרעסער און דורכגע־נעצט אויך די אַנדערע קאָצן. ווען מיכאַילאָוויטש איז אַריינגעקומען האָט דער מאַקעדאָנער אים נאָך אַ מאָל אָנגעוויזן אויפן בייטל און געוואָלט, ער זאָל עס צונעמען, נאָר מיכאַילאָוויטש האָט עס נישט געטאָן און אַוועק שפּילן אין קאָרטן.

— אויך מאַקעדאָניער שטאַמען פון מאַלפּעס? — האָט פּאַפּאַ־דימיטריו געפרעגט, ווען מיכאַילאָוויטש איז אַרויס פון געצעלט.

ער האָט מער נישט אַריינגעקוקט אין זיין געבעטביכל. ער האָט אַפילו נישט געקאָנט לייענען. זיין אָנסופיקע תפילה האָט ער געקאָנט פון אויסנ־ווייניק. די בלעטער האָט ער געמישט, מיינענדיק אַז אַזוי דאַרף מען טאָן. אויך די ליכט, וואָס ער האָט אָנגעצונדן און אַוועקגעשטעלט צוקאָפּנס, כדי ס'זאָל אים זיין ליכטיקער, איז געוועזן נאָכצוטאָן וועגערן.

— אַלע, — האָט וועגער געענטפערט.

מער האָט שוין פּאַפּאַ־דימיטריו גאָרנישט איבערגעפרעגט. ער האָט אויך נישט געברומט. ער איז געלעגן אַ שווייגנדיקער און אַלע מאָל געפּילט מיט דער האַנט ווי די נעץ אויף זיין בעט ווערט גרעסער. און מיכאַילאָ־וויטש האָט דעם וואַסער־בייטל נישט אַוועקגענומען.

אויף צו מאָרגנס איז פּאַפּאַ־דימיטריו צוגעגאַנגען צו וועגערן און אים אַריינגעלאַכט אין פּנים אַריין.

— דער יוגאָסלאַוו איז גערעכט. ס'איז אַ וויץ — האָט ער געזאָגט.

אָבער וועגער האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ אויף ניין.

האָט דער מאַקעדאָנער אויפגעהערט לאַכן און זיך געבעטן ביי וועגערן, ער זאָל עס מער נישט טאָן. זיי וווינען שוין אַזוי לאַנג און זיי קאָנען זיך. ער האָט רעספּעקט פאַר אים. זאָל ער מער נישט זאָגן אַזעלכע זאַכן, ווייל עס קאָן נישט זיין.

— ס'איז, — האָט וועגער געזאָגט.

— אָבער אין קיך האָבן די זעלנער געלאַכט ווען דער יוגאָסלאַוו האָט זיי וועגן דעם דערציילט.

— זיי ווייסן נישט, — האָט וועגער געזאָגט.

פּאַפּאַ־דימיטריו האָט עפּעס געמורמלט וועגן פאַרגיסן בלוט, נאָר וועגער האָט נישט נאָכגעלאָזט. האָט דער מאַקעדאָנער זיך צוגעבויגן נעענטער צו וועגער און געפרעגט:

— און יעזוס? וואָס איז מיט יעזוסן?

— אויך, — האָט וועגער געענטפערט.

אַן אָוונט שפּעטער האָט פּאַפּאַ־דימיטריו זיך אויפגעזעצט אויפן בעט און געזען, אַז עס איז שוין אין גאַנצן נאַס און טראָפּנס האָבן נאָך אַלץ געקאַפּעט פון דער וואַסערפלאַש. וועגער און מיכאַילאָוויטש זענען אין געצעלט נישט געווען. האָט ער גענומען דעם שטעקן, מיט וועלכן ער האָט צוניפגעקליבן פאַפירלעך אין דער מחנה, אים אַרונטערגעלייגט אונטערן אָרעם און ער איז אַרויס אין דרויסן. דאָ און דאָרט האָט דאָס ליכט פון אַ לאָמפּ דורכגעשיינט דאָס לייוונט פון אַ געצעלט און פּאַפּאַ־דימיטריו האָט געזען ווו צו גיין. אויך דאָרט ווו עס איז געווען פינצטער האָט ער געוווסט פון אויסנווייניק דעם וועג צום עסזאַל.

אין עסזאַל איז געשטאַנען אַ טומל און אַ רויך. פּאַפּאַ־דימיטריו איז געבליבן שטיין מיטן שטעקן אונטערן אָרעם און זיך אַרומגעקוקט. ער איז צוגעגאַנגען צום איוועלע, ווו אַ זעלנער אין אַ ווייס מיצל האָט געפּרעגלט ווורשטלעך צום פאַרקויפן. פּאַפּאַ־דימיטריו האָט זיך איינגעבויגן, אַריינגעשמעקט דעם ריח און זיין שווערע אונטערשטע ליפּ האָט געשמייכלט. נאָך דעם האָט ער אָנגעהויבן גיין פון טיש צו טיש און זיך איינגעקוקט אין די פּנימער פון די מענטשן, וועלכע זענען דאָרטן געזעסן.

ער האָט זיך אָפּגעשטעלט ביי אַ טיש ווו מען האָט געשפּילט ברידזש. פּאַפּאַ־דימיטריו האָט באַקוקט דעם בחור, וועלכער איז פּריצייטיק אַלט געוואָרן, דעם אַנדערן, דער וואָס האָט זיך געקעמט די האָר אונטער די אָרעמס און אויך דעם זעלנער מיטן לאַנגן פּנים און מיט די גרינלעכע ציין. אַן אַלטער זעלנער מיט אַ צעקנייטשט פּנים, וואָס האָט פאַרקויפט צייטונגען ביי אַ דערנעבנדיקן טיש, האָט אַ צי געטאָן פּאַפּאַ־דימיטריון ביים העמד און אים אַריינגעשטעקט אַ צייטונג אין דער האַנט אַריין. פּאַפּאַ־דימיטריו האָט אַ קוק געטאָן אויף דער צייטונג און זי צוריקגעגעבן דעם אַלטן זעלנער.

„רוסלאַנד, רוסלאַנד”, האָט דער אַלטער זעלנער מיט די קנייטשן אויף זיין פּנים געשמייכלט צו פּאַפּאַ־דימיטריו, און ער האָט אים דערלאַנגט אַן אַנדערע צייטונג צום לייענען. אויך אויף דער צווייטער צייטונג האָט פּאַפּאַ־דימיטריו אַ גלאָץ געטאָן מיט די אויגן און זי געלאָזן אַראָפּפאַלן אויפן טיש. האָט דער אַלטער זעלנער האָפערדיק דערלאַנגט פּאַפּאַ־דימיטריון אַן אילוסטרירטן זשורנאַל און אָנגעוויזן מיט שטאָלץ אויפן בילד פון שער־בלאַט: אַ זעלנער באַהאָנגען מיט מעדאַלן. פּאַפּאַ־דימיטריו האָט געקוקט אויפן רוסישן זעלנער מיטן זעלבן בליק ווי ער האָט פריער געקוקט אויף די געפּרעגלטע ווורשטלעך. ער האָט געלאָזן פאַלן אויפן טיש דעם זשורנאַל און אָוועקגעגאַנגען. דער אַלטער זעלנער האָט נאָכגעקוקט פּאַפּאַ־דימיטריון, ווי ער גייט אַוועק, געשאָקלט מיט דעם קאָפּ מיט באַדויערונג און געמורמלט:

— די פינצטערע מאַסן. די פינצטערע מאַסן.

פּאַפּאַ־דימיטריו האָט זיך אָפּגעשטעלט לעבן אַ זעלנער, וואָס האָט געצייכנט אויף אַ פּלאַקאַט אַ שוואַרצן צלם. דער צלם איז שוין געווען פאַרטיק און ער האָט געצייכנט די קאָנטורן פון יעזוסן. דער זעלנער איז געווען ענלעך אויף וועגערן; אַ הויכער שטערן, אַ לענגערע נאָז און בלויע אויגן אונטער דיקע ברילן. פּאַפּאַ־דימיטריו האָט אַראָפּגעשמייכלט צו יעזוסן, פאַרראַכטן דעם שטעקן אונטערן אָרעם און ווייטער געגאַנגען. צוויי זעלנער, יעדער מיט אַ בינאָקל אין זיין אויג, האָבן שטודירט מאַרקעס.

זיי האָבן גאָרנישט גערעדט, נאָר פון מאָל צו מאָל געשאָקלט מיט זייערע קעפּ אויף הסכמה. פּאַפּאַ־דימיטריו איז געשטאַנען לעבן זיי ווי האַלב פאַרשלאָפן. מיט אַ מאָל האָט ער דערהערט מוזיק, האָט ער זיך אויפגע־כאַפּט און זיך געלאָזט צום טיש ווו דער יוגאָסלאַוו מיט נאָך דריי זעלנער האָבן געשפּילט אין פּאָקער. צופוסנס דעם יוגאָסלאַוו, אויף דער ערד, איז געזעסן אַ קליינער גריך, די פיס פאַרלייגט הינטער זיך, און געצימבלט אויף אַ מאַנדאָלינע. מיכאַילאָוויטש האָט ליב געהאַט צו הערן מוזיק בעת ער האָט געשפּילט אין קאָרטן און ער האָט באַצאָלט דעם גריך ער זאָל זיצן אים צופוסנס און צימבלען. פּאַפּאַ־דימיטריו האָט זיך אָוועקגעשטעלט הינטער דעם יוגאָסלאַווס פּלייצע. דער יוגאָסלאַוו האָט אויסגעדרייט דאָס פּנים און זעענדיק פּאַפּאַ־דימיטריון האָט ער אַרויפגעשמייכלט צו אים אַ ברייטן שמייכל און אים געמאַכט אַ פריינדלעכן סימן, ער זאָל שטיין און שווייגן. אַליין האָט דער יוגאָסלאַוו גענומען פון זיין קופּע געלט אויפן טיש אַ פּאַפּירענעם פונט, אָנגעשפּיגן אויף איין זייט און מיט אַ פּעטשל צוגעקלעפּט דעם באַנקנאָט דעם גריך אויפן שטערן. דערשפּירט דאָס געלט, האָט דער גריך מיט אימפּעט אויפגעשפּילט דעם ניגון וואָס פּאַפּאַ־דימיטריו פלעגט ברומען אין געצעלט. דער גריך האָט דאָס געלט פון שטערן נישט אַראָפּגענומען און פּאַפּאַ־דימיטריו האָט פּאַמעלעך אָפּער־געצויגן פון אונטער זיין אָרעם דעם שטעקן, ער האָט אים אויפגעהויבן מיטביידע הענט אין דער הייך און מיט איין זעץ אים אַראָפּגעלאָזט אויף דעם יוגאָסלאַווס קאָפּ. ער האָט צוריק פאַרלייגט דעם שטעקן אונטערן אָרעם און אַרויסגעגאַנגען פון עסזאַל, דאָס מאָל מיט אַן אויסגעגלייכטן, אויפגעהויבענעם קאָפּ.

דער יוגאָסלאַוו איז געפאַלן זייער פּאַמעלעך. ליגנדיק אויף דער ערד, און בלוט אַרום אים, האָט ער נאָך אַלץ געשמייכלט צו דער גוטער „האַנט״ מיט קאָרטן, וואָס זענען אַרויסגעפאַלן פון זיינע הענט.

מיכאַילאָוויטשן האָט מען אָוועקגעפירט אין שפּיטאָל, ווו ער איז אָפּגעלעגן דריי חדשים, און ביי פּאַפּאַ־דימיטריו האָט מען צוגענומען דעם שטעקן און געטוישט זיין אַרבעט. מחמת ער האָט צוריק אויסגעגלייכט דעם

קאַפּ, האָט מען אים געגעבן אַ שער אין דער האַנט אַריין, ער זאָל אַרומגיין אין לאַגער און פאַרריכטן צעריסענע געצעלטן.

אויפן וועג צוריק אין קיבוץ האָבן מיר געטראָפן דעם אַלמן פון עסטרייך.

דער קיבוץ איז געלעגן עטלעכע קילאָמעטער פון שאָסיי און נאָכן אָפּשטייגן פון אויטאָבוס האָבן מיר געוואַרט אויף אַ טראַקטאָר אָדער אויף אַן אַנדערן וואָגן, אויף אונטערצופאָרן ביז צום הויף און די שטיבער. דערווייל זענען מיר געשטאַנען און געקוקט אויף דעם טאָל, אַן אַרומגע־רינגלטן מיט שטילע בערג, אויף די פעלדער און סעדער, וואָס האָבן זיך געצויגן ווייט אַוועק, און אויף דעם וויינגאָרטן וואָס האָט זיך אָנגעהויבן ביים שאָסיי, ווו מיר זענען געשטאַנען, און זיך אַראָפּגעלאָזט אין אַן איידעלן שיפּוע ביז צו אַ שמאָל, לויפנדיק וואַסערל. אויף דער צווייטער זייט פון וואַסערל האָט דער וויינגאָרטן זיך צוריק געהויבן אַרויף־צו מיט דעם זעלבן לייכטן שיפּוע, און זיך פאַרענדיקט לעבן אַ וועלדל פון עוקאַליפּטוס־ביימער. ביידע טיילן פון וויינגאָרטן האָבן זיך אויסגעשפּרייט ווי די פליגל פון אַ פויגל אין פלי.

לעבן וואַסערל האָט דער גערטנער געאַקערט די ערד. ער האָט אַרייגעפירט פערד און אַקער צווישן אַ ריי ווינשטאָקן און געקומען אונדז אַנטקעגן.

— דיין פריינד, דער אַלמן פון עסטרייך — האָב איך זיך אָנגערופן צו וועגערן.

אָבער וועגער איז געווען גאָר קורצזיכטיק און ער האָט אַזוי ווייט נישט געזען. דער וויינגאָרטן איז אים געפעלן געוואָרן און ער האָט גע־זאָגט, אַז עס וואָלט גוט געווען מען זאָל אים דאָרט לאָזן אַרבעטן. איך האָב וועגערן געזאָגט, אַז דאָס וועט זיכער לייכט זיין צו פועלן. זאָל ער זיך נאָר אַ חבר־טאָן מיטן אַלמן פון עסטרייך, באַגלייטן אויף דער פּיאַנאָ זיין פידל־שפּילן און יענער וועט שוין זען, זיי זאָלן ביידע אַרבעטן אין וויינגאָרטן. אויך רעדן ענגליש מיט אים. יענער איז פאַרליבט אין דער ענגלישער שפּראַך, האָב איך צוגעגעבן.

וועגערס פּנים איז שטייף געוואָרן און זיין נאָז האָט זיך געשאַרפּט. נאָך אין אויסטראַליע, איידער וועגער איז געפאָרן קיין ישראל, האָט ער שוין געהאַט געוואָרפן אַן אומחן אויף דער ענגלישער שפּראַך און אויף דער ענגלישער אימפּעריע. צוליב דעם איז ער נישט געוואָרן אַן אויס־טראַלישער בירגער. נאָך דעם ווי ער איז באַפרייט געוואָרן פון דער אַרמיי, האָט ער באַקומען אַ פּאָסטן אין אוניווערסיטעט מיטן באַדינג, ער זאָל אָננעמען די אויסטראַלישע בירגערשאַפט. אָבער ביז מען האָט אים גערופן שווערן געטריישאַפט דער ענגלישער קרוין, האָט שוין וועגער געוווּסט, אַז עס איז דאָ אַ יידישע מדינה און פאָרן אָפּגעבן די שבועה האָט ער געזאָגט דעם באַאַמטן, אַז די ענגלישע פּאָליטיק לגבי ישראל געפעלט אים נישט. וועגער האָט שוין דעמאָלט נישט געשווירן. ער האָט אויך דעם פּאָסטן פאַרלוירן און ער איז אַוועק אין ציוניסטישן הויז זיך לערנען העברעיש, ווערן אַ ציוניסט און פאָרן קיין ישראל. ער האָט אַזוי ווייניק געוווּסט וועגן די ישראל־ענינים, אַז ווען דאָס מיידל אין ציוניסטישן הויז האָט אים געפרעגט צו וועלכער פּאַרטיי ער וויל געהערן, האָט ער געמיינט, אַז זי שפּאַסט פון אים מחמת ער איז געווען זיכער, אַז ס׳איז דאָ נאָר איין פּאַרטיי, און ער האָט צוריקגעשפּאַסט:

— אַ קאַטוילישער ציוניסט.

דאָס מיידל האָט אַ שמייכל געטאָן און פאַרביסן אַ ליפּ. זי האָט אַ קוק געטאָן אויף וועגערן פון אַ זייט און נאָך דעם האָט זי אים נאָך אַ מאָל אָפּגעמאָסטן מיט אַ בליק. זי האָט אַריינגעשושקעט אין אַ טעלעפאָן־רערל און באַלד האָט מען וועגערן אַריינגענומען אין אַ באַזונדערן צימער און אַ פיין געקליידטער מאַן האָט געשטעלט וועגערן פראַגן זייער דעלי־קאַט. נאָמען. פאַך. אָפּשטאַם. צי ער ווייסט וואָס אַ קרן־קימת־פּושקע איז און ווער ס׳איז געווען טעאָדאָר הערצל. צום סוף האָט מען אים געוויזן אַ רשימה פון פּאַרטייען, וועגער האָט איבערגעלייענט די נעמען, אָנגעוויזן מיט אַ פינגער אויף אַ נאָמען פון אַ פּאַרטיי און ער האָט זיך אָנגעהויבן לערנען העברעיש.

דער אַלמן פון עסטרייך האָט זיך דערנענטערט מיט זיין פערד־און־אַקער. אויך וועגער האָט אים שוין געזען אָנקומען פון צווישן צוויי רייען

ווײַנשטאָקן. דער אַלמן און זײַן פערד זענען געווען פאַרשוויצט און גייענדיק האָבן זיי בײדע געשאָקלט מיט די קעפּ.

אויף יענער האָט אונדז דערזען און דערקאָנט. ער האָט געפּאָכעט צו אונדז מיט דער האַנט און באַלד איז ער אַרויס פון דער ריי, אָפּגעשטעלט דאָס פערד און צוגעקומען מיט אַ ברייטן שלום־עליכם.

וועגער האָט אָנגענומען זײַן אויסגעשטרעקטע האַנט.

— ווי זינגט זיך אין ליד? — האָט ער געפרעגט און ער האָט זיך געפּרוווט דערמאָנען. דער אַלמן פון עסטרייך האָט אים אַרויסגעהאָלפן:

— „ערד און מאַזאַליעס און הימלאַנד” — האָט דער אַלמן האַלב געזונגען און געלאַכט. וועגער האָט מיטגעלאַכט.

— אָ, דער אויסטראַליער — האָט דער אַלמן פון עסטרייך אים באַוווּנדערט.

— וועגער וויל אַרבעטן אין ווײַנגאָרטן — האָב איך זיך אָנגערופן.

דער גערטנער האָט אַ פיר געטאָן מיט זײַן האַנט. ער האָט אַרײַנגענומען אין זײַן אָרעם בײדע אויסגעשפּרייטע פליגלען פון ווײַנגאָרטן און זיי דערלאַנגט וועגערן אויף זײַן אָפענער דלאָניע.

— ס'איז דײַנס — האָט ער געזאָגט צו אים.

וועגער האָט אָנגענומען די מתנה און זיך דערמאָנט, אַז אַ מאָל איז ער אויך געווען אַ פּויער און געאַקערט די ערד. ער איז צוגעגאַנגען און אַ גלעט געטאָן דאָס פערד איבערן פּנים. דאָס פערד האָט פאַרריסן דעם קאָפּ און געהירזשעט. דער אַלמן פון עסטרייך האָט אָפּגעפירט דאָס פערד אונטער אַ שאָטן פון אַ בוים און ווען ער איז צוריקגעקומען האָט ער זיך דערמאָנט, אַז די ענגלישע קעניגין האָט באַזוכט אויסטראַליע און ער האָט געוואָלט וויסן צי וועגער האָט זי געזען.

— וועגער האַלט זיך ווײַט פון פּרויען — האָב איך זיך אַרײַנגעמישט.

כ'האָב געדענקט ווי ער פלעגט אַרויסלויפן פון די קינאָזאַלן פאַרן סוף פון פילם, כדי נישט צו זען די ענגלישע קעניגין אויפן עקראַן, בעת מען פלעגט אויפשפּילן ביים סוף פון פילם דעם ענגלישן הימען. ס'איז געווען אין די טעג ווען ער איז קיין אויסטראַלישער בירגער נישט גע־

וואָרן און ער האָט דעמאָלט געפירט זיין איינזאַמען ברוגז מיט דער ענגלישער אימפעריע. אָבער איין מאָל האָט ער געהערט אויפשפילן דעם ענגלישן הימען אויף אַ פאַרזאַמלונג פון דער פּאַרטיי, אין וועלכער ער האָט זיך פאַרשריבן כדי צו פאָרן קיין ישראל. אויף דעם האָט זיך וועגער נישט געריכט. ער האָט אַריינגעקוקט אין דער פּאַרטיי־קאַרטע און דאָרטן איבערגעלייענט, אַז זייער פּראָגראַם איז — אַ יידישע מדינה, אַנגעשלאָסן אין דער ענגלישער אימפעריע. איז ער אַוועק מיט פאַרדרוס אין ציוניס־טישן הויז טוישן די פּאַרטיי. מען האָט אים דאָרטן געזאָגט, אַז דער פּראָג־ראַם איז פאַרעלטערט און צייטן האָבן זיך געביטן, אָבער וועגער האָט נישט געוואָלט פון דעם הערן און אויסגעקליבן אַן אַנדערע פּאַרטיי, וואָס האָט אַלע מאָל געוואָלט אַ יידישע מדינה אָן שותּפים.

אַ טראַקטאָר מיט אַ פּלאַטפאָרמע איז אָנגעפאָרן. האָבן מיר אַרויפ־געלייגט דאָס זעקל מיט דער וואַליזע און זיך אַרויפגעזעצט. דער גערטנער האָט געוואַרט ביז מיר וועלן אָפּפאָרן. כ׳האָב מיט דער האַנט געמאַכט אַ ווענטל לעבן מויל און געשריגן צו אים:

„מיר וועלן זיך שפּעטער זען!"

דער גערטנער האָט אויך געטאָן דאָס זעלבע און געשריגן צו אונדז אויף ענגליש, איבערשרייענדיק דעם רעש פון טראַקטאָר:

„Zis is a great vish in my life to see zee English Qveen".

און ער איז צוגעגאַנגען צום פערד, אַ צי געטאָן די לייצעס און ווייטער געאַקערט דעם וויינגאָרטן.

וועגער האָט אין וויינגאָרטן נישט געאַרבעט. ער האָט געוואַשן די כלים אין קיך און נאָך דעם געהייצט דעם צענטראַלן דאַמפּאויוון ס׳זאָל זיין הייס וואַסער אין קיבוץ.ביידע אַרבעטן זענען געווען שווער פאַר אים, אָבער קיין לערער האָט ער נישט געוואָלט ווערן. ער האָט געמיינט, ס׳איז צוליב דער שפּראַך. זייענדיק אין ישראל האָט ער אָנגעהויבן פאַר־געסן זיין העברעיש, וואָס ער האָט זיך אויסגעלערנט אין אויסטראַליע. צו מאָל האָט ער קיין צוויי ווערטער נישט געקאָנט צונויפשטעלן. אין די באַ־גינענס, נאָכן אונטערצינדן דעם אויוון האָט ער געדאַרפט אין דער גיך לויפן אין קיך אַריין און אָנזאָגן, אַז עס איז שוין דאָ דאַמף און מען קאָן

שוין קאָכן, אָבער אויך דאָס פלעגט ער פאַרגעסן ווי מען זאָגט עס אויף העברעיש. ווען איך פלעג אַריינקומען אין קיך אַריין, אויפן וועג צו די שעפסן, אָפּטרינקען אויף דער גיך אַ טעפל קאַווע און וועגער, אין נאַכטיקן דרויסן, פלעגט מיך דערזען דורכן אָפענעם פענצטער, פלעגט ער זיך יאָ דערמאָנען, ווי אַזוי מען זאָגט עס אויף העברעיש און ער פלעגט שרייען צו מיר:

יש קיטור!

כאָטש וועגער האָט אין ווייַנגאָרטן נישט געאַרבעט האָט ער זיך אָבער געחברט מיטן אַלמן פון עסטרייך. זיי האָבן ביידע געשפילט צוזאַמען מוזיק. דער אַלמן האָט געהאַט צו זאָגן איבערן זאַל און איבער דער פּיאַנאָ און זיי האָבן געקאָנט שפּילן, ווען נאָר זיי האָבן געוואָלט, אָן צו בעטן ביי וועמען אַ דערלויבעניש. דער אַלמן האָט געגעבן וועגערן אַ טאָפּלטן שליסל צום זאַל און וועגער פלעגט שפּילן אויך אַליין. אין די שפּעטע שעהען פון דער נאַכט און אויך אין די באַגינענס, ווען ער איז געווען פריי פון אַרבעט, פלעגט ער זיך פאַרמאַכן אין גרויסן טעאַטער־זאַל און שפּילן.

דער אַלמן האָט אויך אַריינגעפירט וועגערן אין זיין קרייז פון אַנגלאָ־פילן. אייגנטלעך איז דער קרייז באַשטאַנען פון אים און פון נאָך איין מיידל פון קאַנאַדע, וועלכע איז פאַרזעסן געוואָרן און נישט חתונה געהאַט. דער אַלמן האָט וועגערן דערציילט, אַז אַ מאָל האָט זי געפירט אַ ליבע מיט אַן ענגלישן שיפס־קאַפּיטאַן. ס'איז נישט געווען קלאָר צי דער קאַ־פּיטאַן האָט זי פאַרלאָזט אָדער ער איז פאַרלוירן געגאַנגען אין ים. דאָס מיידל איז נאָך דעם געקומען קיין ישראל און געלעבט אין קיבוץ ווי אַ נאָנע אין אַ קלויסטער. די נאָנע און דער אַלמן האָבן גערעדט צווישן זיך אויף ענגליש און ענגלאַנד האָבן זיי גערופן: „The British Isles"

ווען די נאָנע האָט איין מאָל באַזוכט ענגלאַנד האָט זי אין אירע בריוו צום אַלמן באַשריבן די פּאַלאַצן, וואָס זי האָט דאָרט געזען, די אַדללייט מיט וועלכע זי האָט זיך באַגעגנט, און אויף די קאָנווערטן האָט זי אַדרע־סירט דעם אַלמן מיטן אַלטן ענגלישן טיטל: „Esquire" זיי האָבן געוויזן וועגערן דעם אַלבום מיט אויסשניטן פון צייטונגען און זשורנאַלן וועגן דער קרוינונג פון דער ענגלישער קעניגין. זיי האָבן געוווסט וועמען

מען האָט פאַרבעטן און וועמען נישט, די קליידער, וואָס מען האָט דאָרטן געטראָגן און ווער ס'האָט זיי אויפגעניים. אין די ווינטער־אָוונטן איז ביי דער נאָנע אין צימער געווען וואַרעמער ווי ביי וועגערן, מחמת זי איז גע־ווען שוין לענגער אין קיבוץ און געהאַט אַ בעסערן צימער און אַן אמת אייוועלע. אויך אירע שטולן זענען געווען ווייכער און אויף אירע פּאָליצעס זענען געשטאַנען אַ סך ביכער. און וועגער פלעגט דאָרט טרינקען צוזאַמען מיטן אַלמן פון עסטרייך ענגלישע טיי.

ביז ס'איז אויסגעבראָכן איין מאָל אַ קריג צווישן דעם אַלמן און וועגערן. ד'ער אַלמן האָט געוואָלט, אַז וועגער זאָל אים באַגלייטן אויף דער פּיאַנאָ אַ ווינער וואַלץ. וועגער האָט זיך פון דעם אָפּגעטרייסלט. נאָך באַך און נאָך מאָצאַרט — שטראַוס? — האָט ער נישט באַגריפן. אָבער דער אַלמן פון עסטרייך האָט נישט געוואַרט, ווין איז געווען זיין היימשטאָט און ער האָט אויפגעשפּילט דעם וואַלץ מיט גרויס פאַרגעם און ליבשאַפט, רופנדיק וועגערן מיט סימנים ער זאָל אים באַגלייטן. וועגער איז געזעסן אַ שטיי־פער ביי דער פּיאַנאָ און אַפילו נישט געאָטעמט. דער אַלמן האָט נישט נאָכגעגעבן און אויפגעשפּילט דעם וואַלץ צום צווייטן מאָל, נישט צו להכעיס וועגערן, נאָר כדי אים צו מוטיקן, ווייל ער האָט נישט געזען אין דעם קיין שום בייז און נישט פאַרשטאַנען פאַר וואָס נישט. אָבער וועגער האָט זיך געפילט געטראָפן און ער האָט אים געזאָגט, אַז ווען ער וואָלט עס געוווסט פריער, וואָלט ער קיין מאָל מיט אים צוזאַמען נישט געשפּילט. דער אַלמן האָט אים געענטפערט, אַז אויב נישט צוזאַמען, וועט אויך קיין פּיאַנאָ נישט זיין. נאָר וועגער האָט געהאַט אַ באַזונדערן שליסל צום זאַל און ווען דער אַלמן האָט געאַרבעט אין ווייינגאָרטן האָט וועגער געשפּילט אויף דער פּיאַנאָ. ביז דער אַלמן האָט געטוישט דעם שלאָס אויף דער טיר. איז וועגער גע־קומען צו מיר איך זאָל אים העלפן אויפברעכן דעם שלאָס. זיינע דינע ליפּן זענען געווען בלוי. ער האָט מיר געזאָגט, אַז ער וועט דעם אַלמן פון עסטרייך נישט נאָכגעבן און ער האָט געציטערט. איך האָב אָפּגערעדט וועגערן פון פירן אַ קריגעריי מיטן אַלמן. יענער איז שוין געווען לאַנגע יאָרן דער אויפזעער פון זאַל און מען וועט צוליב דעם נישט אויסקלייבן קיין אַנדערן און דערפאַר איז נישט כדאַי ער זאָל זיך מיט יענעם קריגן.

אָבער וועגער האָט נישט געוואָלט הערן וואָס איך זאָג און ער איז אַנטלאָפן פון מיין צימער. שפּעטער איז ער ווידער געקומען און געוואָלט איך זאָל איבערנעכטיקן די נאַכט ביי אים אין חדר. ער האָט מורא געהאַט צו בלייבן אַליין. כ׳האָב עס געטאָן. אויפן וועג האָט ער מיר דערציילט, אַז בעת ער איז געשטאַנען און געבראָכן דעם שלאָס פון טעאַטער־זאַל איז דער אַלמן פון עסטרייך אָנגעקומען, געשטאַנען און געלאַכט. וועגער איז נאָך דעם געלאָפן צו דער נאָנע און אויך זי האָט אים נישט פאַרשטאַנען און געעצהט נאָכגעבן דעם אַלמן און פאַרבלייבן גוטע פריינד. גייענדיק לעבן מיר האָט וועגער אין זיין געדאַנק זיך געקריגט מיטן אַלמן און פון מאָל צו מאָל אַ זאָג געטאָן עפּעס אויף דייטש און געוואָלט דער אַלמן זאָל אים זאָגן פאַר וואָס ער האָט אויפגעהאָנגען אַן אַנדערן שלאָס און ער לאָזט אים נישט אַריין אין זאַל, ווען דער זאַל און די פּיאַנאָ געהערן צום גאַנצן קיבוץ. אָבער שפּעטער, אין זיין צימערל, טרינקענדיק טיי, האָט זיך וועגער אַ ביסל באַרויִקט. ער האָט אויפגעזאָטן די טיי, אַריינשטעלנדיק אַן עלעקטריש אייזנדל אין יעדן טעפּל באַזונדער.

אויך איצט האָט וועגער אויסגעבעט זיין געלעגער אויף דער פּאָדלאָגע און מיר האָט ער אָפּגעגעבן זיין אייזערן בעטל. ער האָט געוווינט אין אַ קליין קעלערל. קעסטלעך פון הויף זענען געווען זיין מעבל. עטלעכע קעסטלעך — צונויפגעשטעלט ווי פּאַליצעס פאַר ביכער און אַ ביסל אַ גרעסערער קאַסטן — אַן אַלמער פאַר די מלבושים. ס׳איינציקע בילדל אויף דער וואַנט איז געווען פון אַטאָ ווייִנינגער. ס׳בילדל איז שוין געווען פאַר־עלטערט און ס׳האָט זיך געפּאַלדעט, אָבער וועגער האָט עס איינגערעמלט, ס׳זאָל זיך האַלטן. דעמאָלט, אין געצעלט, איז עס געווען צוגעשפּיליעט מיט עטלעכע שפּילקעס צום לייוונט, אַזוי ווי די אַלע אַנדערע מיידלעך, וואָס דער יוגאָסלאַוו האָט געהאַט אָנגעהאָנגען. אַלע אויסשניטן זענען ביסלעכוויַיז צעריסן געוואָרן און אַראָפּגעפאַלן דורך די דריי חדשים וואָס דער יוגאָסלאַוו איז אָפּגעלעגן אין שפּיטאָל. זיין וואַסער־בייטל איז געבליבן הענגען אויפן זעלבן אָרט, אָבער ער איז געוואָרן האַרט און פאַרטריקנט. פּאַפּאַ־דימיטריו האָט צוריק אויפגעפּנט זיין געבעט־ביכל און באַנייט זיין פּרעפּל, ווען וועגער פלעגט זיך אַוועקלייגן לייענען שאָפּענהויערן. דער מאַ־

קעדאָנער האָט אַפילו אָנגעצונדן נאָך ליכט, אַזוי ווי אַ מאָל, ס׳זאָל אים זיין ליכטיקער און ער זאָל בעסער זען. אָבער זיין קאָפּ איז שוין מער נישט געווען געבויגן צו דער ערד. ביי טאָג, ווען די זעלנער פלעגן אַוועק צו דער אַרבעט, פלעגט ער זיך אַרומדרייען אין דער מחנה מיט דער לאַנגער שער אין דער האַנט, אַ קיילעך דראַטווע, און דאָרט ווו ער האָט געזען אַ צעריסן געצעלט, פלעגט ער עס צענעמען, צו רעכט מאַכן און צוריק אויפֿשטעלן. צו מאָל פלעגט ער צעלייגן עטלעכע געצעלטן מיט אַ מאָל און נאָך דעם זיי אויפשטעלן איינס נאָכן אַנדערן. אין די אָוונטן פלעגט ער קייען די שאָקאָלאַד, מיט וועלכער וועגער האָט אים מכבד געווען. אָפּט מאָל פלעגט ער אַליין ברענגען אַ פּושקע מאַרמעלאַדע פון דער קיך. אַ סך מאָל פלעגט ער אפילו אויפהערן פרעפלען זיין תפילה און זיצן אַזוי ווי אין די ערשטע טעג, אַ פאַרשוויגענער, און קוקן אויף וועגערן, ווי ער לייענט.

אין איינעם אַזאַ אָוונט איז מיכאַילאָוויטש צוריקגעקומען אין לאַגער און אַריין אין געצעלט. ס׳איז שוין מער נישט געווען דער זעלבער מיכאַילאָוויטש. ער איז אַריינגעקומען אַ שטילער, אַן אָפּגעצערטער, אַן אָפּגעגאָלטער, אָן די וואָנצעס. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף זיין אייגן בעטל און געשמייכלט אָן אַ קול. זיינע ציין זענען געבליבן די זעלבע — שטאַרק און פּירקאַנטיק, אָבער איצט האָבן זיי אַרויסגעגלאַנצט ווי פון אַ פרעמד מויל אַרויס. ער האָט שוין מער נישט געהייסן מיכאַילאָוויטש און אויך מער נישט טיטאָ. ער האָט זיך גערופן מיט זיין אמתן נאָמען: יאַנאָוויטש. ער און פּאַפּאַ־דימיטריו זענען זיך געוואָרן פריינד און זיי האָבן זיך אָנגעהויבן האַלטן צוזאַמען. מיכאַילאָוויטש האָט מער נישט געשפּילט אין קאָרטן. ער האָט אויך אויפגעהערט צו שיכורן און ער איז נאָכגעגאַנגען דעם מאַקעדאָנער ווי נאָך אַ שווייגנדיקן, פאַרהאָרעוועטן טאַטן. ער האָט אַפילו געהאָלפן פּאַפּאַ־דימיטריו פאַרריכטן געצעלטן און אין די אָוונטן פלעגן זיי זיצן צוזאַמען אין עסזאַל לעבן די אייוועלעך, אויף וועלכע מען האָט געפּרעגלט וווּרשטלעך צום פאַרקויפן, און זיי פלעגן אַראָפּשמייכלען צום קאָכעדיקן אייל, וואָס האָט פריילעך געשפּריצט אין די פּאַטעלניעס. צו מאָל פלעגט פּאַפּאַ־דימיטריו אַרויסנעמען אַ פאָטאָגראַפיע, אַליין קוקן און אויך ווייזן דעם יוגאָסלאַוו. אַ ווייב. צוויי קינדער. און דער יוגאָסלאַוו

האָט געוואָלט וויסן זייערע נעמען און זייער עלטער. זיין קול איז געווען ווייך, מיט אַ קוויטש.

איין מאָל, אין אַ פֿאַרנאַכט, ווען די זעלנער זענען צוריקגעקומען פֿון דער אַרבעט, האָבן זיי געזען, אַז כמעט אַלע געצעלטן אין לאַגער זענען אומגעוואָרפֿן און צעשניטן אויף שטיקער, און פּאַפּאַ־דימיטריו איז נישט געווען. דער יוגאָסלאַוו האָט דערציילט, אַז באַלד אין דער פֿרי, ווען די מחנה האָט זיך אויסגעליידיקט, האָט פּאַפּאַ־דימיטריו אָנגעהויבן אומוואַרפֿן געצעלטן און זיי צעשניידן אויף שטיקער און ער האָט אויך אים געהייסן טאָן דאָס זעלבע. מען איז געווען צוגעוווינט צו זען דעם מאַקעדאָנער אַרומגיין מיט דער שער און אומלייגן געצעלטן, האָבן די עטלעכע זעלנער, וועלכע זענען געבליבן אין לאַגער, זיך נישט געכאַפּט, וואָס עס קומט פֿאַר און ווען זיי האָבן זיך געכאַפּט וואָס ביידע, דער מאַקעדאָנער מיטן יוגאָסלאַוו האָבן אָפּגעטאָן, איז שוין געווען צו שפּעט. אַלע פּאַלאַטעס זענען געווען צעשניטן און פּאַפּאַ־דימיטריו מיט דער שער איז אַוועק אין וואַלד אַריין. נאָך עטלעכע טעג האָט מען אים געכאַפּט און אַ געבונדענעם אָפּגעפֿירט אין אַ משוגעים־הויז. ווען דער יוגאָסלאַוו איז געבליבן אַליין האָט ער ביס־לעכווייז זיך צוריק אָנגעהויבן פֿאַרלאָזן אַ פּאָר וואָנצעס און ווען זיי זענען ווידער געוואָרן לאַנג און ער האָט זיי געקאָנט וויקלען, איז ער איין מאָל ביים עסן אַרויפֿגעשפּרונגען אויפֿן טיש און אויסגערופֿן, אַז ער איז צוריק געוואָרן טיטאָ און אַז קיינער וועט זיך נישט קאָנען פֿאַרגלייכן מיט יוגאָ־סלאַוויש בלוט. ס'איז געווען דעמאָלט, ווען ער האָט איבערגעקערט וועגערס טעלער און וועגער האָט אָפּגעמאַכט מיט אים צו שווימען אַ גאַנצן טאָג אין וואַסער.

ס'איז נאָך געווען פֿינצטער, ווען וועגער האָט זיך אויפֿגעהויבן פֿון זיין געלעגער און אַרויס אין דרויסן. ווען ער איז צוריקגעקומען און ער האָט מיך אויפֿגעוועקט איז שוין געווען ליכטיק. ער איז געשטאַנען לעבן מיר און פֿון ציטערניש נישט געקאָנט אויסרעדן אַ וואָרט. שפּעטער בין איך געוואָר געוואָרן, אַז ער האָט געשלאָגן דעם אַלמן פֿון עסטרייך. וועגער האָט זיך אויפֿגעכאַפּט אין מיטן דער נאַכט און דער ענין מיטן שלאָס

האָט אים נישט געלאָזן צו רו. פאַר וואָס האָט עס יענער געטאָן און פאַר וואָס האָט ער אים נישט געלאָזן שפּילן אויף דער פּיאַנאָ. ס'האָט אים געמאַטערט, ער האָט נישט געקאָנט איינשלאָפן און ער האָט מורא געהאַט, אַז ער וועט אָפּטאָן עפּעס אַ זאַך. דערפאַר האָט ער געוואָלט איך זאָל שלאָפן ביי אים די נאַכט. אָבער וועגער האָט געוווּסט, ווען דער אַלמן שטייט אויף צו דער אַרבעט, איז ער אַראָפּ פון זיין בעט און אין דער פינצטער געגאַנגען אים אַנטקעגן, צו פרעגן בלויז פאַר וואָס ער האָט פאַרמאַכט פאַר אים די טיר פון טעאַטער־זאַל. בלויז דאָס האָט וועגער געמיינט צו פרעגן. אָבער ווען ער איז צוגעקומען צום אַלמן פון עסטרייך האָט יענער זיך דערשראָקן און צוריקגעצויגן דאָס פּנים, ווי אויף אויסצו־מיידן אַ פּאַטש. ווען וועגער האָט דאָס דערזען האָט זיין האַנט זיך אויסגע־צויגן און ער האָט דערלאַנגט דעם קלאַפּ, פאַר וועלכן יענער האָט זיך גע־שראָקן נאָך איידער וועגער האָט געמיינט צו שלאָגן. מען האָט וועגערן גערופן צום דין, אָבער ער האָט נישט געבעטן מחילה ביים אַלמן פון עסטרייך. ער האָט עס נישט געקאָנט טאָן און ער איז אַרומגעגאַנגען זייער אַ דערשלאָגענער. ס'איז געווען דעמאָלט, ווען ער האָט באַשלאָסן צו נעמען דאָס געלט, וואָס ער האָט די גאַנצע צייט ביי די דייטשן נישט געוואָלט נעמען, כדי צו קויפן אַ פאַרטיקן צריף און אַ פּיאַנאָ און אַזוי אַרום נישט דאַרפן אָנקומען מער צום אַלמן פון עסטרייך. אָבער אויך דאָס איז געווען אוממעגלעך. די נאָנע האָט אים געזאָגט, אַז דאָס געלט, וואָס ער וועט אָפּנעמען, וועט ער דאַרפן אָפּגעבן אין קיבוץ און נאָר דער קיבוץ וועט באַשליסן, וואָס מיט דעם צו טאָן. און ס'איז געווען גאַנץ זיכער, אַז זיי וועלן קיין צוויי פּיאַנאָס נישט קויפן.

„אָבער ס'איז דאָך מיין געלט?" — האָט וועגער זיך געוועהרט.

די נאָנע איז געווען טרויעריק. זי האָט געזען, אַז וועגער פאַרשטייט נישט און ער ווייס נישט, אַז אין דעם פאַל וועלן קיין שום וויכוחים נישט העלפן. האָט וועגער געמאַכט אַ פּלאַן, אַז ער וועט פאָרן קיין דייטשלאַנד און שוין אָפּנעמען דאָס גאַנצע געלט, אויך די ירושה פון זיין משפּחה. קויפן דאָרטן אַ פּיאַנאָ און אַ פאַרטיקן צריף און צוריקקומען מיט דעם אין קיבוץ אַריין. קעגן דעם פּלאַן האָט די נאָנע נישט געזען קיין מיכשול

און אַזוי איז עס פאַרבליבן. דאָס זעלנערזעקל מיט זיינע זאַכן האָט וועגער איבערגעלאָזט ביי מיר, די וואַליזע מיט די ביכער ביי דער נאַנע און ער איז אַוועקגעפאָרן.

מיר האָבן געוואָרט ער זאָל צוריקקומען, די נאַנע און איך, און ווען נאָר מיר האָבן זיך באַגעגנט, האָבן מיר גערעדט וועגן אים. די נאַנע איז געוועזן הויך און שלאַנק און אַ מאָל איז זי געוועזן שיין. זי האָט געוואָלט וויסן וועגן וועגערן, וועגן זיין לעבן, און איך האָב איר דערציילט וועגן אונדזערע יאָרן אין זעלנערשן לאַגער אין אויסטראַליע, וועגן דעם יוגאָ־סלאַוו מיכאַילאָוויטש און וועגן פּאַפּאַ־דימיטריו דעם מאַקעדאָנער. ס׳איז איר שווער געווען צו באַנעמען, וואָס וועגערן האָט געבראַכט קיין ישראל, און איך האָב איר דערציילט, אַז גאָר מעגלעך, אַז פּאַפּאַ־דימיטריו האָט געהאַט אין דעם אַ האַנט. נאָך דער מלחמה איז וועגער איין מאָל געגאַנגען באַזוכן פּאַפּאַ־דימיטריו אין משוגעים־הויז. ער האָט אים געטראָפן זיצנדיק אויף אַ באַנק אין הויף צווישן ביימער. לויטן פּנים וואָלט אים וועגער שוין אפשר מער נישט דערקאָנט, אַזוי איז ער אַנדערש געוואָרן, נאָר וועגער האָט געדענקט דעם מאַקעדאָנערס אופן פון זיצן, און אין דער זעלבער פּאָזע ווי ער איז אַ מאָל געזעסן אויפן בעטל אין געצעלט, איז ער איצט געזעסן אויף דער באַנק. נישט צו פרעגן קיינעם, האָט וועגער געוווסט, אַז דאָס איז דער מאַקעדאָנער. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט לעבן אים און אים געזאָגט, ווער ער איז און געוואָרט, אַז אויך דער מאַקעדאָנער זאָל זיך אין אים דערמאָנען. אָבער פּאַפּאַ־דימיטריו האָט נישט געענטפערט. וועגער האָט גערעדט און גערעדט און פּאַפּאַ־דימיטריו האָט געשוויגן. וועגער האָט אַרויסגענומען אַ טאַפל שאָקאָלאַד, וואָס ער האָט געבראַכט פאַר אים, און עס אַריינגעלייגט אין זיינע הענט אַריין. ס׳איז דאָרט גע־בליבן ליגן אָן זיין וויסן. איז וועגער אויך געזעסן און געשוויגן. ערשט דעמאָלט האָט ער דערהערט ווי פּאַפּאַ־דימיטריו האָט גערעדט צו אים. דער מאַקעדאָנער האָט אים געזאָגט, אַז נאָך דער מלחמה וועלן זיי ביידע אַרבעטן אויף אַ פּראַכטשיף און פאָרן צוריק אַהיים.

„איך האָב נישט קיין היים״, האָט אים וועגער איבערגעריסן.

אָבער פּאַפּאַ־דימיטריו האָט עס נישט פאַרשטאַנען.

„פון וואַנען מען קומט, דאָרט איז די היים״ — האָט ער דערקלערט וועגערן.

וועגער האָט געשאָקלט צו פּאַפּאַ־דימיטריו מיטן קאָפּ אויף ניין, אַז ס׳איז נישט אמת און ער האָט געזען, אַז דער מאַקעדאָנער האָט די גאַנצע צייט געשוויגן און געזעסן לעבן אים אַ נישט־היגער. אַי דאָס, וואָס ער האָט אים געהערט רעדן, האָט עס פּאַפּאַ־דימיטריו גאָר געזאָגט אַ מאָל, ווען זיי האָבן אָנגעהויבן ווײַנען צוזאַמען אין איין געצעלט. וועגער האָט איבער־געלאָזט דעם מאַקעדאָנער זיצן אויף דער באַנק צווישן די ביימער און אַליין איז ער אַרויס פון הויף און אַוועק צוריק אין שטאָט אַרײַן, אָבער דעם מאַקעדאָנערס ווערטער זענען אים נאָכגעגאַנגען. אין יענע טעג האָט וועגער אָנגעהויבן לייענען אַ בוך פון מאַרטין בובער וועגן גאָט און וועגן חסידים. ווען מאַרטין בובער און פּאַפּאַ־דימיטריו האָבן זיך צוזאַמענ־געטראָפן ביי וועגערן, האָבן זיי זיך דאָרטן צונויפגעמישט, און אַן אַנדערש מאָל האָט מיר וועגער געזאָגט, אַז פּאַפּאַ־דימיטריו און מאַרטין בובער זענען געווען זיינע אונטערפירער קיין ישראל.

אָבער וועגער האָט נישט געלאָזן פון זיך הערן.

„ער וועט צוריקקומען״, האָב איך געזאָגט דער נאָנע, „ער וועט צוריק־קומען מיט אַ קלאַוויר״.

די נאָנע האָט באַדויערט דעם אינצידענט מיטן קלאַוויר. זי האָט געמיינט, אַז וועגערן איז גוט געווען דאָ אין קיבוץ, אַז ער האָט זיך צוגעצ־פּאַסט צום לעבן און אַז דאָ איז געווען זיין היים.

„ער וועט צוריקקומען״, האָב איך איבערגעחזרט.

אָבער געקומען איז בלויז אַ קאַרטל.

„פון וועגערן״, האָב איך אויסגערופן ווען די נאָנע איז מיטאָגצייט מיר געגאַנגען אַנטקעגן אויפן שמאָלן טראָטואַרל צווישן דעם חדר־האוכל און די קליינע קיך און זי האָט געפּאַכעט מיט אַ קאַרטל אין איר אויסגע־שטרעקטער האַנט.

דאָס קאַרטל איז געווען פון דייטשלאַנד. עטלעכע דראָבנע שורות, אַז וועגער וווינט אין אַ צימער ביי אַן אַלט פּאָר־פּאָלק, וואָס ער האָט נאָך

געקאָנט פון פאַר דער מלחמה. אַז ער האָט אַ פּיאַנאָ אין זיין צימער און אַז ער האָט עטוואָס פּרנסה פון געבן פּריוואַטע ענגלישע לעקציעס.

„און איך האָב געמיינט, אַז ער האָט פיינט געהאַט ענגליש", האָט די נאַנע געזאָגט.

איך האָב נאָך אַ מאָל איבערגעלייענט דאָס קאַרטל.

„און אַלץ צוליב דער פּיאַנאָ", האָט די נאַנע ווייטער גערעדט. זי האָט געדענקט ווי וועגער האָט דעמאָלט געציטערט. ווי זיינע דינע ליפּן זענען געווען בלוי. אַזוי ציטערן האָט זי אים קיין מאָל נישט געזען. איך האָב איר געזאָגט, אַז צוויי מאָל האָב איך וועגערן געזען אַזוי ציטערן. ס'ערשטע מאָל, ווען מיר האָבן זיך נאָר וואָס געהאַט באַקענט אין זעלנערשן לאַגער. דער בחור, וועלכער איז פּריצייטיק אַלט געוואָרן און זיין שותּף האָבן איינגעאָרדנט אַ ניי־יאָר פאַרוויילונג. זיי האָבן פאַרבעטן פריינד און ביי יעדן פון זיי גענומען אַ שילינג צו שטייער די אויסגאַבן. אויך וועגער איז געווען צווישן די פאַרבעטענע געסט, כאָטש ער האָט שוין דעמאָלט געוווינט ביי אונדז אין געצעלט. וועגער האָט צו שטייער געגעבן בלויז אַ האַלבן שילינג. ווען ער איז געקומען צו דער מסיבה און ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אויפן אָנגעצייכנטן פאַר אים פּלאַץ, האָט ער געזען, אַז לעבן אים ליגן האַלבע פּאָרציעס: אַ האַלבער פּאָמעראַנץ, אַ האַלבער „סענד־וויטש" און אַ האַלב טעפּל וויין. אַ גאַנצע נאַכט איז ער דעמאָלט געלעגן אַ פאַרשעמטער אויפן בעט אין אונדזער געצעלט און געציטערט.

„און דאָס צווייטע מאָל?" — האָט די נאַנע געוואָלט וויסן. אָבער דער אַלמן פון עסטרייך איז אָנגעקומען און געשטערט אונדזער שמועס. האָט די נאַנע מיר געבעטן איך זאָל נישט פאַרגעסן צו דערציילן איר אַן אַנדערש מאָל און זי איז אַוועקגעגאַנגען.

איך האָב נאָכגעקוקט ווי זי גייט אַוועק. איך האָב זיך נישט געקאָנט איינהאַלטן און וואַרטן ביז אַן אַנדערש מאָל, האָב איך גערעדט צו איר פּלייצע, וואָס האָט זיך דערווייטערט.

דאָס צווייטע מאָל איז געווען, ווען ער איז אַרויס פון וואַסער נאָכן שווימען אַ גאַנצן טאָג אין גרויען טייך. די זון איז פאַרגאַנגען און וועגער איז געלאָפן מיטן שיפן ברעג צום אָרט ווו ער האָט איבערגעלאָזט זיינע

קליידער. לויפנדיק איז ער אַוועקגעפאַלן אויפן גראָז און געבליבן ליגן איינגעקאָרטשעט ווי אַ קליין קינד. ווען איך בין צוגעקומען צו אים איז ער געווען בלוי און ער האָט געציטערט. ס׳האָט אים געקלאַפּט אַ צאָן אָן אַ צאָן. איך האָב גערעדט צו אים און ער האָט נישט געענטפערט. אַ שמייכל האָט זיך יאָ אַדורכגעגנבעט דורך זיינע ציטערנדיקע ציין. איך האָב גענומען זיינע קליידער און אים צוגעדעקט און זיך אַוועקגעזעצט לעבן אים אויפן גראָז וואַרטן ביז ער וועט אויפהערן ציטערן.

פון זעלבן מחבר

אונטער פרעמדע הימלען (לידער)

אויף שמאָלע טראָטואַרן (ראָמאַן)